STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05641

MAYN ZEYDEN'S MAYSELEKH

Alter Eisenschloss

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. אײַזענשלאס

LIBRARY OF THE
BUREAU OF JEWISH EDUCATION
CLEVELAND, OHIO

מײַן זײדענ'ס מעשה'לעך

ערשטער באַנד

פֿאַרלאַג און בוכהאַנדלונג
א. י. שפּירא און מ. יוסטמאַן
1923

מיין טייערען אונפערגעס-
ליכען פאטער צבי זאב
ב"ר משה ז"ל.

פעמערקונג:

מחמת דעם, וואס די קארעקטור
האבען געמאכט צוויי ערליי קא-
רעקטארען, איז די ארטאגראפיע
נישט ארויס ריין איינהייטליך

DRUK. SIKORA i MYLNER WARSZAWA, NOWOLIPKI 6.

וועלוועלע מתנגד.

אין שטעדטעל נ. האָט געוואוינט אַ רייכער יוד מיט נאָמען ר' וואָלף אָדער ווי די חסידים פלעגען איהם רופען — וועלוועלע מתנגד. ר' וואָלף איז געוועזען אַ תבואה־סוחר און געפיהרט די גרעסטע געשעפטען מיט אַרומיגע פריצים. ער איז שוין געוועזען אַ יוד אין די יאָהרען, אַלט געוועזען איבער פינפציג יאָהר.

אַזוי איז ר' וואָלף געוועזען אַ גאַנץ ערהרליכער און אָבגעהיטענער יוד, און געהאַט זעהר אַ גוטען נאָמען אַרום און אין גאַנצען קאַנט. נאָר ווייל ער האָט נישט געדאַוועגט אין „שטיבעל", נישט געפאָהרען צו קיין „רבי'ן", נישט געוואָלט בכלל האָבען צו טון מיט קיין חסידים, האָבען איהם די חסידים פון שטעדטעל אַ נאָמען געגעבען — מתנגד... נישט קוקענדיג אָבער אויף דעם אַלעם, וואָס ער איז געוועזען כל ימיו אַ מתנגד, און דאָס שטעדטעל איז בעשטאַנען פון לויטער חסידים, איז ער דאָך צוליב זיין ערהרליכקייט און רייכקייט געוועזען דער ראש־הקהל פון שטעדטיל און וועגען אַלערליי ענינים, וואָס זענען נוגע געוועזען דעם שטעדטיל, האָט ער געהאַט די גרעסטע דעה.

דעם אמת געזאָגט, האָט איהם דאָס שטעדטיל געקאָסט זעהר פיל געלד. ביי יעדער שטאָדט־זאַך, איז ער אַלע מאָל געוועזען דער ערשטער, וואָס האָט געגעבען געלד, און געגעבען האָט ער טאַקע מיט דער פולער האַנד. ער פלעגט אויך זעהר פיל אונטערשטיצען יחידים, האָבען עס געמעגט אפילו זיין

חסידים, קוים זענען זײ געווען נצרכים האָט ער נישט געמאַכט קײן אונטערשײד צווישען אַ חסיד און נישט קײן חסיד...

חסידים פלעגען האַלטען אין אײן קרעכצען: „ווען אַזאַ אײנער איז פון אונזערע, אונזער'ס אַ חסיד, למשל, אַזוי וואָלטען דאָך אונזערע „שטיבלעך" געוואָרען אויפגעריכט. דער רבי וואָלט געקענט לעבען בהרחבה, און מיר — מיר אַלײן טאַקע, וואָלטען אויך געוואוסט פון אַ לעבען צו זאָגען...

און באמת טאַקע האָט דאָס יעדען חסיד שטאַרק פערדראָסען. סטײַטש, אַזאַ עהרליכער יוד, אַזוי אָבגעהיטען, האָט אַזאַ גוטען נאָמען, טוט אַזוי פיל צדקה, איז אַזוי פיל עוסק בצרכי צבור, — איז נישט קײן חסיד, און דאַווענט נאָך אין אַ פּראָסטען בית־המדרש!.. די ידידים זײַנע פלעגען אפילו זאָגען, אַז ווען נישט די שטענדיגע מחלוקת'ן וואָס זענען אָנגעגאַנגען צווישען די חסידים פון שטעדטיל וועגען דער גרויסקײט פון זײער רבי'ן, וואָלט אפשר ר' וואָלף טאַקע געוואָרען אַ חסיד, האָט ער זיך אָבער כסדר אָנגעהערט פון די שטענדיגע מחלוקות'ן פון די צוויי פּאַרטײען חסידים אין שטעדטיל, די פּשיסכער און די ליבאַוועטשער און דאָס האָט איהם אינגאַנצען אָבגעשטויסען פון חסידות.

ווען נישט ווען, פלעגט טאַקע אײנער פון דעם אָדער יענעם צד פּרובען אויף איהם משפיע צו זײַן און אויפווײַזען מיט אותות ומופתים, אַז זײַן רבי איז טאַקע דער גרויסער, אַז נאָר טאַקע ער אַלײן איז דער אמת'ער מנהיג הדור און אַז נאָר ער אַלײן האַלט די גאַנצע וועלט אין זײַן האַנד... ר' וואָלף פלעגט אָבער שמײכלען, צו וואָס נוצט אײַך דאָס אַלץ — פלעגט ער גוטמוטיג ענטפערען, איך וועל שוין קײן חסיד נישט ווערען...

אין די שפּעטערדיגע יאָהרען, ווען עס פלעגט נאָך אַמאָל עמיצער אָנהויבען צו רעדען דערפון, אַזוי פלעגט ער ענטפערען, — שוין צו שפּעט אַביסעל. אַ חסיד קען מען ווערען אין

דער יוגענד, ווען מען האָט דאָס נויטיגע פײַער דערצו, דעם נויטיגען ברען, די שטאַרקע אמונה... מיר פעהלט דאָס אָבער שוין. איך בין שוין אַ ביסעל צו אַלט דערצו.

אײנער פון זײַנע נאָנסטע ידידים, דער קלײנער ר׳ שמעלקעלע, גאָר אַ הײסער ליובאַוויטשער, האָט אָבער נישט אויפגעהערט צו שרײַען: ווערסט זעהן, וואָלף! ווערסט נאָך זײַן אַמאָל אַ הײסער ליובאַוויטשער חסיד, ווערסט נאָך שטאַרבען אַ ליובאַוויטשער...

ר׳ וואָלף פלעגט דערויף אַ שמײכעל געבען, און גאָרנישט ענטפערען. מאַכט זיך אָבער אַמאָל אַ מעשה, און בײַ ר׳ וואָלף׳ן ווערט קראַנק דאָס אײנציגע אײניקעל, וואָס ער האָט געהאַט. איך האָב אײַך פערגעסען צו דערצעהלען, אַז ר׳ וואָלף האָט נישט מעהר געהאַט ווי אַן׳אײנציגע טאָכטער, וואָס איז געבליבען זעהר יונג אַן׳אלמנה און איז באַלד נאָכ׳ן מאַנ׳ס טויט, צוריקגעגאַנגען צו ר׳ וואָלף׳ן. דאָס אײניקעל, אַ יונגעלע פון אַ יאָהר אַכט—נײַן, האָט ר׳ וואָלף ליב געהאַט אהבת־נפש, ער פלעגט מיט איהם צוזאַמען עסען, שלאָפען און דער פרײַער צײַט זיך שפּילען מיט איהם. מיט אײן וואָרט, ער איז גרײט געווען פאַר איהם אָבצוגעבען זײַן גאַנץ עשירות, דאָס גאַנצע לעבען. ס׳פערשטעהט זיך, אַז ר׳ וואָלף האָט וועלטען אײַנגעלעגט, אַלע טאָג גענומען די בעסטע דאָקטוירים, די בעסטע און טײַערסטע מעדיצינען, געדונגען ספּעציעלע מענטשען, וואָס זאָלען טאָג און נאַכט זיצען בײַ זײַן בעטעל, אין בית־המדרש האָט מען צוויי מאָל אין טאָג, אין דער פריה און פאַרנאַכט תהילים געזאָגט, מ׳האָט געדינגען עטלעכע יודען, וואָס זאָלען זיצען און לערנען פאַר איהם. עס האָט אָבער אַלץ נישט געהאָלפען אין דעם קינד איז געוואָרען פון טאָג צו טאָג אַלץ ערגער און ערגער.

דאָ איז צו איהם דער קלײנער ר׳ שמעלקעלע צוגעשטאַנען ער זאָל אַריבער פאָהרען צום „ליובאַוויטשער״.

— עקשן אײנער, — האָט ער גע׳טענה׳ט צו איהם, זײַ

ניִשט אײַנגעָשפּאַרט, אַ גאַנצעָ װעָלט פאָהרט. — פאָהר אויך! װאָס קעָן עָס דיִך אַהרעָן, אַז דו װעָסט פאָהרעָן? כ'לעָבעָן װאָלף, פאָלג מיִך און פאָר אַריִבעָר. װעָסט זעָהן, אַז דאָס קיִנד װעָט האָבעָן אַ רפואה־שלימה...

פריִהעָר האָט ר' װאָלף איִהם אָנגעָשריִגעָן, עָר זאָל איִהם ניִשט פעָרדרעָהעָן קײן קאָפּ מיִט זײַן לובאַװיִטשעָר... אָבעָר איִן אַ פּאָר טעָג אַרום, אַז דאָס קיִנד איִז געָװאָרעָן זעָהר מסוכּנ'דיִג, עָס האָט אויפגעָהעָרט איִן גאַנצעָן צו רעָדעָן, דאָקטוירים האָבעָן איִהם שוין אָבגעָזאָגט דאָס לעָבעָן, זײ האָבעָן שוין איִנגאַנצעָן ניִשט געָװאָלט קומעָן צו איִהם, דאָ האָט ר' װאָלף געָשיִקט נאָך ר' שמעָלקעָלעָ'ן און בײדעָ צוזאַמעָן זעָנעָן זײ אַריִבעָרגעָפאָהרעָן צום „ליִבאַװיִטשעָר".

אַהיִנגעָקומעָן זעָנעָן זײ געָגעָן מיִטאָגצײַט. דעָר אַלטעָר ליִבאַװיִטשעָר ז"ל האָט נאָר װאָס געָהאַט אָבגעָדאַװעָנט און געָװאָלט געָהן עָפּעָס טועם זײַן, ר' שמעָלקעָלעָ האָט געָבעָטעָן דעָם משמש, עָר זאָל זײ גלײַך אַרײַנלאָזעָן, װאָרום עָס האַנדעָלט זיִך װעָגעָן אַ חולה מסוכּן... דעָר משמש האָט אָבעָר ניִשט געָװאָלט און געָ'טענה'ט, אַז דעָר רבי האָט נאָר װאָס אָבגעָדאַװעָנט און נעָהט איִצט איִבעָרבײַסעָן...

דאָ האָט אָבעָר פלוצלונג דעָר אַלטעָר ליִבאַװיִטשעָר זיִך בּעָװיִזעָן אויף דעָר שװעָל און נאָך אײדעָר ר' שמעָלקעָלעָ האָט צײַט געָהאַט אַ געָשרײ צו געָבעָן רבי! האָט זיִך דעָר „אַלטעָר" ז"ל אָנגעָרופעָן: בּיִזט אַ צו גרויסעָר עקשן געָװעָן, װאָלף! זעָהר פיִהל אַרבּײט געָמוזט אָנװעָנדעָן, אַז די זאָלסט אַהעָרקומעָן... ר' װאָלף איִז געָבּליִבּעָן שטעָהן װי אַ פעָרציִטעָרטעָר, האָט ניִשט געָװאוסט װאָס צו זאָגעָן, העָרעָנדיִג װי דעָר רבי רופט איִהם אָן בּײַם נאָמעָן...

אַ פּנים, אַז דאָס קיִנד איִז קראַנק געָװאָרעָן און האָט אַזוי פיִל יסורים געָליִטעָן, נאָר דעָרפאַר, װאָס עָר האָט ניִשט געָװאָלט בּיִז איִצט אַהעָר פאָהרעָן — האָט עָר געָטראַכט,

ער האָט געוואָלט דעם רבי'ן מפייס זײַן עפּעס זאָגען, דאָ האָט אָבער דער „אַלטער" װײַטער געזאָגט: נו אַצינד קאָנסטו שוין אַ הײמפאָהרען. דאָס קינד װעט שוין האָבען אַ רפואה שלימה...

רבי! — האָט ר' װאָלף נאָך אין אײן שרעק אויסגעשריגען, די דאָקטוירים זאָגען איהם אָבער אָב דאָס לעבען, זײ װילען שוין נישט געהן צו איהם, ער איז מײַן אוינ אין קאָפּ, מײַן קדיש... — האָט ער אָנגעהויבען צו װײנען.

— שוטה! — האָט דער „אַלטער" אויף איהם אָנגעשריגען, דו מײנסט טאַקי אויף אַג'אמת, אַז די דאָקטוירים האָבען אַ דעה אויף כּביכול'ס יצירה?.. זײ װילען נישט געהן? זײ װעלען טאַקי נישט מעהר דאַרפען געהן. ער װעט שוין געזונד װערען אָהן זײ... פאָהר טאַקי שוין אַהײם, װײַל דאָס קינד זוכט דיך דאָרט. פרעגט זיך אויף דיר כּסדר...

אַז ר' װאָלף איז שפּעטער אַהײמגעקומען, זענען איהם די שטובּיגע אַקעגענגעלאָפען מיט דער בשורה, אַז דעם קינד איז אַ סך בּעסער, אַז עס האָט שוין צוריק אָנגעהויבען רעדען, זוכט איהם און האַלט אין אײן פרעגען אויף איהם.. אין אַ פּאָר טעג אַרום איז דאָס קינד פאָלשטענדיג געזונד געוואָרען און דאָס טאַקי אויך אָהן אַ דאָקטאָר, דאָקטוירים האָבען זיך געהאַלטען אין אײן װאונדערן, ס'טײַטש — װי אַזוי? װי אַזוי איז דאָס געשעהען?.. ר' שמעלקעלע האָט אָבער געלאַכט און גע'טענה'ט, אַז אויפ'ן „ליבּאַװעטשער" איז נישט קײן קשיות צו פרעגען!..

ס'פערשטעהט זיך, אַז נאָך דער מעשה איז ר' װאָלף געוואָרען אַ הײסער ליבּאַװעטשער און ר' שמעלקעלע האָט זיך געהאַלטען אין אײן רײצען מיט איהם: אָבער װער האָט אויסגעפירט, האַ? איך האָב געזאָגט, אַז דו מוזט שטאַרבען אַ ליבּאַװעטשער!

אמעשה מיט ציבעלעס.

די אלטע לובלינער חסידים, זענען געווען גרויסע ציבעלעס עסער, אזוי אז עס איז אומגעגאנגען א ווערטעל, אז א לובלינער חסיד קאן מען דערקאנען לויטן ריח פון מויל... דאס האט זיך גענומען דערפון, וואס בײ׳ם לובלינער ז״ל פלעגט מען צום טיש שטענדיג דערלאנגען זעהר פיל ציבעלעס, כמעט פאר יעדען מאכל. דער לובלינער אליין ז״ל פלעגט אלע מאל זאגען, אז אין ציבעלעס ליגט זעהר א גרויסער סוד. אז לעתיד לבוא, ווען משיח וועט קומען וועלען אלע מאכלים אונטערגעהן, נאר „ציבעלעס" וועלען בלײבען... דאס איז דערפאר, פלעגט ער אפט זאגען, ווײל ציבעלעס זענען א רמז אויפ׳ן אײביגען יוד, וואס די וועלט פערטראגט איהם איהם נישט, די וועלט ווײנט איבער איהם, און דאך מאכט ער יעדען אנ׳אפעטיט... ס׳פערשטעהט זיך, אז צוליב די חסידים איז שוין ציבעלעס געווארען א מאכל אין דער גאנצער שטאדט אזוי, אז עס איז שוין כמעט קײן אײנציגער יוד נישט געווען אין גאנץ לובלין, וואס זאל זיך קאנען זעצען צום טיש עפעס עסען אהן אשטיקעל ציבעלע.

אײנמאל ווען דער לובלינער האט גראד געדארפט חתונה מאכען א טאכטער און מען האט פערשטעהט זיך געדארפט האבען זעהר פיל ציבעלעס, האט גראד זיך געמאכט אז אין גאנץ לובלין איז נישט געווען צו בעקומען קײן ציבעל, אפילו אויף א רפואה. א גרויסע צאחל חסידים און אויך זעה־ פיל פון פשוט׳ן עולם האבען זיך ארויסגעלאזט איבער

אַלע דערפער, אָנגעקלאַפּט בײַ אַלע טירען, געװאָלט צאָלען אין טאָג אַרײַן, אָבער אַלץ איז געװען אומזיסט, קײן ציבעלע איז אין ערגעץ נישט געװען צו בעקומען. דער לובלינער האָט זיך זעהר שטאַרק מצער געװען צוליב אַזאַ קלײניקײט, צוליב אַ פּראָסטע ציבעלע, זאָל די חתונה מוזען איצט אָבגעלעגט װערען... ער איז אַרײַן אין זײַן חדר מיוחד, זיך דאָרט פערשלאָסען, און דאָרט אָבגעהאַלטען התבודדות אין טיפען צער!...

פערשטעהט זיך דאָך, אַז עס איז געװאָרען אויבען אַ רעש, די גאַנצע פמליא של מעלה איז זיך צוזאַמענגעקומען און עס איז געבליבען, אַז די חתונה טאָר נישט אָבגעלײגט װערען, און אַז מען מוז זעהן דעם לובלינער צו שאַפען ציבעלעס...

דער לובלינער מיט׳ן ראָפּשיצער זענען דאַמאָלס שטאַרק ברוגז געװען אײנער אויפ׳ן צװײטען, אַזױ, אַז אַפילו אויף דער חתונה האָט איהם דער לובלינער נישט געבעטען. דער ראָפּשיצער האָט דערפון געלאַכט און געזאָגט פאַר זײַן עולם, אַ שבת פאַר די חתונה, אַז אָהן איהם װעט די חתונה נישט זײַן. די גאַנצע מעשה מיט די ציבעלעס איז טאַקע געװען זײַנס אַ שפּיצעל... האָט די פמליא של מעלה דעריבער בעשלאָסען אַז דער ראָפּשיצער אַלײן זאָל איהם ברענגען ציבעלעס, און אַזױ אַרום װעט ער שוין ממילא אויך זײַן אויף דער חתונה און זײ װעלען זיך דורכדעם איבערבעטען...

צװישען ראָפּשיצער און לובלינער האָט געהערשט אַנ׳אַלטע מחלוקה דערפאַר, װאָס דער ראָפּשיצער איז בידוע געװען זעהר אַ פרעהליכער, איז תמיד געװען אויפגערוימט און שטענדיג ליב געהאַט צו זאָגען אַ גלײַך װערטעל. אײנמאָל, דערצעהלט מען, זײַענדיג אין לובלין, איז ער אַרויסגעגאַנגען פון זײַן חדר און גלײַך צוריקגעקומען זעהן, צי זײַן טיש קעסטעל איז גוט פערשלאָסען. דער עולם האָט זיך שטאַרק

פערחידוש'ט און איהם געפרעגט, פאר וואס ער פערשליסט אזוי שטארק זײַן טישקעסטעל? האט דער ראפשיצער שמײכלענד געענטפערט: ווען איהר וואלט געוואוסט, וואס פאר א מומחה דער לובלינער איז צו עפענען שלעסער, וואלט איהר נישט געפרעגט. דער לובלינער איז שטארק אין כעס געווארען; א פנים אז ער האט דאס ניט געדארפט אויסזאגען און איהם אנגערופען דערפאר ראפשיצער פויער!...

דעם פסק-דין פון דער פמליא של מעלה, האט מען באנאכט צווישען געגעבען דעם ראפשיצער. באלד אין דער פריה האט דער ראפשיצער ארויסגעשיקט די גבאים און שמשים, אז זיי זאלען איינקויפען אלע ציבעלעס פון גאנצען מארק, בײַנאכט האט דער ראפשיצער געהייסען זיינע שמשים, אז זיי זאלען אלע ציבעלעס ארויפלעגען אויף א פויערישען וועגעלע, ער האט זיך אליין אנגעטון פויעריש'ע מלבושים, ארויפגעזעצט זיך אויפ'ן וועגעלע, און נעמענדיג די לייצעס האט ער א קנאק געגעבען מיט דער בײַטש און איז א וועק געפארען.

ווען דער עולם איז צומארגענס אין דער פריה ארויס אויפ'ן מארק, האט מען פלוצלינג דערזעהן א פויעריש וועגעלע מיט ציבעלעס, אויף וועלכען דער פויער איז נאך געזעסען און געדרעמעלט. באלד איז מען דאס וועגעלע מיט די ציבעלעס בעפאלען פון אלע זייטען, יעדער האט געוואלט זײַן דער בריה און ברענגען דעם לובלינער דאס וועגעלע ציבעלעס... דער פויער האט אבער בשום אופן קיינעם נישט געוואלט פערקויפען, ענטפערנדיג יעדען איינעם =טא ניע דלא וואס!...

באלד האט זיך די ידיעה פערשפרייט איבערן גאנצען שטעדטעל און אלע ווי איינער זענען ארויס אויפ'ן מארק.

די חסידים האבען זיך פשוט געהארג'עט, איינער האט געוואלט איבערשטייגען דעם אנדערען און אנגעבאטען דעם פויער די העכסטע פרייזען. דער פויער איז אבער געבליבען בײַ דאס זייניגע און געהאלטען אין איין שרייען: „טא ניע דא

ספּשעדאַניאַ, טאָ ניע דלאַ וואַס!"

— עפּעס מעשה שטן! — האָבען די עלטערע חסידים אָנגעהויבען רעדען צווישען זיך. די יונגערע ווידער האָבען זיך גענומען היצען: מען דאַרף איהם די בײנער צו ברעכען... וואָס הייסט? — ער קומט אַרײַן מיט אַ וועגעלע ציבעלעס און וויל עס נישט פערקויפען — האַ?! די עלטערע האָבען אָבער דערפון אָבגעהאַלטען און אײנער אַ רײַכער חסיד, אַנאַנגעזעהענער בעל הבית פון שטאָדט, איז נאָך אַמאָל צוגעגאַנגען צום פויער און איהם געבעטען ער זאָל איהם כאָטש זאָגען צו וועמען געהערען די ציבעלעס. פאַר וועמען ער האָט זײ געבראַכט וועט מען אַהינגעהן צו יענעם און בײַ יענעם זײ קויפען. דער פויער האָט אַ שמײכעל געגעבען און געענטפערט — טאָ יעסט דלאַ ראַבינאַ"...

דערהערענדיג די דאָזיגע תשובה, איז דער גאַנצער עולם אַוועק צום לובלינער און איהם דערצעהלט די גאַנצע מעשה. דער לובלינער האָט זיך מיט דער בשורה זעהר דערפרעהט און גלײַך אַרײַנגעשיקט זאָגען דער רביצין, אַז זי זאָל אַרויסגעהן מיט עטליכע חסידים אַהײמנעמען די ציבעלעס...

אַז די לובלינערן איז אַרויס אויפ'ן מאַרק און אָנגעהויבען רעדען מיטן פויער, האָט דער פויער איהר געענטפערט די זעלבע תשובה: — „טאָ ניע דלאַ וואַס, טאָ דלאַ ראַבינאַ".

אױך בײַ'ן רעבינ'ס ווײַב — האָט די לובלינע'ן אָנגעהויבען רעדען מיט איהם. דער פויער איז אָבער געבליבען בײַ דאָס זײַניגע, אַז ער וועט קײנעם די ציבעלעס נישט פאַרקויפען, נאָר דעם ראַבין אַלײן...

דער לובלינער האָט נאָך געפרובט אַרויסשיקען די שמשים די גבאים, עס איז אָבער אַלץ געווען אומזיסט. דער פויער האָט נישט געוואָלט אַפילו הערען, נאָר דער ראַבין אַלײַן זאָל אַרויסקומען.

— דער לובלינער האָט זיך אַביסעל פערטראַכט, ער האָט

שוין פערשטאנען, אז דאס איז עפּעס נישט קיין געװענדליכער פויער. ער האט זיך אנגעטון און איז ארויס. ארויסקומענדיג אויפ׳ן מארק האט ער, אבער קיין זאך אין דעם פויער נישט דערקענט, מען איז זיך גלײַך מושבה געװארען מיט׳ן פּרײַז און דער פויער האט גענומען די לײצעס, געגעבען א קנאק מיט דער בײַטש, און אנגעהויבען פאהרען צום לובלינער׳ס הויז.

אבגעפאהרען א פּאר טריט, שטעלט ער זיך אב. באשר בכן, ער איז מוחל דעם ראבין דאס געלד , נאר פאר דעם געלד וויל ער, אז דער ראבין זאל זיך אויפזעצען אויף זײַן פיהרעל, כדי ער זאל האבען פון הײַנט אן הצלחה...

ס׳פערשטעהט זיך, אז דער לובלינער האט דאס בשום אויפן נישט געוואלט, און איהם צוגעזאגט אזוי א ברכה צו געבען...

דא איז דער פויער בייז געווארען און אויסגעשריגען: ווען דעם לובלינער פאסט נישט צו פאהרען מיט א ראפּשיצער פויער אויף איין וועגעלע, פאסט אויך ניט פאר א ראפּשיצער פויער צו ברענגען פאר איהם ציבעלעס אזש פון ראפּשיץ!... און ער האט אויסגעדרעהט דאס וועגעלע און אנגעהויבען פאהרען צוריק...

דא האט זיך דער לובלינער גלײַך געכאפּט ווער דער פויער איז, און ער איז גלײַך נאכגעלאפען דאס וועגעלע. זיי האבען זיך הארציג צוקושט און צוזאמען שוין צוגעפאהרען ביז צום הויז...

ס׳פערשטעהט זיך, אז דער ראפּשיצער איז שוין געבליבען ביז איבער די חתונה, וואו די גאנצע צײַט האט ער זיך כסדר געהאלטען אין איין רייצען מיט׳ן לובלינער, אז אומזיסט רופט מען איהם דער ליבלינער חוזה, אז אין דער אמת׳ן זעהט ער טאקי גארנישט!...

דעם סטריקאָווער׳ם נגון

אין שטעטל ל. נישט ווייט פון סטריקאָוו האָט
געוואוינט אַ סטריקאָווער חסיד, וואָס האָט געהאַט אַנ=
אייציגן זוהן וועלוועלע. שוין אַלס יונגעל האָט זיך וועל=
וועלע געוויזען, אַז ער וועט אויס וואַקסען נאָר אַ גרויסער
לערנער. ער האָט געהאַט אַ פייערדיגען קאָפּ און גאָר אַ שטאַר=
קע תפיסה... די מלמדים האָבען נביאות געזאָגט, אַז ער וועט
אויסוואַקסען אַנ׳עילוי... צו דרייצעהן יאָהר האָט ער שוין
אָנגעהויבען אַליין לערנען פאַר זיך. ר׳ יצחק׳ל, דער טאַטע
זיינער, פלעגט איהם אויך שוין מיטנעהמען צום רבי׳ן, וועלכער
פלעגט זיך מיט איהם אַ סך מאָל אַריינלאָזען אין פלפול, פלעגט
איהם וועלען פערפלאָנטערען און פערדרעהען מיט אַ שווערען
„תוספות״ צי גאָר מיט אַ שווער שטיקעל „מהרש״א״, אָדער
גאָר מיט אַ שטיקעל „צל״ח״, „פני יהושע״, „כל המפרשים״
א. אז. וו. וועלוועלע פלעגט זיך אָבער נישט לאָזען. דאָס פּנים׳ל
האָט ביי איהם געפלאַמט די אויגעלעך געלויכטען אין געפינקעלט
ער פלעגט זיך אַמפּערן מיט אַלע כחות, ביז ער פלעגט מוזען
אַרויסגעהן אַלס מנצח... נאָך אַזאַ מעשה פלעגט איהם דער
רבי אַ קוש געבען און זאָגען צום פאָטער.

— יצחק, דאַרפסט איהם זעהר היטען, ער וועט אַ מאָל זיין
אַ גדול!..

פערשטעהט זיך, אַז אין דער היים האָט מען וועלוועל׳ען
געהיטען ווי אַנ׳אויג אין קאָפּ, די מאַמע האָט זיך פּשוט מיט
איהם געבענשט, דער טאַטע האָט נישט געלאָזט אויף איהם
קיין „דוך״ פאַלען, דאָס גאַנצע שטעטל האָט געהאַלטן אויף איהם

אין אײן אָנװײַזען:
אָט דאָס הײסט אַ קינד... אַלע טאַטעס און מאַמעס האָבען געקרעכצט און געבעטען אין דער שטיל, אַז הלואי זאָל זײ דער אײבערשטער בעשערען מיט אַזאַ קינד...

ר' יצחק'ל איז געװען אַ װאַלד־סוחר כמעט אַלע װעלדער אַרום דעם שטעטל ל. זענען געװען אונטער זײַן מאַכט. ער איז אויך געװען אפשר דער רײַכסטער פון גאַנצען שטעטל. ער האָט געפירט גאָר גרויסע מסחרים מיט אַלע גרעסטע שטעט פון אַרום אין אַרום, ער האָט אויך געפירט געשעפטען מיט אויסלאַנד, צוליב װאָס ער פלעגט אָפט אַרויספאָהרען אויף עטליכע װאָכען, און צוריק קומענדיג פון אַזאַ װײַטע נסיעה, פלעגט ער גלײַך אַריבערפאָהרען קײן סטריקאָװ. אין דער צײַט, װאָס ער איז נישט געװען אין דערהײם, האָט װעלװעלע אַלץ אין דער הײם ערלעדיגט. און אַזױ גענױ—און פונקטליך—גלײַך װי ער װאָלט געװען אַ געבוירענער סוחר...

אײנמאָל, װען ר' יצחק'ל איז צוריקגעקומען פון אַזאַ נסיעה, איז ער, װי געװענדליך, מיט װעלװעל'ן אַריבערגעפהרען קײן סטריקאָװ אויף שבת!

פרײַטאָגצונאַכטס, שפעט אין דער נאַכט, דער גאַנצער עולם איז שוין געשלאָפען, איז װעלװעלע אַרוים אויפ'ן הויף (אַלס חשוב'ער חסיד בײַם רבי'ן, איז ר' יצחק'ל געשלאָפען אין רבינ'ס הויף, אין אַ בעזונדערן חדר), און דאָ האָט ער פּלוצ־לונג דערהערט דעם רבינ'ס ניגון, װעלכער האָט איהם שוין צוגעצויגען צום רבינ'ס פענסטער. דער רבי איז געזעסען און געלערנט, אויפ'ן קול, מיט אַזאַ װײנענדיג און בעטענדיגען ניגון, אַז װעלװעל'ע איז געבליבען װי צוגענאָגעלט צום אָרט, און זיך, נישט געקענט אַ ריהר געבען נישט אַהין און נישט אַהער...

װעגען סטריקאָװער'ס ניגון פלעגען אַלטע חסידים דערצעהלען,

װער עס האָט איהם אײנמאָל זוכה געװען צו הערען, אויף דעם האָט שוין דער יצר הרע און דער שטן קײן שליטא מעהר נישט געקאָנט האָבען, דעם איז שוין קײן שלעכטס קײנמאָל אין זײן לעבען נישט געשעהן. מ׳פלעגט נאָך אויך דערצעהלען, אַז די אַלע נשמות, װאָס האָבען קײן תיקון ניט געקאָנט האָבען, האָבען גלײַך בעקומען אַ תיקון װי נאָר זײ האָבען געהערט דעם כטריקאָװער׳ס ניגון... אָט אַזאַ כח האָט דער ניגון געהאַט... חסידים פלעגען אָפּט גאַנצע נעכט אָפּשטעהן אונטער זײן פענ־סטער, זעלטען װען אָבער עמיצער פלעגט די זכיה האָבען הערען איהם לערנען, װײַל ער פלעגט זעלטען װען אַמאָל לער־נען אויפ׳ן קול...

װעלװעלע איז אַזוי אָפּגעשטאַנען אַ צײַט לאַנג. ער האָט גאָרנישט געװאוסט, װאו ער געפונט זיך, פלוצלונג האָט אָבער דער רבי אויפגעהערט און דאָ האָט ער ערשט דערזעהען, אַז ער שטעהט אויפ׳ן הויף, אונטער דעם רבינ׳ס פענסטער. ער איז צוריק אַרײַן אין שטוב. ער איז אָבער געװען נאָך אַזוי צורו־דערט, אַז ער האָט שוין אַ גאַנצע נאַכט נישט געקאָנט שלאָפען... צומאָרגענס בײַ׳ם טיש האָט איהר דעם רבי זעהר שטאַרק מקרב געװען, אַלײן איהם געגעבען אין דער האַנד אַרײַן אַ שטיקעל פיש, אַ גלעזעל װײַן... דער עולם האָט זיך נישט װענוג גע׳חדוש׳ט. ס׳טײַטש אַזאַ יונגער צוציק, און דער רבי איז איהם שוין אַזוי שטאַרק מקרב !.. בײַ ר׳ יצחק׳לען אָבער איז דאָס האַרץ געװאַקסען פאַר גרולה און נחת...

אַ גאַנצע װאָך האָט װעלװעלע דעם ניגון נישט געדענקט. װיפיל ער האָט זיך נישט געמאַטערט זיך צו דערמאָנען אין איהם, האָט ער אַליץ ניט געקאָנט. הונדערטער מאָל פלעגט ער אָנהויבען לערנען און אָט־אָט האָט זיך איהם געדאַכט, אַז ער האָט איהם שוין, באַלד אָבער האָט ער געזעהן, אַז נישט דאָס איז עס... איז אָבער געקומען פרײַטאָג צו נאַכט, אַזוי האָט ער זיך גלײַך אָן איהם דערמאָנט, עפּעס איז ער װי אַלײן איהם געקומען אין זכרון

אַרײַן און װעלענדיג. װאָס מעהר לערנען מיט׳ן דאָזיגען נגון, האָט זיך װעלװועלע געגעבען אַ נדר, דעם גאַנצען פרײַטאָג צו נאַכט׳ם זיצען און לערנען.

מאַכט זיך אײנמאָל אַ מעשה, דאָס איז געװען עטליכע װאָכען נאָכדעם, װי װעלװועלע האָט געהערט דעם סטריקאָװער׳ס נגון, און ר׳ יצחק׳ל דאַרף פאָהרען אין דער גרויסע שטאָט װ., װאָס האָט גע׳שם׳ט מיט איהרע אפיקורסות און פערשײַטקײט. ער האָט אָבער אַלײן ניט געקאָנט פאָהרען, מחמת ער איז ניט געװען בקו הבריאות, און פאָהרען האָט מען געמוזט, עס איז געגאַנגען װעגען זעהר װיכטיגע געשעפטען, האָט ער דעריבער צוגערופען װעלװועלע׳ן, איהם אַרויסגעגעבען אַלע פאַפּירען און איהם אָנגעזאָגט און מזהיר געװען, זיך ניט לאָזען פערפיהרען פון דער גרויסער שטאָט מיט איהר פערשײַטקײט. װעלװועלע האָט גענומען די פאַפּירען, געלד אויף הוצאות, און אװעק-געפאָהרען.

אַהינגעקומען איז ער דאָנערשטאָג. דער סוחר, צו װעלכען ער איז געקומען, האָט איהם זעהר שעהן אויפגענומען, זיך נאָכגעפרעגט אויף ר׳ יצחק׳לס געזונד, אויף זײַנע געשעפטען, דערנאָך איהם פערבעטען אויף מיטאָג צו זיך אַהײם, בײַם טיש האָט מען גערעדט פון פערשידענע זאַכען. אויף צו מאָרגענס האָט דער סוחר מיט איהם ערלעדיגט אַלע געשעפטען, און װײַל ס׳איז שוין געװען שפּעט אַהײמצופאָהרען, איז װעלװועלע שוין געבליבען בײַ איהם איבער שבת.

בײַם עסען איז װעלװועלע׳ן אויסגעקומען גראָד צו זיצען בײַם סוחר׳ס אַ טאָכטער, װאָס איז געזעסען מיט די נאַקעטע הענד און אַ האַלבען האַרץ אין דרויסען. ער האָט צוליב דעם זעהר פיל געליטען און עגמת נפש געהאַט. שפּעטער נאָכ׳ן עסען האָבען זיך אָנגעהויבען צוזאַמענצוקומען געסט, מ׳האָט אָנגעהויבען צו רײדען און אָפּלאַכען פון די קלײן-שטעטלדיגע מענשען, פלוצלונג האָבען עטליכע געסט אָנגעהויבען שפּילען

אין קאָרטען און רויכערן פּאַפּיראָסען. װעלװעלע איז געזעסען װי אויף גליהענדיגע קוילען; אַ פּנים, אַז זיי װייסען גאָ ניט פון קיין שבת... אַביסעל שפּעטער האָט דעם סוחר׳ס טאָכטער אָנגעהויבען שפּילען אויפ׳ן קלאַװיר, צװזינגענדיג הויך אויפ׳ן קול... װעלװעלע איז געבליבען זיצען אינגאַנצען װי צומישט, עפּעס איז ער אינגאַנצען װי מבולבל געװאָרען, הערענדיג זי זינגען... ער האָט געװאוסט, אַז דאָס איז די טומאה אַליין, נאָר פּלוצלונג האָט זיך איינער פון עולם אָנגערופען: אפשר װעט דער יונגער הער (געמיינט האָט ער דאָס װעלװעלע׳ן) אונז עפּעס פאָרזינגען שבת׳דיגעס?.. עס איז דאָך הײנט עפּעס שבת!.. און גלייך זענען אַלע צוגעשטאַנען צו װעלװעלע׳ן אַז ער זאָל זינגען אַ שבת׳דיגען זמר.

אינגאַנצען צומישט פון דעם אַלעם, װאָס ער האָט דאָ געזעהן און געהערט, האָט װעלװעלע אָנגעהויבען זינגען אַליין נישט װיסענדיג װאָס, אָבער נאָר פּלוצלונג איז געקומען צו איהם יענער „נגון״, דער עולם איז געבליבען זיצען מיט אָפענע מויל און אויערן, דאָס לאַכען האָט אויפגעהערט. דער סטריקאָװער׳ס ניגון האָט אַלע װי פערכאַפּט, יעדערער האָט זיך עפּעס דערפילט װי אין אַנ׳אַנדערער װעלט... און װאָס װייטער װעלװעלע האָט געזונגען, אַלץ העכער זענען זיי אַרויף אין יענעם עולם העליון, װאו דער מענש איז בבחינת התפּשטות הגשמיות און װערט אַ חלק מאלוקים...

שבת צונאַכטס איז דער סוחר מיט׳ן גאַנצען עולם גלייך מיטגעפאָהרען מיט װעלװעל׳ען אַהיים, און פון דאָרט זענען אַלע צוזאַמען אַריבערגעפאָהרען קיין סטריקאָװ, געבעטען ביים רבי׳ן אַ ברכה אויף תשובה און געװאָרען גאָר גרויסע און איבערגעגעבענע חסידים.

אָט אַזאַ כח האָט געהאַט דעם סטריקאָװער׳ס ניגון!..

דער יאריטשאווער משיח.

אין יאריטשאוו, דערצעהלט מען, איז אין דעם אלטען בית־המדרש געווען אמאל א פרוש, וואס האט גע׳שמ׳ט מיט זיין לומדות און יראת שמים איבער דער גאנצער סביבה ארום און ארום. ער פלעגט קיין ד׳ אמות פון בית־המדרש ניט ארויסקומען, נאר טאג און נאכט איז ער דארט געזעסען על התורה ועל העבודה. עסען פלעגט איהם דער יאריטשאווער רב צו שיקען מיט זיין משמש צוויי מאל אין טאג. פון די תלמידים מיט וועלכע דער פרוש איז געזעסען און געלערענט, זענען אויסגעוואקסען די גרעסטע רביים און צדיקים. און הגם ער אליין האט געקאנט זיין דער גרעסטער רבי אין דער וועלט, האט ער דאך קיין שום רבנות ניט געוואלט אננעמען דערפאר, וואס ער האט איף קיין אייננימנוט אפילו נישט געוואלט האבען קיין בטול התורה.

איינמאל איז געווארען אין הימעל צוליב איהם א גרויסער רעש, און ווען די פמליה של מעלה האט אנגעהויבען נאכזעהען זיין קדושה וטהרה, איז געבליבען בהסכם, אז ער זאל ווערען משיח און אז די גאולה זאל טאקע באלד דורך איהם קומען. דאס האט אבער דעם שטן נישט געשמעקט, און ער האט אנגעהויבען מאכען געוואלדען: —וואס הייסט האט ער געשריגען— גארנישט געפרובט איהם און שוין מאכען איהם פאר משיח? איך וויל איהם פרובען, איך וועל איהם שטעלען אויף א נסיון!

די פמליא של מעלה האט זיך מיישב געווען און געגעבען

דעם שטן רשות איהם צו פּרובען, דערבײַ אָבער טאָר ער איהם גאָר ניכשט טון.

דער שטן, איז אַראָפּ און האָט אָנגעהויבען זיבען פער־שידענע פּלענער, ער האָט גוט געוואוסט ווער דער יאַריטשאָווער פּרוש איז. אַז נישט אַזוי לײַכט וועט ער איהם גובר זײַן, ער האָט דערפאַר בעשלאָסען איהם פּרובען מיט תורה...

און געפאַלען איז ער אויף אַזאַ המצאה; ער וועט זיך פערשטעלען פאַר אַ אשה און זיך אָנגעבען פאַר אַ גרויסען צדיק׳ס ווײַב, און אַזוי אַרום וועט ער איהם אפשר מנצח זײַן.

אין עטליכע טאָג אַרום האָט פּלוצלונג אָנגעהויבען קלינגען איבער גאַנץ יאַריטשאָוו און איבער דער גאַנצער סביבה, אַז ס׳איז געקומען אַ פרוי, אַרבי׳צען וואָס גיט זיך אויס אלס דעם בעל שם׳ס אַנ׳אײניקעל, זי איז זעהר אַ גרויסע למדנ׳טע און פערענטפערט די שווערסטע קשיות.

אין יאַריטשאָוו האָבען זיך צו יענער צײַט געפונען גאָר גרויסע גאונים, וועלכע האָבען געהאַט טאַקי צו פרעגען גאָר האַרבע קשיות, און דער עולם איז ממש נתפעל געוואָרען ווי לײַכט זי פערענטפערט די אַלע קשיות. אײַנגעשטאַנען איז זי בײַם גרעסטען גביר פון יאַריטשאָוו, זי האָט געהאַט אַגאַנץ בעזונדער חדר און דעם גאַנצען טאָג האָט דאָרט געווימעלט פון מענשען. זי האָט גענומען פּדיונות געגעבען רפואות און קמיעות, געהאַט אַ ספּעציעלען קוויטעל־שרײַבער. מיט איין וואָרט, זי האָט זיך געפירט פּונקט ווי דער גרעסטער גוטער יוד...

אַז די זאַך איז אָנגעקומען צום פּרוש און די תלמידים זײַנע האָבען איהם געפרעגט וועגען דער דאָזיקער רבי׳צין, האָט ער זיי געענטפערט, אַז ער גלויבט נישט אין דעם כח פון אַ אשה...

נישט אַנדערש — האָט ער צו זיי געזאָגט —, אַז דאָס איז אײנע פון לילית׳ס חברה, און אפשר גאָר דער שטן אַליין, וואָס וויל עמיצען פערפיהרען. ער האָט דעריבער שטרענג פערווע־ט

זײַנע תלמידים צו געהן צו איהר.

אײַנער אָבער פון זײַנע תלמידים, גאָר אַגרויסער און שאַרפער לערנער וואָס האָט געהאַט זעהר פיל נישט פערענטפערטע קשיות, האָט זיך נישט געקאָנט אײַנהאַלטען, און איז צומאָרגענס יאָ אַהין געגאַנגען. זי האָט איהם אױפגענומען בסבר פנים יפות איהם שטאַרק מקרב געװען, פערענטפערט אַלע קשיות און צום סוף געפרעגט: בײַ װעמען ער לערנט?...

דער תלמיד האָט געשװיגען, ער האָט מורא געהאַט אױסצוזאָגען בײַ װעמען ער לערנט, כדי דער פרוש זאָל ניט געװואָהר װערען, אַז ער איז בײַ איהר געװען.

—דאַרפסט נישט קײַן מורה האָבען, האָט זי איהם געזאָגט. זעהנדיג, אַז ער שװײַגט, — איך בין דיר מבטיח אַז דײַן רבי פאַר װעלכען די האָסט אַזױ מורה װעסט קײַן מאָל נישט װיסען, אַז די ביזט דאָ בײַ מיר געװען...

דער תלמיד האָט איהר דעמאָלט דערצעהלט, אַז ער לערנט בײַם פרוש און איהר איבערגעגעבען װער און װאָס דער פרוש איז.

אױסהערענדיג די אַלע שבחים פון תלמיד. האָט זי איהם געזאָגט, אַז אויב ער איז יאָ אַזאַ גרױסער למדן, דער רבי זײַנער, זאָל ער איהם נאָר אַפרעג טון די און די קשיא אין דער גמרא נדרים...

צו מאָרגענס װען דער פרוש איז געזעסען און געלערנט מיט די תלמידים, האָט איהם דער תלמיד, גלײַך װי קײַנמאָל גאָרנישט, פלוצלונג אַ פרעג געגעבען די קשיא, װעלכע די רביצין האָט איהם נעכטען געהײסען פרעגען. דער פרוש איז געבליבען זיצען שטאַרק פערטראַכט און בשום אופן נישט געקאָנט די קשיא פערענטפערען. ער האָט אויך גלײַך פערשטאַנען אַז די קשיא שטאַמט ניט פון תלמוד, נאָר, אַז זי געהערט מסתמא דער רבצין, װאָס װעגען איהר חריפות האָט ער זיך שוין אַזױ

פיל אָנגעהערט...

אַז די איבעריגע תלמידים זענען געװאָר געװאָרען אַז ער איז געװען בײַ די רבי׳צין און, אַז זי האָט איהם אַלע זײַנע קשיות פערענטפערט, האָבען זײ זיך נישט געקאָנט מעהר אײַנהאַלטען און זענען אַװעק צו איהר. יעדערער פון זײ האָט זי געפרעגט פערשידענע קשיות און זי האָט אַלע פערענפערט. בײַם אַװעקגעהן האָט זי יעדען פון זײ געהײסען פרעגען דעם פרוש אַקשיא. דער פרוש האָט אָבער קײן אײנציגע פון זײ נישט געװיסט צו פערענטפערען.

װעלענדיג אָבער װיסען די תרוצים, האָט דער פרוש צו דער רביצין אַהינגעשיקט צװײ תלמידים, זעהר גרױסע למדנים, און זײ געבעטען, אַז זײ זאָלען איהם ברענגען פון איהר די תרוצים.

האָט אָבער די רבי׳צן זײ נישט געװאָלט זאָגען די תירוצים, און זײ געענפערט, אַז אויב דער רבי זײערער װיל װיסען די תרוצים זאָל ער אַלײן קומען צו איהר.

דרײַ טאָג האָט איך דער פרוש אײַנגעהאַלטען און איז נישט געגאַנגען. אויפ׳ן פירטען טאָג אָבער האָט ער זיך מעהר שוין נישט געקענט אײַנהאַלטען, די קשיות האָבען איהם בסדר געגעבערט דעם מוח. ער האָט צוזאַמענגענומען די גרעסטע לומדים און חריפים פון זײַנע תלמידים און אַװעק צו דער רבי׳צין. גלײַך האָט זיך אָנגעהױבען אַ שטאַרקער פלפול, אַלע קשיות װאָס דער פרוש האָט געפרעגט, האָט זי איהם גלײַך אויפ׳ן אָרט פערענטפערט, בעת די, װאָס אַ האָט איהם געפרעגט. האָט ער אויף קײן אײַנע נישט געװאוסט װאָס צו ענטפערן. זי האָט איהם געלאָזט אַביסעל טראַכטען און דער נאָך זײ אַלע פערענפערט. צום סוף האָט זי איהם געפרעגט גאָר אַ גרױסע קשיא, װאָס איז געװען פערמישט מיט מעשה בראשית לױטער סודות פון מעשה מרכבה...

דער פרוש איז אָפגעזעסען עטליכע שעה און זיך בסדר געהאַלטען אין אײַן פלאָנטערן אין דער טיפסטער קבלה... און

זעהענדיג אַז ער וועט זיך אַליין ניט קאָנען אַרויספּלאָנטערן, האָט ער זי געבעטען, אַז אויך דאָ זאָל זי איהם זאָגען דעם תירוץ...

דערויף האָט זי איהם געענטפערט אַז נאָר ער אַליין איז ראוי צו וויסען דעם תירוץ, די תלמידים אָבער נישט. בכן אויב ער וויל וויסען דעם תירוץ, מוז ער הייסען אַלע תלמידים אַרויסגעהן. דער פּרוש איז שוין געווען אַזוי להוט צו וויסען דעם תירוץ אַז ער האָט אינגאַנצען פערגעסען אַז מ'טאָר נישט אַליין בלייבען אין אַ שטוב מיט אַנ'אשה, און ער האָט געהייסען אַלע תלמידים אַרויסגעהן...

דאָ איז זי גלייך צוגעגאַנגען צו דער טיר, די פּעסט פערריגעלט און אויסגעשריגען אויף אַ קול:

— איצט, יאַריטשאָווער פּרוש, וועסט דו שוין קיין משיח נישט ווערען... דו האָסט עובר געווען אויף אַ לאו, אויף אַ איסור יחוד...

און דאָס זאָגענדיג, האָט זי זיך שטאַרק פונאַנדערגעלאַכט און איז גלייך נעלם געוואָרען...

אין דער זעלבער נאַכט האָט מען דעם פּרוש מן השמים צו וויסען געגעבען, אַז ווען ער וואָלט אויסגעהאַלטען דעם איינעם נסיון, וואָלט ער געוואָרען משיח און ס'וואָלט תיכף געווען דער קץ...

צומאָרגענס האָט דער פּרוש די גאַנצע מעשה דערצעהלט פאַר זיינע תלמידים און גענומען אויף זיך אַ תשובה, נישט צו עסען און נישט צו טרונקען זעקס טעג, ער האָט אָבער אינגאַנצען נישט אויסגעהאַלטען, אויפן זעקסטען טאָג איז ער נפטר געוואָרען, און אויף זיין מצבה קאָן מען נאָך עד היום זעהן די ווערטער פּה נטמן היאַריטשאָווער משיח!...

ר׳ יצחק׳ל באַלעכאָוועך ז״ל.

דער אַלטער באַלעכאָוועך ז״ל, ר׳ יצחק׳ל איז בידוע, געווען זעהר אַ פרעהליכער. ער פלעגט אַלע מאָל זאָגען אַ ווערטעל: ווען עס ווערט דיר שווער אויפ׳ן האַרץ, ווען דו גלויבסט, אַז פאַר דיר איז שוין גאָר קיין ישועה נישטאָ, דאַן הויב אויף די פאָלעס און גיב אַ ריקוד׳ל און באַלד וועט דיר גרינגער ווערען, גלייך וועסטו געהאָלפען ווערען!..

איינמאָל, דאָס איז געווען בעת אַ מלוה־מלכה ווען ביים טיש איז גראָד געווען זעהר אַ גרויסער עולם, מ׳האָט גראָד געהאַלטען אין מיטען זינגען די אליהו׳ס, איז די „באַלעכאָווערין״ אַריינגעקומען, אַוועקגערופען דעם משמש אין אַ זייט, איהם עפּעס איינגערוימט אין אויער און איז גלייך צוריק אַרויס. דער משמש איז גלייך צו צו ר׳ יצחק׳לען און איהם שטילערהייט עפּעס געזאָגט. ר׳ יצחק׳ל האָט געגעבען אַ שמייכעל, אויף זיין פנים האָט זיך באַוויזען עפּעס ווי אַ מין צופרידענהייט און האָט גענומען קנייפּען אין דער רעכטער באַק אַריין דעם יונגסטען זוהן דוד משה׳לע, וואָס איז געזעסען נעבען איהם און זיך ווייטער צוגעהאָלפען שטילערהייט צום זמר...

עס האָט לאַנג נישט געדויערט און דער גאַנצער עולם האָט געוואוסט, וואָס דאָס איינרומען באַדייט. חנה׳לע, דוד משה׳לעס ווייב, דעם באַלעכאָווער׳ס יונגסטע שניר, איז געגאַנגען צו קינד. ס׳פערשטעהט זיך, אַז דער עולם איז געוואָרען נאָך לעבעדיגער אַ דאָפּעלט פרעהליכע... באַלד־באַלד,

װעט זײן אַ מזל־טוב אַנגעשטער מזל־טוב בײַ דוד משה'לען!... די „אליהו'ס" זענען געגאַנגען שטאַרקער װי פריהער... דער „באַלעכאָװער" אַלײן האָט אָנגעהױבען זינגען הױך אױף אַ קול אין אַז דער באַלעכאָװער האָט אָנגעהױבען זינגען אױף אַ קול— דאַרפט איר װיסען, האָט די גאַנצע פמליה של מעלה מיטגע־זונגען, איז געװאָרען אַ שמחה וחדוה אין אַלע עולמות!..

אַלטע באַלעכאָװער חסידים פלעגען זאָגען, אַז װער עס האָט נישט געהערט אַמאָל דעם אַלטען באַלעכאָװער ז"ל אַלײן זינגען אַ זמר'ל, דער האָט קײנמאָל אױף זײן לעבען קײן אמת'ן זמר נישט געהערט. עס איז גענוג געװען צו כאַפּען נאָר בלױז אַ תניעה'לע זײַנס, אַז מ'זאָל גלײַך קומען צו דער מדרגה פון „בסופין דקדושה"... דורך זײן נגינה איז אַװעק דער יאוש, די קדושה איז אַראָב אַלע נשמות אין גולגולים האָבען עליות בע־קומען... יעדער האָט בעקומען רפואת־הנפש ורפואת־הגוף... מילא פון „איהם" אַלײן איז דאָך אָבגערעדט, ער איז פּשוט אַװעק אינ'ם אין סוף!...

אַז עס איז געקומען צום פּסוק —„תשמיענו מפיו בשורה טובה במהרה" האָט מען זיך אַװעקגעלאָזט אין אַ ריקוד'ל, דער „אַלטער" און דוד משה'לע אין דער מיט. און ס'פערשטעהט זיך, אַז אַלע זענען נכלל געװאָרען אין אור־עולם־העליון... טיפער אין טיפער איז דער זמר געװאָרען. דאָס ריקוד'ל — אַלץ שטאַר־קער און שטאַרקער... אָבער פּלוצלינג אין מיטען דערינען איז די באַלעכאָװערין אַרײַנגעקומען אין אַ געשרײַ געגעבן -- רבי! הער אױף זינגען!..

פערשטעהט זיך דאָך, אַז דער „אַלטער" הערט נישט און זינגט זיך װײַטער, און נאָך איהם דער גאַנצער עולם.

דאָ האָט די באַלעכאָװערין אױסגעשריגען צום צװײטען מאָל: רבי! הער אױף זינגען, מ'דאַרף אַ דאָקטאָר!...

דער־הערענדיג דאָס װאָרט „דאָקטאָר", האָבען זיך אַלע זי אױפגעכאַפּט, דער גאַנצער עולם האָט זיך כהרף־עין אָבגע־

שטעלט, די שטימונג איז גלײַך געוואָרען אַ געדריקטע און אויף אַלעמענס פּנים׳ער איז קענטיג געווען אַ טיפער אינערליכער טרויער, אַ פּאָר מינוט האָט אַזוי אָנגעהאַלטען אַ טיף ערנסטער שווײַגען, דאַן האָט דער „אַלטער" ווי איבערגעפרעגט, „וואָס זאָגסטו, מ׳דאַרף אַ דאָקטאָר?

— יאָ — האָט די באַלעבאָוועריןֹ געענטפערט — די „באַבע" (העבאַטע) זאָגט, אַז מ׳זאָל שיקען נאָך אַ דאָקטאַר, אַנ׳ערשט־לינג, פינפצעהן יאָהר אַלט, ס׳איז אַביסעל שווערליך... האָט מורא אַלײַן... ווי ס׳מאַכט זיך — זאָגט זי — זאָל זײַן אַ דאָקטאָר!...

דער אַלטער האָט זיך אַביסעל פערטראַכט, דאַן אַ זאָג געגעבען: געה אַרײַן, ס׳וועט זײַן בשלום... און אין אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער צוגעגעבען: וואָס מײַנסטו, אַז אַ גרויסער יוד ווערט עפּעס געבוירען אַזוי לײַכט?...

די באַלעבאָווערין האָט אַ לײַכטען שמײכעל געגעבען און איז אַרויס.

דער אַלטער האָט זיך צוריקגעזעצט צום טיש, דער עולם נאָך איהם, די פרעהליכקײַט איז אינגאַנצען פערשוואונדען, אַ טויטע שטילקײַט האָט אַלעמען אַרומגענומען, ר׳ יצחק׳ל האָט לאַנג־זאַם אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ און איהם אָנגעשפּאַרט אויף די הענד, באַלד האָט ער איהם אָבער צוריק אויפגעהויבען און אָנ־גענומען דוד משה׳לען פאַר דער רעכטער באַק איהם אַ פעסטען קניפּ געגעבען, זאָגענדיג דערבײַ:

הערסט דאָך! די נשמה איז אַביסעל אײַנגעשפּאַרט. אָבער בײַ מיר ברעקעלט מען זיך נישט, זי וועט מוזען אַראָבגעהן!.. און גלײַך דערויף איז ר׳ יצחק׳ל אַרײַן אין זײַן חדר מיוחד...

אין אַפּאָר מינוט אַרום האָט זיך דערהערט דער ערשטער „קוויטש" פון אַ מקשה־לילד, וואָס האָט אָבגעקלינגען ווי אַנ׳עכא איבער אַלע חדרים און איבער׳ן גאַנצען הויף.

דער עולם איז אַרויס אויפ׳ן הויף. די נאַכט איז גראָד געווען אַ שענע, זעהר אַ וואַרימע, עלטערע חסידים האָבען שפּאַצירט

אַליין, די יונגערע האָבען זיך איינגעטיילט אין קופקעלעך, אָבער אַלע זענען זיי געגאַנגען און געשוויגען, אַלטע חסידים זענען אַריין אין הויף בית-המדרש, און אָנגעהויבען אַריינקוקען אין פערשידענע ספרים, זענען אָבער כסדר געשטערט געוואָרען פון די אָפטע געשרייען פון דער קליינער און שווערער געווינערין, וואָס האָבען אַדורכגעשניטען אַלע חדרים און אויך דאָס בית-המדרש אַזוי, אַז זיי האָבען סוף כל סוף געמוזט פערמאַכען די ספרים און אויך אַרויסגעהן אויפ'ן הויף.

באַלד האָבען זיך געלאָזט הערען עטליכע שטאַרקע געשרייען איינער נאָכ'ן אַנדערען, און צום סוף גאָר אַ גרויסער הארץ-רייסענדער קוויטש, אַ גרוילליכער אויסגעשריי — „אוי מאַמע!” דער אָטעם האָט זיך ביי יעדען אָבגעשטעלט, אַלע האָבען דערפילט אַ האַרציגען מיטלייד צו דער שווערע געווינערין, חנה'לע, דוד משה'לעס ווייב. מעהר שרייען האָט מען שוין ניִשט געהערט. דער עולם האָט עפּעס ווי פרייער אָבגעעטעמט. יעדער האָט אַ פּנים פערשטאַנען, אַז דער קוויטשנער אויסגעשריי „אוי מאַמע”, איז געווען דער לעצטער. באַלד איז דער „אַלטער” אַרויס פון זיין חדר מיוחד. דוד משה'לע, וואָס איז גלייך נאָכן אַלטען אויך אַריין אין זיין חדר — איז אויך אַרויסגעקומען. דער עולם האָט אָנגעהויבען צוריק אַריינצוגעהן, עס איז געוואָרען צוריק לעבעדיק, אַ פרעהליכע שטימונג האָט אַלעמען צוריק אַרומגענומען ווי פריהער...

— אנו, חיים אהרן! — האָט דער „אַלטער” געזאָגט צום מנגן, וואָס האָט פריהער געזונגען די „אליהו'ס”, הויב אָן אויפסניי!.. דוד משה'לע האָט אונז אַביסעל געשטערט... און גלייך דערויף איז די באַלעבאָוועריִן אַריינגעקומען מיט אַ בשורה: מזל-טוב! — אַ יונגעל!

דער עולם איז געוואָרען אויפסניי ווי בעלעבט, חיים אהרן האָט אָנגעהויבען מיט אַ פרעליכדיגס און מ'האָט זיך אַוועקגעלאָזט גאָר אין אַ געהויבענע שטימונג אין אַ פרישען

ריקוד'ל מיט'ן אלטען און דוד משה'לען אין דער מיט.

פלוצלונג האט זיך אבער דער „אלטער" אבגעשטעלט אויפגעהערט זינגען, ס'פערשטעהט זיך אז, דער עולם האט זיך אויך גלייך אבגעשטעלט, דאס פנים איז ביי'ם „אלטען" כהרף עין ווי פערענדערט געווארען. גלייך איז ער צו צום טיש און אראבגעלאזט דעם קאפ אויף די הענד. עס האבען זיך געהערט טיפע זיפצען, א קרעכצען. דער עולם איז צוריק טרויעריג געווארען. א טויטע שטילקייט האט ווידער ארומגענומען. — „ער איז ווערט", איך זאג, „אז ער איז ווערט!" — האט מען דייטליך געהערט ווי דער „אלטער" קרעכצט... יעדער האט גלייך דערפיהלט, אז דער „אלטער" פיהרט עפעס ערשט א שווערע מלחמה... די שטימונג איז געווארען אזא גערדריקטע, אזא שווערע, דער „אלטער" האט אזוי שווער געזיפצט און געקרעכצט, אז יעדען האט זיך אויסגעדאכט, אז די גאנצע סטרא אחרא מיט'ן סמא"ל בראש, האבען זיך איהם אקעגענגעשטעלט און ווילען איהם מנצח זיין... דאס האט אזוי אנגעהאלטען א פאר מינוט, ענדליך האט דער „אלטער" אויפגעהויבען דעם קאפ. דאס פנים איז געוועזען ביי איהם זעהר טרויעריג. געמאכט דעם איינדרוק ווי איינער וואס האט פערשפילט א גרויסע און א שווערע מלחמה...

„דאס ערשטע מאל נישט אויסגעפיהרט" — האט ער הויך אויפ'ן קול געזאגט, פערפאלען! זיי דיך נישט מצער, דוד משה'לע, פערפאלען מיין קינד, פערפאלען!...

אין אנהויב האט קיינער נישט פערשטאנען, וואס דער „אלטער" מיינט, באלד איז אבער די באלעבאוועריז אריינגעקומען, און מיט אנ'איינגעהאלטענעם געוויין געזאגט: זי האט זיך אבער געבעטען, אז מען דארף א דאקטאר, אז זי האט מורא אליין... דאס קינד איז געבוירען א נופל!...

— שטותים —, האט דער אלטער איהר געענטפערט, שוין זייענדיג צוריק אביסעל אויפגערוימט. איך האב גענוג גע-

אַרבײַט... פֶערשטעהסט? אַ צו גרויסע נשמה געווען ר׳ ישראל בעל שם׳ס נשמה! זי האָט גלײַך געבּרעקעלט, זי האָט אָבער געטוזט אַראָב... די וועלט איז אָבער נאָך ניִשט ראוי צו האָבען אַ צווייטען בעל שם טוב... פֶערשטעהסט? אפשר שפּעטער אַבּיסעל... אנו, חיים אהרן! — האָט ער זיך געווענדעט צום בעל־מנגן שוין ווידער אַ פרעליכער, וואו האַלסט דו?!.. האַ!...

די בעלכאַטאָווער רביצין.

די אַלטע בעלכאַטאָווער רביצין האָט געשטאַמט פון גאָר אַ גרויסען יחוס. פון דער מוטערס צד האָט זי זיך גערעכענט אַלס אַנ׳אוראייניקעל פון יוד הקדוש, און פון פאָטער׳ס צד ווידער אַלס אַנ׳אייניקעל פון גרויסען צדיק און גאון ר׳ אלימלכ׳ל. עס איז דעריבער קיין וואונדער נישט געווען, וואָס נישט בלויז חסידים האָבען פאַר איר מורא געהאַט, נאָר אַפילו רביים, שוין בעריהמטע גרויסע גוטע יורען, האָבען נאָך אויך פאַר איהר דרך-ארץ געהאַט.

חסידים דערצעהלען, אַז אַפילו דער אַלטער בעלכאַטאָווער אַליין, האָט אויך פאַר איהר זעהר שטאַרק מורא געהאַט. ער האָט גוט געוואוסט, אַז זי איז פיל גרעסער פאַר אים און זעהט אויך פיל ווייטער פאַר אים...

זי איז בכלל געווען זעהר אַ שטאַרקע למדנ׳טע, געהאַט אַ גרויסע ידיעה אין קבלה און אין זוהר. דורך איהר צו פיל לערנען איז זי אַמאָל קראַנק געוואָ-ען אויף אַ פאָר חדשים. וואו זי האָט דעמאָלט געמוזט צוזאָגען דעם אַלטען, אַז זי וועט אויפהערען לערנען. ווי די בעלכאַטאָווער חסידים האָבען אָבער שפעטער דערצעהלט, האָט דאָס נישט געפּעולט ביי איר דער אַלטער, נאָר דער זיידע איהרער ר׳ אלימלכ׳ל, וועלכער איז איהר געקומען צו חלום און איהר געזאָגט, אַז אויב זי וועט נישט אויפהערען לערנען, וועט מען זי צונעמען פון דער וועלט, ווייל כביכול וועט נישט צוליב איהר משנה זיין דעם סדר-העולם...

אזוי האט געהאט מעהר רוח־הקודש פאר׳ן אלטען, דאס האבען אלע בעלכאטאווער חסידים גוט געוואוסט. זי פלעגט זיך נוהג זיין אליין צולעגען פרייטאג צונאכטס די חלות צום טיש. ביי׳ם בעלכאטאווער זענען תמיד געווען אויף יעדען שבת פיל רבנים, גוטע יודען און סתם אזוי מקורבים. פאר יעדען איז געלעגט געווארען גאנץ בעזונדערע חלות. אפטמאל האט זי אויך געפלעגט צולעגען פאר צוויי רבנים אדער גוטע יודען וועגען וועלכע זי האט געוואוסט, אז זיי זענען גלייך אין יחוס און אין תורה, צוויי חלות, וואס זענען געווען צוזאמען געבאקען, דאס הייסט צוזאמענגעוואקסען.

איינמאל דערצעהלט מען זענען געקומען צום בעלכאטאווער אויף שבת דער שיניווער רב און דער רודניקער רב, צוויי ברודער, דעם סאנדזער רבינ׳ס צוויי זיהן, וואס זענען תמיד געזעסען צוזאמען און געווען א חוץ ברידער אויך אמת׳ע חברים פון קינדהייט אן. זיי האבען זיך תמיד זעהר שטארק ליב געהאט. דער עולם האט זיך זעהר שטארק פער׳חידוש׳ט, זעהענדיג, אז די בעלכאטאווער דבי׳צין לעגט פאר זיי פלוצלינג אוועק צוויי בעזונדערע חלות, בעת תמיד האט זי זיי געגעבען צוויי חלות צוזאמענגעוואקסענע. קיין קשיות פערשטעהט זיך, האט אבער קיינער נישט געפרעגט.

אז דער אלטער איז אריינגעקומען צום טיש קידוש מאכען, און דערזעהען, ווי פאר די צוויי ברידער־רבנים ליגען בעזונדערע צוויי חלות, האט ער שמייכלענדיג צו זיי א זאג געגעבען, אז מיין שרה לאה האט פאר אייך אוועקגעלעגט איינצעלנע חלות, איז א סימן אז אייער צוגעבונדענקייט איז ביי אייך אביסעל אבגעשוואכט געווארען...

די רבנים האבען זיך גלייך מודה געווען, אז זיי האבען זיך פאר מנחה צוקריגט איבער א מהרש״א. נאכ׳ן עסען האט זיי דער בעלכאטאווער געזאגט דעם מהרש״א און זיי האבען זיך צוריק איבערגעבעטען, צומארגענס האט שוין די בעלכאטאווער

רבי׳צין װידער געלעגט פאר זײ צװײ חלות צוזאמענגעװאקסענע..

אײנמאל, דערצעהלט מען, אז דער גארװאלינער, װאס איז געװען אין בעלכאטאװ א גאר גרױסער מקורב ארײנגעגאנגען אין א װאכען־טאג באלד נאכ׳ן דאװנען אין קיך ארײן אנגעטאן אין טלית און תפילין, און געפרעגט: רבי׳צין! װאס האט איהר געקאכט הײנט אויף אנבײסען?

—װאס איז אײך פאר א חילוק?—האט זי איהם געענטפערט א זולל־וסובא פיהלט סײ װי סײ קײן טעם נישט פון אנ׳עסען...

װי דער עולם האט שפעטער דערצעהלט, האט דער גארװאלינער דרײ מאל געמוזט טרינקען בראנפען, כדי ער זאל דערפיהלען א טעם אין אנבײסען...

אײנמאל האט זי דערהערט זעהר א גרױס געװײן און געשרײ פון נעבען רבי׳נס חדר. אז זי איז ארײן האט זי געזעהן װי א יודענע שטעהט און װײנט, אז זי דארף תיכף ארײנגעהן צום רבי׳ן, עס האלט בײ סכנת־נפשות, און דער משמש לאזט זי נישט ארײן, שרײענדיג, אז מ׳קען ערשט צום רבי׳ן נישט ארײנגעהן...

— װאס איז דער מעהר? — האט זי אנגעשריגען אויפ׳ן משמש, הלמאי דער רבונו של עולם איז אביסעל גרעסער װי דער „בעלכאטאװער” פונדעסטװעגען קען מען בײ איהם אנקומען װען מ׳װיל...

הערענדיג א מאל, װי דער רבי װינשט זײנעם א גרױסען חסיד װעמענס װײב איז צעהן יאהר געװען אנ׳עקרה, אז זי װעט דאס יאהר מעוברות װערען און האבען א מײדעל, האט זי זיך אנגערופען: און איך מײן אז זי װאלט געראפט האבען א זכר!...

אז דער חסיד איז אװעק האט דער רבי איהר פארגעװארפען פאר װאס זי מישט זיך ארײן אין זאכען, װעלכע געהערען נישט צו איהר...

— װאס זאל איך אבער פארט טהון, װען איך קען נישט הערען װי די װילסט משנה זײן די מעשה בראשית, דעם

רבונו של עולם׳ס מלאכה?...

— וואָס הײסט? — האָט ער געפרעגט, מיט וואָס וויל איך משנה זײַן די מעשה בראשית?...

— ווײַל כביכול האָט אויך צוערש בעשאַפען אַ זכר! — האָט זי געענטפערט...

זי איז געוועזען אַ פּאָר חדשים עלטער פאַר׳ן אַלטען ז״ל. נאָך די חתונה האָבען זײ נישט אַזוי גוט געלעבט. אײנמאָל זײענדיג בײַם רבי׳ן ר׳ אלימלך׳לע האָט זיך דער בעלכאַטאָוועד געקלאָגט פאַר איהם אויף די גרויסע צרות, וואָס ער האָט פון איהר אויסצושטעהן. ווען דער רבי ר׳ אלימלך׳ל, וואָס איז אויך ווי געזאָגט, שוין געוועזען איהר זײדע, האָט איהר שפּעטער געמאַכט פאָרוואורפען דערפאַר, האָט זי קורץ און שאַרף געענטפערט: טאָ זאָל ער אביסעל מעהר דרך־ארץ האָבען פאַר מיר, איך בין מיט אַ שעה עלטער פאַר איהם!

ווען דער בעלכאַטאָווער איז נפטר געוואָרען. ווען זי איז געבליבען אַן׳אַלמנה, האָט אײנער פון די קלענערע רבנים, וועלכער איז אויך געפאָרען קײן בעלכאַטאָוו, און איז גראָד אויך געוואָרען אַן׳אַלמן, זיך דורכאויס געוואָלט מיט איהר משדך זײַן, צו דעם צוועק האָט ער אַהינגעשיקט זײַן נאָהענטסטען מקורב, דעם גרויסען חסיד און מקובל ר׳ בעריש דוב. קײן בעלכאַטאָוו אובערערדען אַלײן מיט דער בעלכאַטאָווערן. ווען די רבי׳צין האָט געהערט וואָס ער פערלאַנגט, האָט זי איהם געזאָגט, אַז זי וועט איהם צושיקען שריפטליך איהר תשובה. ר׳ בעריש דוב איז אַהײמגעפאָהרען אַ צופרידענער זײענדיג זיכער, אַז ער האָט נעפועל׳ט. אויך דער רבי אַלײן איז געוועזען שטאַרק צופרידען, וואָרום ער האָט גוט געוואוסט, אַז ווען זי וואָלט נישט געוואָלט וואָלט זי באַלד אויפ׳ן אָרט דאָס געזאָגט. אין אַ פּאָר טאָג אַרום איז אָנגעקומען אַבריף, אין וועלכען עס איז געשטאַנען פאָלגענדע ווערטער — „אין כהן הדיוט צריך להשתמש בבגדי כהונה גדולה!״...

שפּעט אין דער נאַכט.

אין אַ ווינטער נאַכט איז עס געווען. שפּעט אין דער נאַכט, ס'רוב פון שטעדטעל איז שוין לאַנג געווען פערזונקען אין אַ פעסטען שלאָף, דער לעצטער עולם פון קלויז האָט אויך שוין פערענדיגט זיין לעצטען שיעור, און זיך געאַיילט אַ היים, נאָר איין ר' יצחק חיים, דער אלטער שמש פון קלויז האָט זיך נישט געאַיילט. ער האָט לאַנגזאַם אַרומשפּאַצירט איבער'ן קלויז הין און צוריק, און גאַנץ פאַמעלעך אויסגעלאָשען דעם איינציגען לאָמפּ, וואָס האָט נאָך געברענט אין קלויז איבער'ן „שיעור טיש", און זיך ווייטער אַרום שפּאַצירט אין דער דונקעלהייט גלייך ווי עס וואָלט איצט געווען בין מנחה למעריב, אָדער שבת בין השמשות פאַר דער הבדלה, — ווי זיין שטענדיגער געוואוינהייט איז געווען...

ווער איז עס דאָרט, — איהר, ר' יצחק חיים? — האָט זיך געהערט אַ קול פון אונטער'ן אויווען אַ פּיר.

הוססס... אַודאי איך... נאָר ווער דען? — האָט ר' יצחק חיים אונטערגעבראָכט. מעגסט שוין אויפשטעהן די עצל די! איך אין דיינע יאָהרען..

און איהר מיינט טאַקי, אַז איך שלאָף? — האָט דאָס קול ווייטער אַ פיר געערדט, אָט ליגט זיך... געהאַט אַ שטיקעל דימיון!...

אַי, ברוך! — האָט ר' יצחק חיים זיך אָבגעשטעלט געבען אויווען, איך אין דיינע יאָהרען... וואָס איך? —... בין נישט געלעגען אונטער'ן אויווען און גע'דימיונ'ט...

ווי אַ טריסקער ! — האָט ברוך געלאַכט ...

ברוך איז געווען זעהר אַ הויכער און אַ דאַרער בחור. געקומען איז ער פון זעהר אַ ווײַטען דאָרף, געגעסען אין שטעדטעל טעג, און געזעסען אין קלויז און געלערענט. ער האָט גע׳שמ׳ט פאַר גאָר אַ גרויסער לערנער, און הגם ער איז שוין לאַנג אריבער די „שמונה עשר״, האָט איהם דאָס שטעדטעל דאָך געלאָזט זיצען אַ בחור... אָפט פלעגט ער זיך אויסרעדען פאַר ר׳ יצחק חיים׳ן, אַז דאָס שטעדטעל בעגעהט געגען איהם אַ גרויסע עברה, וואָס מען לאָזט איהם אַ בחור, אַז צוליב דעם האָט ער בײַנאַכט שרעכטע מחשבות און דמיונות... ער ווערט אַנ׳עצל, פערלירט דעם חשק און די התלהבות צום לערנען... ר׳ יצחק חיים פלעגט איהם אַלע מאָל טרײַסטען, אויסרעדען. נישט דאָס שטעדטעל איז שולדיג, מסתמא געפינט זיך נישט דאָ זײַן זיווג. און פלעגט אַלע מאָל ענדיגען דערמיט, דו וואָלסט געדאַפט אַרויספאָהרען, פרובען ערגיץ אַנדערשוואו... אויף וועלכען ברוך פלעגט מסכים זײַן, און פלעגט אָבמאַכען, אַז בלי נדר אם ירצה השם אויף דער אַנדערער וואָך וועט ער טאַקע אַרויספאָהרען !..

ברוך איז אָבער קײַן מאָל נישט געפאָהרען. און אַז ר׳ יצחק חיים פלעגט איהם אַ מאָל דערמאָנען: נו, דו האָסט דאָך עפּעס געוואָלט אַרויספאָהרען?.. פלעגט ברוך אַ מאַך געבען מיט דער האַנד, עט ! וואו וועל איך געהן פאָהרען ? — וואָס בין איך עפּעס אַ בחור׳ל פון דרײַצעהן=פיערצען יאָהר ? זיץ שוין דאָ אַזוי פיל יאָהרען און פלוצלונג געהן פאָהרען ! ?.. און אַזוי איז געגאַנגען אַ זומער נאָך אַ ווינטער און אַ ווינטער נאָך אַ זומער ביז מען האָט אויף אײַנמאָל גענומען רעדען אין שטעדטעל, אַז ברוך איז עפּעס נישט דער אײַנענער וואָס געווען, אַז ער געהט עפּעס אַרום צו פיל פערטראַכט, תמיד אַרײַנגעטון אין דמיונות. אַז ער איז עפּעס געוואָרען אײַנגאַנצען אַ פערקעהרטער !...

ר׳ יצחק חיים איז געווען אַ יוד שוין איבער די פינף און זיבציג. ער איז געווען פון די גאָר אַלטע טריסקער ! אַ מאָל האָט

ער געבערענט די וועלט, געזעסען גאַנצע יאָהרען אין טריסק פאַר'ן רבי'ן געווען גרייט אויסצושטח'ן די גאַנצע וועלט... פאַר אַ שלעכט וואָרט אויף אַ טריסקער, איז ער גרייט געווען זיך לאָזען אײַנגאַנצען מקריב זײַן... שפּעטער, נאָך דער פּטירה איז ער געבליבען אין זײַן שטעדטעל, נישט געוואָלט מעהר צו קײנעם פאָהרען, ער האָט פערלוירען דאָס גאַנצע פייער, דעם ברען, דערצו איז ער באַלד געבליבען אַנ'אַלמן, און שוין העכער דרײַסיג יאָהר, ווי ער איז אַנ'אַלמן און איז שמש אין דעם אַלטען קלויז.

מיט יאָהרען פריהער, אײדער ברוך איז אַרײַן געקומען אין שטעדטעל, איז ר' יצחק חיים'ן אין די ווינטער נעכט זעהר בישט גיט געווען. ער האָט נישט געהאַט מיט וועמען צו פערברענגען, מיט וועמען אַ וואָרט צו רעדען, פלעגט אַרום געהן און דימיונות גאַנצע נעכט אַהין און צוריק אײנער אַלײן איבערן קלויז... שפּעטער אָבער ווען ברוך איז אַרײַנגעקומען אין שטעדטעל, האָט ר' יצחק חיים גאָר ווי אויפגעלעבט, פלעגט אָבזיצען מיט ברוך'ן גאַנצע נעכט אין רעדען, דערצעהלען איהם מעשיות פון „טריסק", פלעגט ווערען אַרײַנגעטון בלב ונפש אין יענע גוטע צײַטען ווען טריסק איז נאָך געווען טריסק! עס פלעגט זיך אין איהם אויפכאַפּען דער אַמאָליגער ברען דאָס אַמאָליגע פייער, ברוך פלעגט זיצען מיט אָפענע מויל און אויערען. ביסלעכווײַז, איבערהויפּט אין די לעצטע צײַט האָט ברוך אָבער שוין מעהר נישט געוואָלט הערען, פלעגט בעסער ליגען אונטערען אויבען אין פערדימיונט... און ר' יצחק חיים פלעגט זיך ווידער מיזען אַרומדרײַען אַלײן הין און צוריק איבערען קלויז, זײַענדיג ווײַטער אַרײַנגעטון, אין זײַנע אײגענע אַלטע דימיונות...

ר' יצחק חיים איז אפשר געווען דער אײנציגער פון שטעדטעל, וואָס האָט געוואוסט, אַז ברוך איז ניט קאַליע געוואָרען. ער האָט געהאַט מיט איהם גרוים מיטלייד, ער האָט גיט געוואוסט וויפיל יצחק חיים לײַדט פון זײַנע דימיונות.. ער גערענקט

נאָך אַמאָל, ווי ער אַליין האָט אויך געליטען אין די ערשטע צײַטען בעת ער איז געבליבען אַנ'אַלמן, און ווען ער, יצחק חיים, האָט נאָך געקענט לײַדען הײַנט אַ פשיטה שוין אַזאַ ברוך... ער האָט איהם באמת בעדויערט און ווען נישט דאָס, וואָס ברוך פלעגט אַ מאָל לאַכען פון טריסקער וואָלט ער איהם באמת אויך ליב געהאַט,

איז אָבער ברוך לעצטענס אומגעגאַנגען שטאַרק צוריצט. געזוכט צו ווערען אויסצולאָזען. און גלײַך ווי ר' יצחק חיים האָט נאָר גערעדט צו איהם צווײ ווערטער האָט ער איהם גלײַך געטשעפּעט מיט טריסק...

ס'רוב פלעגט איהם ר' יצחק חיים פערשווײַגען. נישט אַמאָליגע צײַטען, פלעגט ער שטיל ווי פאַר זיך אָבזיפּצען, נישט דאָ אַמאָליגע יאָהרען... טײַלמאָל פלעגט ער איהם אָבער גאַנץ גוט אָב'שגצ'ען, געבען איהם אַ שפּאָרע פאָרציע מוסר, אָנרופען איהם אַפּיקורס, שגץ! א. אז. וו.

ווען ר' יצחק חיים האָט זיך אַוועקגעשטעלט פאַרן אויבען און אָנגעהויבען רעדען מיט ברוך'ן, האָט ער געמײַנט, אַז עס וועט זיך אפשר מאַכען אַשטיקעל שמועס. הײַנט דעם גאַנצען אָוועגד ווי ער געהט אַרום אין מחשבות וועגען אַ מאָל, וועגען יענע יאָהרען... און עס פערשטעהט זיך ווי ברוך האָט איהם נאָר דערמאָהנט דאָס וואָרט „טריסקער" איז ער אַ ביסעל ווי בײַז געוואָרען און אָנגעהויבען מיט זײַן מוסר, — דו, שגץ אײנער! אַפּיקורס! ביסט נישט ווערט אויף דײַנע טרפה'נע ליפּען צו ברענגען דעם נאָמען „טריסקער"!

דאָ האָט זיך ברוך אויפגעזעצט, און מיט געלעכטער אַ זאָג געגעבען: פאַר וואָס? — ווײַל ר' מענדעלע האָט געוואָלט לעבעדיגערהײט פליהען אין הימעל אַרײַן?!

ער האָט נישט געדאַרפט ווערען — האָט ר' יצחק חיים בײז און אויפגעקאָכט געענטפערט, נאָר ער איז שטענדיג געווען אין הימעל! דו הערסט, וואָס מען רעדט צו דיר — האָט ער

איהם אנגענומען פאר'ן לאץ פון העמד. ר' מענדעלע איז תמיד געווען אין הימעל און אויב דו ווילסט הערען, וועל איך דיר דערצעהלען א מעשה, ווי דו וועסט מיר אליין מוזען דערצו מודה זיין...

אזא מעשה בין איך א בעלן צו הערען — האט ברוך געענטפערט.

געווען אמאל א גרויסער מסור. האט ר' יצחק חיים אנגעהויבען, ער האט געוואוינט נעבען די גרענעץ, און זיין ספעציעלע מלאכה איז געווען מסר'ן די יודען, וועלכע פלעגען אריבערשווארצען סחורה איבער די גרעניץ. דורך זיינע מסירות האט ער פיל יודען געברענגט צו תפיסה, פיל צו ארעמקייטען זיין נאמען איז געווען צו שאנד און שפאט ביי אלע יודען פון דעם גאנצען קאנט ארום און ארום, קינדער אין די וויגען האט מען שוין אויסגעלערנט איהם שעלטען... עס האט אבער קיין זאך נישט געגומען און ער האט וואס א מאל אלץ אנגעטון יודען גרעסערע צרות.

מיט יודען, פערשטעהט זיך, האט דער מסור קיין שום מגע-ומשא נישט געהאט. אז ער איז אלט געווארען און געוואוסט, אז ער וועט שוין באלד שטארבען, האט ער צוזאמען גערופען אלע זיינע פריינד און חברים, לויטער גוים, און זיי ערקלערט, אזוי ווי איך בין שוין אלט, איך געה שוין באלד שטארבען, וואס פאר צרות איך האב די יודען געטון ווייסט איהר אלע גאנץ גוט, איצט אז איך וועל שטארבען וועלען זיי זיך אודאי וועלען אין מיר נוקם זיין, זיי וועלען מיך אודאי נישט וועלען באגראבען אויף זייער בית-עולם, דעם יודישען גן-עדן בין איך זיכער וועל איך אויך נישט האבען, על כן האב איך בעשלאסען זיך צו שמד'ן, ווי איהר וועט מיך אודאי בעגראבען אויף אייער בית-עולם מיט גרויס פאראד, און איך וועל אפשר האבען דעם קריסטליכען גן-עדן אויך...

די גוים האבען פערשטעהט זיך דערצו צוגעבאסעוועט

ער האָט געמאַכט אַ גרויסאַרטיגען באַל, זיך אָבגע׳שמד׳ט, און איז אין עטליכע וואָכען אַרום געשטאָרבען.

אַז די זינדיגע נשמה איז געקומען אויף יענע וועלט איז געוואָרען אַ רעש, אַזאַ געזונקענע נשמה! אַזוי פיל זינד; נישטאָ קיין איינציגער זכות פאַר איהר... איז דאָך אבער אויבען פיל רחמים! האָט מען אָנגעהויבען אויסרופען איבער אַלע ש״י עולמות, אפשר ווייס עפּעס אימיצער אפשר געפינט זיך ערגיץ עפּעס אַ נשמה׳לע, אָדער מלאך׳ל, וואָס ווייסט עפּעס אַ זכות, אויף דער טיף־געזונקענע זינדיגע נשמה, אָדער ווייניגסטענס צו זאָגען אויף איהר כאָטש אַ שטיקעל מליצה־טובה.

קיינער איז אָבער נישט געקומען, קיינער האָט זיך נישט אָנגערופען.

שוין נאָכ׳ן לעצטען מאָל אויסרופען, מען האָט שוין נאָר וואָס געוואָלט צוריק אָבשליסען די ש״י עולמות, איז עפּעס אָנגעקומען אַ קליין דאַר צוקראָכען מלאך׳ל . . , אַ פערשעמטעס איינגאַנצען אַדערשראָקענעס און זיך אַוועקגעשטעלט פאַר׳ן בית־דין של מעלה, מיט אַן׳אַראָבגעלאָזענעם קאָפּ פול מיט בושה, מיט האַלב געעפנטע אויגען, אַזוי ווי וויסענדיג גוט ווער מישטיינס־געזאָגט, זיין בעשעפער איז געווען!..

— וואָס האָסטו צו זאָגען? -- האָט איהם איינער פון בית־דין של מעלה געפרעגט.

— איך.. — האָט דאָס מלאך׳ל אָנגעהויבען שטאַמלען פיל מיט שרעק, איך בין בעשאַפען געוואָרען דורך דעם מסור און משומד...

-- דערצעהל, ווי אַזוי? — האָט דאָס בית־דין געזאָגט.

— נישט ווייט פון מיין בעשעפער — האָט דאָס מלאך׳ל אָנגעהויבען מיט ציטערניש האָט געוואוינט אַ יודישער יונגערמאַן, וואָס האָט געהאַט אַ שפּייז־געוועלבעל. מיין בעשעפער דער מסור, פלעגט אַלץ שיקען קויפען צו דעם יודישען יונגען־מאַן,

און געהאַלטען האָט ער מײַן בעשעפער אַ גױשע דינסט.

דער יונגערמאַן האָט זיך מיט דער דינסט גע'חבר'ט, אָנגעהױבען זי טשעפּען, ביז ער האָט זי אַזױ שטאַרק דערקוטשעט, אַז זי האָט מסכּים געװעזען מיט איהם צו זינדיגען אין איהם געשיקט זאָגען, אַז הײַנט בײַ נאַכט קען ער צו איהר קומען, װי זי װעט אױף איהם װאַרטען אין איהר חדר — ד. ה. אין דער קוך... ער האָט איהר צוריקגעשיקט אַ קװיטעל, פיל מיט שמחה, אַז ער װעט צו איהר קומען אַ זײגער דרײַ װען אַלע װעלען שױן שלאָפען, אין אַז זי זאָל נאָר געדענקען אָפען צו לאָזען די טיר, כּדי ער זאָל נישט דאַרפען צו קלאַפּען... האָט אָבער דאָס קװיטעל, מײַן בעשעפער דער מסור געפונען און װיסענדיג, װאָס דאָס קװיטעל בעדײַט, האָט ער זיך אַװעקגעשטעלט אין פאָדערהױז דאָס איז געװען אין אַ װינטער־נאַכט אין דרױסען איז געװען זעהר אַ שטאַרקער און ברענענדער פראָסט, און דער מסור איז אַזױ אָבגעשטאַנען ביז איבער די האַלבע נאַכט, און בעת דער יונגערמאַן איז געקומען דרײַ דעם זײגער האָט ער איהם גוט אױסגעזידעלט און אַרױסגעװאָרפען...

און אָט פון דעם, װאָס ער האָט אָבגעהאַלטען דעם ידישען יונגענמאַן פון אַזאַ גרױסע עבירה בין איך בעשאַפען געװאָרען — האָט דאָס מלאך'ל פערענדיגט זײַן ערצעהלונג.

אױסהערענדיג די דאָזיקע ערצעהלונג, האָט דער בית־דין של מעלה צוריק אָבגעשיקט דאָס מלאך'ל אױף זײַן אָרט און זיך אָנגעהױבען מתוכּח צו זײַן װעגען דעם מליץ־טוב... דרײַסיג טאָג נאָכאַנאַנד האָט געדױערט דאָס מתוכּח זײַן און די גאַנצע דרײַסיג טאָג איז ר' מענדעלע נישט געװען אױף דעם עולם!..

און װאָס איז געװאָרען מיט דעם מסיר'ס נשמה ? — האָט ברוך געפרעגט.

ר' מענדעלע האָט שפּעטער דערצעהלט, אַז דאָס בית דין של מעלה האָט אַרױסגעגעבען אַ פּסק אַז פינף און צװאַנציג יאָהר, דאַרף די נשמה אַרומגעהן נע ונד צװישען מוסרים און

משומדים, און ערשט רערנאָך וועט זי האָבען אַ תיקון! — וואָס שייך צו ר׳ מענדעלע אַלײן איז ער פון דעם נישט צופרידען געווען און האָט אַ גאַנץ יאָהר געאַרבײַט, אַז דער פסק זאָל בטל ווערען, און זאָל אַ צווײַטען מאָל פאָרקומען...

נו האָט ער אויסגעפיהרט? — האָט ברוך געפרעגט.

וואָס איז פאַר אַ פראַגע? נישט געווען קײַן זאַך, וואָס ר׳ מענרעלע זאָל נישט אויספיהרען...

עפּעס לעגט זיך מיר אָבער דאָך נישט די גאַנצע מעשה אויפ׳ן שכל. — האָט ברוך נישט געוואָלט נאָכגעבען.

ביסט דו דאָך שוין טאַקי אַנ׳אמת׳ער אַפּיקורס! — האָט ר׳ יצחק חיים אויסגעשריגען מיט כעס, און אַוועקגעגאַנגען פון אויבען, און זיך אַוועק געזעצט אין אַ צווײַטען ווינקעל...

בײדע זענען געבליבען זיצען פערטיפט אין דמיונות, אינ־גאַנצען זיך איבערגעגעבען אין דער דונקעלהײַט פון דער טיפער נאַכט אין דער גרויקײַט פון קלויז... וועלכער איז בעלויכטען געווען פון דעם אײנציגען יאָהרצײַט־ליכט, וואָס האָט געברענט פאַר׳ן עמוד, און געוואָרפען פון זיך אַ גאַנץ מאַטען שײַן אַרום און אַרום איבער די דונקעלע ווענד פון דעם אַלטען גרויען קלויז!...

דער נעמיראווער פרוש.

אין נעמיראווער קלויז איז כל ימיו געזעסען א פרוש, וועלכען מ'האט גערופען דער אלטער ר' דוד.

ער איז געווען א גרויסער יאווראווער חסיד, א למדן מופלג און ווייל ער איז געווען זעהר שטארק אבגעהיט אין הלכות כשרות פלעגט איהם דער נעמיראווער רב, וועלכע איז אויך געווען א יאווראווער חסיד, אויסהאלטען מיט עסען, דאס גאנצע יאהר האט איהם דער רב כסדר דריי מאל אין טאג צוגעשיקט עסען מיט זיין משמש.

אגאנץ יאהר איז דער פרוש געזעסען יומם ולילה און געלערנט, פלעגט כמעט קיין ד' אמות פון קלויז נישט ארויסקומען. נאר איין מאל אין יאהר, ערב ראש השנה, פלעגט ער פאהרען צום אלטען יאווראווער ז"ל. וואו ער פלעגט זיך שוין אבזוימען ביז איבער סוכות.

א טבע האט ער געהאט דער פרוש, אז יעדען פריהמארגען, גלייך ווי ער האט נאר אבגעזאגט „קריאת שמע", האט ער גלייך געמוזט טרונקען א ביסעל בראנפען. דערצו האט ער געהאט זיין אייגען גלעזעלע. דער שמש פון קלויז פלעגט איהם שוין יעדען טאג אריינברענגען דאס ביסעל בראנפען. די שענק איז געווען נישט ווייט פון קלויז און האט אנגעהערט צו א יונגער אלמנה מיט'ן נאמען חנה שיינדעל. די דאזיגע חנה שיינדעל האט שוין געוואוסט פאר וועמען דאס ביסעל בראנפען איז בעשטימט, און גלייך ווי דער שמש פלעגט נאר אריינקומען פלעגט זי לאזען אלע קונים אין א זייט און גלייך איהם

אַנגיסען זײַן גלעזעל בראָנפען. אַזױ האָט זיך עס געפירט כמה וכמה יאָהרען.

אײַנמאָל, װען דער שמש איז אין דער פריה צוגעגאַנגען צום פרוש נאָכ׳ן גלעזעל כדי איהם אַרײַן צו ברענגען דאָס ביסעל בראָנפען, האָט איהם דער פרוש געזאָגט, אַז פון הײַנט אָן װעט ער זיך אַלײן אַרײַננעמען דאָס ביסעל בראָנפען און טאַקע גלײַך דערױף איז ער אַלײן אַרױס אין די שענק אַרײַן. דערזעהענדיג דער פרוש אַלײן אין דער שענק, איז די אַלמנה שטאַרק פער׳חדש׳ט געװאָרען און איהם גלײַך אָנגעגאָסען זײַן גלעזעל בראָנפען, פאַר װעלכען דער פרוש האָט איהר בעצאָהלט בלײַבענדיג שטעהן פאַרן בופעט.

— איהר האָט נאָך עפּעס געװאָלט? — האָט איהם די אַלמנה געפרעגט, זעהענדיג אַז ער קלויבט זיך נישט אַרױס צו געהן.

— יאָ, — האָט איהר דער פרוש געענטפערט — איך האָב דיר נאָך געװאָלט זאָגען, אַז איך װיל מיט דיר חתונה האָבען...

די אַלמנה איז זעהר שטאַרק צוטומעלט געװאָרען הערענדיג פון דעם פרוש אַזאַ מין פערלאַנג... אַקורצע װײַלע האָט זי איהם גאָרנישט געװאוסט װאָס צו ענטפערען. דאַן האָט זי איהם געענטפערט:

— איך האַלט נאָך איצט נישט בײַ חתונה האָבען, און װען אפילו כ׳װאָלט שױן יאָ האַלטען דערבײַ דאַרפט איהר דאָך אַלײן פערשטעהן, אַז איך װאָלט גענומען אַזעלכען, װאָס איך זאָל נאָך קאָנען מיט איהם קינדער האָבען...

— און פון װאַנען װײַסטו, אַז מיט מיר װעסטו קײן קינדער ניט האָבען? — האָט זי דער פרוש געפרעגט.

— אַ מענש און אַזעלכע יאָהרען.... האָט די אַלמנה געשטאַמעלט.

— איך בין דיר אָבער מבטיח, — האָט דער פרוש װײַטער

געזאָגט — אַז דו װעסט האָבען מיט מיר קינדער, װאָס װעלען זײַן גרױסע צדיקים און חסידים..

— און אױב נישט? — האָט די אלמנה איהם געפרעגט מיט אַ שמײכעל — װעל איך אײַך געהן רופען צו אַ דין תּורה?!...

— דו װעסט מיך נישט דאַרפען רופען צו אַ דין־תּורה — האָט איהר דער פּרוש געענטפערט, מען האָט מיר מודיע געװעזען פון הימעל, אַז איך מוז חתונה האָבען, און אַז דו ביזט מײַן זװג, דרײַ גרױסע נשמות װאַרטען אױף אונז, זײ זשע בעסער נישט אײַנגעשפּאַרט, װאָרום אױב דו װעסט נישט װעלען פּאָל־גען מיט גוטען, װעסטו מוזען פאָלגען מיט בײזען...

די אלמנה האָט גאַר נישט פערשטאַנען װאָס ער רעדט, און װערענדיג שױן אַביסעל בײז האָט זי איהם געענטפערט:

— איהר קאָנט דאָך מיך ניט צװינגען, אױב איך װיל ניט חתונה האָבען...

— איך האָף אָבער, אַז דו װעסט מאָרגען שױן קלוגער װערען — האָט צו איהר דער פּרוש געזאָגט און איז אַװעק.

צומאָרגענס בעת דער פּרוש איז װידער געקומען און זי געפרעגט צו איז זי שױן מרוצה געװאָרען אױף דעם שידוך האָט זי געענטפערט:

— נײן! גאַנץ אומזיסט אײער טרחה, ר׳ דוד! איך װעל קײנמאָל גאַר ניט מרוצה װערען חתונה צו האָבען מיט אַזאַ אַל־טען יוד װי איהר זײַט...

— איך גלױב אָבער, אַז מאָרגען װעסטו שױן מיט מיר גאַנץ אַנדערש רעדען װי דו רעדסט איצט — האָט איהר דער פּרוש װײַטער געזאָגט, און נעמענדיג זײַן גלעזעל בראָנפען, איז ער װידער אַװעק...

דעם גאַנצען טאָג איז די אלמנה אַרומגעגאַנגען װי צומישט, זי האָט דעם פּרוש גוט געקענט, זי האָט געװאוסט, אַז ער איז אַ טײַערער און אַבגעהיטענער יוד, אַז ער איז אַ בעהאַלטענער צדיק! און אַז עפּעס מוז דאָ פאַרט זײַן אױב ער איז זיך אַלײן

נישט געקומען שרב'ענען צו איהר. זי האָט זיך אָבער בשום אופן נישט געקענט בעשליסען חתונה צו האָבען מיט איהם...

— רבונו של עולם! — האָט זי געהאַלטען אין איין טראַכטען — וואָס וויל ער פון מיר? ווי קומט ער צו מיר? ער איז דאָך שוין אַ בן־שבעים! און איך? איך בין דאָך נאָך קיין גאַנצע פינף און דרייסיג נישט...

זייענדיג שטאַרק מיד פון דעם גאַנצען טאָג טראַכטען, האָט זי זעהר פריה פערמאַכט די שענק און זיך גלייך געלעגט שלאָפען. באַלד ווי זי האָט זיך נאָר געלעגט אין בעט אַריין, איז זי באַלד איינגעשלאָפען. און איהר האָט זיך גע'חלומט זעהר אַ שרעקליכער חלום. עס האָט זיך איהר גע'חלומ'ט, אַז זי איז געפערליך קראַנק, צוויי דאָקטוירים שטעהען ביי איהר בעט, זיי קאָנען איהר אָבער גאָרנישט העלפען. זי הערט דייטליך ווי איינער זאָגט צום אַנדערען:

„אָ, זי מוז שטאַרבען!“

און זי איז טאַקי געשטאָרבען. זי הערט ווי מ'בעוויינט זי. זי פילט ווי מען לעגט זי אַראָב אויף די ערד... דאַן האָט מען זי אַריינגעלעגט אין אַ קאַסטען, מען פאָרט מיט איהר צום בית־עולם. דאָרט וואַשט מען זי אָב, מען טוט איהר אָן די תכריכים, מען לעגט זי צוריק אַריין אין אַ קאַסטען און מען טראָגט זי צום קבר...

זי פילט ווי מען לאָזט זי אַראָב אין קבר, ווי מען לעגט איהר אַריין שטיקלעך העלצלעך אין די הענד, שערבלעך אויף די אויגען... דאַן האָט מען זי אָנגעהויבען צו בעשיטען מיט ערד... יעדע לאָפּאַטע ערד האָט איהר אַ שטאַרקען קלאַפּ געטון אויפ'ן קערפּער... זי פילט די וועהטאָגען איבער דעם גאַנצען קערפּער און קאָן נישט שרייען. קוים קוים, וואָס זי הערט נאָך דאָס געוויין פון אויבען, אין קבר ווערט אַלץ פינסטערער, און די משא אויף איהר ווערט אַלץ שווערער, זי הערט אויף אינגאַנצען שוין צו הערען, זי פילט שוין גאָרנישט, גאָרנישט...

פלוצלונג ווערט עס ליכטיג, און זי זעהט פאר זיך א שעהנע גרײַז־גרויע געשטאלט. די געשטאלט איז איהר עפעס קענטליך, זי קאן זיך אבער ניט דערמאנען, ווען און וואו זי האט די געשטאלט געזעהען!

— חנה שײנדעל! — הערט זי דײטליך ווי די געשטאלט רעדט צו איהר — אויב דו ווילסט קאן איך דיר בעפרײַען פון דעם פינסטערען קבר...

— הײליגער צדיק! — ברעכט זי אויס אין א געוויין — איך בעט אײַך, ראטעוועט מיך, נעמט מיך ארויס פון דעם פינסטערען גרוב...

— דו מוזט מיר אבער שווערען, אז דו וועט מיך אלץ פאלגען, אז דו וועסט אלץ טוען וואס איך וועל דיך נאר הײסען...

— איך שווער הײליגער צדיק, אז איך וועל אלץ פאלגען, אז איך וועל אלץ טוען, וואס נאר איהר וועט מיר הײסען...

— איך פערלאנג פון דיר, אז דו זאלסט חתונה האבען מיט דעם אלטען ר׳ דוד, מיט׳ן פרוש פון געמיראווער קלויז! דו קענסט איהם גוט און דו ווײסט ווען איך מײן. נו, זאגסט מיר דאס צו?...

— יא, איך זאג דאס צו...

— שווער מיר, אז דו וועסט דײַן ווארט האלטען...

— איך שווער!..

— איך מאך דיך אבער אויפמערקזאם — האט די גע־שטאלט ווײטער צו איהר געזאגט — אז אויב דו וועסט די שבועה איצט ברעכען און דײַן ווארט נישט האלטען, וועסט דו לײַדען נאך פיל ערגערע צרות ווי דו האסט איצט געליטען, זאלסט דאס גוט געדענקען! און איצט געב מיר דײַן האנד...

זי האט אויסגעצויגען די האנד און א בעגאסענע מיט שווײס האט זי זיך אויפגעכאפט אין איהר בעט... זי האט

דעם גאנצען חלום געדענקט, אלץ וואס איז מיט איהר אין חלום געשעהען, איז איהר געשטאנען לעבעדיג פאר די אויגען, זי האט געזעהען דעם אלטען גרייז נעבען איהר בעט, ער איז אבער גאר נישט ענהליך געווען אויף דעם אלטען ר׳ דוד...

מורא האבענדיג ווייטער צו בלייבען אין בעט, האט זי זיך אויפגעהויבען, און געצינדען די לאמפ און איז שוין די גאנצע נאכט ארומגעגאנגען איבער די שטוב, מורא האבענדיג זיך צו לעגען.

— רבונו של עולם! — האט זי געוויינט — ווען דאס איז דיין רצון איז פארפאלען, געגען דיר וועל איך דאך גאר־נישט אויספיהרען...

צומארגעס אין דער פריה, בעת דער פרוש איז ווייטער געקומען און זי געפרעגט: נו, וואס זאגסטו היינט, חנה שיינדעל, ביזט דו מרוצה אויפ׳ן שידוך?... האט איהם די אלמנה געענטפערט:

— אז איהר האט ביי מיר טויטערהייט אויסגענארט א שבועה, איז פערפאלען, איך וועל מיין שבועה האלטען.

שוטה! — האט איהר דער פרוש געזאגט מיט א שמייכעל — איך האב דאך דיר פריהער געזאגט, אז אויב דו וועסט נישט וועלען פאלגען מיט גוטען וועסטו מוזען פאלגען מיט בייזען...

— אבער זאגט מיר, איך בעט אייך. — האט זיך די אלמנה ביי איהם געבעטען — ווער איז דאס געווען דער אלטער, וועלכען איך האב געזעהען אין קבר?...

— פאהר קיין יאוואראוו, וועסטו איהם זעהען — האט איהר דער פרוש נעענטפערט.

ווען די אלמנה איז שפעטער געווען אין יאוואראוו, האט זי אין „יאווארעווער“ דערקענט יענעם „אלטען“, די גרייז־גרויע געשטאלט, וואס זי האט געזעהען אין חלום ליגענדיג אין קבר.

אין פיר וואָכען אַרום האָט דער פרוש מיט דער אלמנה חתונה געהאַט. גאַנץ נעמיראָוו ווי אויך די גאַנצע סביבה אַרום האָט געהאַלטען אין איין רעדען וועגן דעם שידוך. דאָס וואונדער איז אָבער געוואָרען נאָך גרעסער, ווען מ׳האָט געזעהען, אַז צו דער חתונה איז געקומען דער אַלטער יאַוואָראָ־ווער און האָט אַליין מסדר־קדושין געווען.

צום יאָהר האָט חנה שיינדעל געבוירען א זוהן, צום צווייטען יאָהר ווידער אַ זוהן, און צום דריטען יאָהר אַ טאָכטער. און באַלד דערויף זענען דער פרוש מיט זיין ווייב חנה שיינדעל נפטר געוואָרען.

אין פיר וואָכען אַרום, דאָס הייסט צו די שלושים פון פרוש, איז גאַנץ נעמיראָוו אָבגעברענט געוואָרען...

ערשט פאַר׳ן אַלטען יאַוואָראָווער׳ס פטירה, איז מען ערשט געוואָהר געוואָרן, אַז דער פרוש איז געווען איינער פון די גרעסטע ל״ו צדיקים, וואָס אין זיין זכות האָט זיך גאַנץ נעמיראָוו געהאַלטען... און אַז קורץ פאַר זיין פטירה האָט מען אין הימעל אויף איהם גוזר געווען, אַז ער מוז חתונה האָבען, ווייל דריי גרויסע נשמות האָבען געדאַרפט אַראָבגעהען אויף דעם עולם־התחתון, און קיין אַנדערער האָט זיי ניט געקאָנט אַראָב־ברענגען נאָר ער...

אַמאָליגע יודען.

מײַן זײדע ר' אברהם משה האָט אין אַלטען בית־המדרש פון כמה יאָהרען געהאַט זײַן שטענדיגע שטאָט אין מזרח־וואַנד. ווען ס'האָבען זיך אָנגעהויבען די לאַנגע, טריבע, אומעטיגע הערבסט־טעג, און דערנאָך די לאַנגע, קאַלטע ווינטער־נעכט, פלעגט ער ליב האָבען באַלד נאָכ'ן מיטאָג אַוועקצוגעהן אין בית־המדרש, ווײַל דאָרט איז וואַרעמער, היימליכער, לעבעדיגער.

אין בית־המדרש פלעגט מײַן זײדע דערצעהלען מעשה'לעך. אַרום איהם האָבען זיך צוזאַמענגעקליבען אַלע יונגעלײַט פון בית־המדרש, אַמאָל אויך בעלי־הבתים, די אמתע „פני־העיר". ס'איז כמעט קײן איין יוד נישט געווען אין שטעטל, וואָס זאָל נישט אַמאָל האָבען געהערט מײַן זײדענ'ס אַ מעשה'לע.

דאָס רוב האָט דער זײדע מײַנער ליב געהאַט צוצופּאַסען דאָס מעשה'לע צו די געשעהענישען פון דער צײַט. איז למשל אומגעגאַנגען אַ שלאַפקײַט אין שטעטל, האָט ער שוין דערצעהלט אַ מעשה'לע, וואָס האָט געהאַט אַ שײַכות צו שלאַפקײַט. האָט אַמאָל אויסגעבראָכען אַ הונגער אין שטעטל, אָדער אַ שטעטל איז חלילה אָפּגעברענט געוואָרען, אָדער גלאַט אַזוי פאַראָרעמט געוואָרען, האָט ער שוין געהאַט צו דערצעהלען אַזאַ מעשה'לע, וואָס זאָל האָבען אַ שײַכות צום געטראָפענעם אומגליק. אײַנמאָל, ווען אין שטעטל זענען טאַקע אומגעגאַנגען אַלע דרײַ זאַכען, די שלאַפקײַט, די הונגער, און די אָרעמקײַט, האָט מײַן זײדע אין אַ פראָסטען מיטוואָך צונויפגענומען אין אַלטען בית־המדרש אַרום זײַן שטאָט אַ גרעסערען עולם.

יונגעלײט און בעלי־הבתים און דערצעהלט זײ אָט דאָס מעשה׳לע:

אמאָל זענען יודען נישט געװען אַזױ פער׳יתום׳ט װי הײנט. אמאָל, אין מײנע צײטען, איז אַ חוץ דעם װאָס ס׳זענען געװען גרױסע רביים, צדיקים, װאָס האָבען געקאָנט משפיע זײן אויף זײער דור, װאָס האָבען געקאָנט אויף זײערע דורות מגין זײן, האָבען זיך אויך געפונען גאַנץ פּשוטע יודען, װאָס האָבען זיך געקאָנט מוסר נפש זײן אײנער פאַר׳ן אַנדערען. אָט װעל איך אײך טאַקע דערצעהלען אַ מעשה׳לע, װאָס האָט זיך פערלאָפען אין אונזער שטעטל זלאָטאָפּאָליע, װי אַזױ פּשוטע יודען האָבען זיך מוסר נפש געװען און טאַקע מיט זײער מסירות־נפש אָפּגעראַטעװעט דאָס גאַנצע שטעטל פון אַ זעהר גרױס אומגליק.

מיט אַ סך יאָהרען צוריק איז אין זלאָטאָפּאָליע געװען אַ גרױסער הונגער און דערצו איז נאָך אויך אומגעגאַנגען אַ גרױסע שלאַפקײט. כמעט אין יעדען הױז איז געװען אַ חולה. דאָקטוירים און רופאים האָבען געאַרבײט טאָג און נאַכט. ס׳האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפען. די שלאַפקײט איז גע־װאָרען װאָס אַ טאָג אַלץ גרעסער און גרעסער. שיער דאָס גאַנצע שטעטל איז שױן געװען קראַנק. אַ פירטעל זלאָטאָפּאָליע איז שױן געװען אויסגעשטאָרבען, יעדען טאָג זענען צוגעקומען פרישע מתים.. ביז — ביז ס׳איז אויך קראַנק געװאָרען דער זלאָטאָפּאָליער רב ר׳ משה אהר׳לע!..

איך מוז אײך אָבער פריהער דערצעהלען װער און װאָס ר׳ משה אהרע׳לע איז געװען. ר׳ משה אהר׳לע איז געװען פון גאָר גרױסען יחוס. ער האָט געשטאַמט פון גרױסען יוד הקדוש. אַלײן איז ער געװען אַ קלײן דאַר יודעל, ער האָט אָבער געהאַט אַ גרױס האַרץ, מיט זעהר אַ גרױסער נשמה, װאָס האָט געקאָנט אין זיך אַרײננעמען די יודען פון דער גאַנצער װעלט, דערצו איז ער געװען זעהר אַ גרױסער

חכם, אַז אפילו די פּריצים פון ווײַט און בּרײט אַרום זלאָטאָפּאָליע פלעגען אַלע זיך קומען צו איהם לאָדען. און ס'האָט קײנמאָל נישט געטראָפען, אַז ס'זאָל ווער נישט מסכים זײַן אויף זײַן פסק-דין. פון יודען איז דאָך נישטאָ וואָס צו רעדען. ס'פלעגען פאָהרען צו איהם אַלערלײ חסידים, ווי קאָצקער, גערער, בעלזער, סאַדיגורער, סאַנדזער און מ'פלעגט אפילו שמועסען, אַז אפּיקורסים פלעגען צו איהם אויך פאָהרען. פערשטעהט זיך, אַז פערשטעל-טערהײט, און געהאַט טאַקע פאַר איהם דאָס נײַן יעהריגע קרחת... קינדער איז געווען בײַ איהם דאָס חיות. כמעט יעדען פאַרנאַכט, צווישען מנחה און מעריב, פלעגט ער צוזאַמענעמען אַרום זיך אַלע קינדער פון בּית-המדרש, דערצעהלען זײ פער-שידענע מעשה'לעך, איבּערזינגען און איבּער'חזר'ן מיט זײ די שבּת'דיגע ניגונים, פלעגט זיך מיט זײ שפּילען און אַמאָל טאַקע אויך, אין אַ יום-טוב, צי גאָר אַזוי אין אַ יומא דפּגרא, כאַפּען מיט זײ אַ טענצעל...

„דאָס זענען דאָך אונזערע קלײנטשיקע יודעלעך"! — פלעגט ער זאָגען מיט שמחה צום אַרומשטעהענדען עולם —, „זײ זענען דאָך די אײנציגע, וואָס לערנען אונזער הײליגע תּורה! דאָס זענען נאָך רײנע נשמה'לעך!.. הײליגע גופים'לעך!.. אַ מצוה זיך מיט זײ משמח צו זײַן, מ'דאַרף מיט זײ כאַפּען אַ רקוד'ל!.."

אָט דאָס איז געווען ר' משה אהר'לע! פערשטעהט זיך, אַז ווען ער איז קראַנק געוואָרען, איז געוואָרען אַ רעש אין שטעטל. מ'האָט געבּראַכט די גרעסטע רופאים פון זלאָטאָפּאָליע. די פּריצים האָבּען אַראָפּגעבּראַכט אַ דאָקטאָר אַזש פון בּערלין! ס'האָט אָבּער קײן זאַך נישט געהאָלפען, ר' משה אהר'לען איז מיט יעדען טאָג געוואָרען אַלץ ערגער און ערגער.

דאָס גאַנצע שטעטל איז אַרומגעגאַנגען ווי אָהן אַ קאָפּ, בּעקערס האָבּען נישט געבּאַקען, בּעלי-מלאכות האָבּען נישט גע-אַרבּײַט, סוחרים האָבּען נישט געהאַנדעלט, יודען זענען געזעסען אין די בּתּי-מדרשים, שולען, שטיבּלעך. די ווײַבּער אויפ'ן הײליגען

אָרט, מ׳האָט געהאַלטען אין אײן תהלים זאָגען, מ׳האָט געריסען קברים... מ׳האָט געזעהן בחוש, אַז עס איז נאָך זלאָטאָפּאָליע, אַז קוים געהט ר׳ משה אהר׳לע חלילה אַוועק, געהט מיט איהם מיט דאָס גאַנצע שטעטל... דער הונגער איז געווען שרעקליך, דאָס אָרעמקייט געוואַלדיג גרויס. די שלאַפקייט האָט זיך כּסדר פערשטאַרקט און מ׳האָט בעשײנפּערליך געזעהען, אַז מ׳וויל פון הימעל צונעמען דעם צדיק, כּדי צו קאָנען גאַנץ זלאָטאָפּאָליע אָפּמעקען פון דער ערד...

אײנמאָל אין אַ פּאַרנאַכט, האָט זיך דערהערט די שלעכטע בשורה, אַז ר׳ משה אהר׳לע האַלט זעהר שמאָל, אַז אָט, אָט הויבט ער אויס זײַן כּשר׳ע נשמה.

אין שטעטל איז געוואָרען אַ יללה, אָבער דאָ זענען צוויי פּשוטע יודען אַרײַן אין בית־המדרש און גלײַך צו צום אָרון־הקודש, אויפגעמאַכט בײדע טירען און בײדע אין אײן קול האָבען אויסגעשריגען: „רבונו של עולם! איך שענק דעם רב מײַנע יאָהרען״!.. אָפּגעזאָגט די פּאָר ווערטער, זענען בײדע תיכּף אַנידערגעפאַלען טויט פאַר׳ן אָרון־קודש... ר׳ משה אהר׳לע איז באַלד געזונד געוואָרען און צוזאַמען מיט איהם אויך דאָס גאַנצע שטעטל, אַזוי ווי קײנמאָל גאָרנישט...

אַנ׳אָרט האָט מען די צוויי קדושים אָפּגעגעבען גאָר אַ חשוב׳ען, גאַנץ זלאָטאָפּאָליע, פון קלײן ביז גרויס, איז נאָכגעגאַנגען נאָך זײער לויה, ר׳ משה אהר׳לע איז נאָכגעגאַנגען גלײַך נאָך די מטות... געלײגט האָט מען זײ אויפ׳ן זעלבען אָרט וואו ס׳ליגען די גרעסטע זלאָטאָפּאָליער צדיקים, זײער קבר איז אַרומגענומען געוואָרען מיט אַנ׳אײַזערנעם גדר.

אָט אַזעלכע יודען, פּשוט׳ע יודען זענען געווען אַמאָל!

דעם ראַדאָשיצער'ס לולקע.

אויף דעם אַלטען ראַדאָשיצער ז"ל פלעגען אלטע חסידים זאָגען, אַז ער איז תמיד געווען מעהר אויבען ווי אונטען. דער אַלטער משמש ר' פלטיאל, וואָס איז קיין מאָל פון זיין חדר מיוחד נישט אָפּגעטרעטען, פלעגט דערצעהלען, אַז כמעט יעדע נאַכט, ווען דער אַלטער וואַנד=זייגער האָט אויסגעשלאָגען זיין הייזעריגען איינס, איז גאַנץ פּלוצלונג דאָס ליכט פון זיין חדר פערלאָשען געוואָרען און ס'איז פינסטער געווען שוין ביז טאָג, דערנאָך פלעגט דער אַלטער פּלוצלינג אַרויסקומען, גלייך ווי ער וואָלט ערשט אויפגעשטאַנען פון שלאָף, און תיכף אַוועקגעהן אין מקוה.

אַ טבע האָט ער געהאַט, דער אַלטער ראַדאָשיצער, אַז באַלד ווי ער איז נאָר צוריקגעקומען פון מקוה, אַזוי האָט ער גלייך געמוזט פעררויכערן זיין לאַנגע לולקע. דאָס איז שוין געווען ביי איהם אַזאַ חוק, אַז נאָך איידער ער איז אַריבער די שוועל, האָט ר' פלטיאל איהם געמוזט דערלאַנגען די לולקע.

וועגען דער אָפּשטאַמונג פון דער דאָזיגער לולקע פלעגען פאָרקומען די גרעסטע מחלוקת'ן צווישען די חסידים גופא. אַזוי למשל האָט איין כיתה געהאַלטען, אַז די לולקע שטאַמט נאָך פון גאָר אַלטען ראַדאָשיצער, פון רבי'ן ר' בער ז"ל, אַ צווייטע כיתה ווידער האָט געהאַלטען, אַז די לולקע שטאַמט גאָר פון בעש"ט און, אַז איינמאָל, זייענדיג אויבען, האָט דער אַלטער דערזעהען די לולקע, האָט ער זיך איינגעעקשנ'ט, אַז ער וויל זי האָבען!, און איהר ווייסט דאָך, אַז ס'איז נישט געווען קיין זאַך, וואָס ער זאָל נישט אויספיהרען...

שטאַרקער איז געװען די צװײטע כּיתּה, װײַל מיט איהר איז אויך געװען ר׳ פּלטיאל, און לויט װי ער האָט דערצעהלט, האָט דער אַלטער אײגענטליך קײנמאָל נישט גערויבערט, נאָר אײנמאָל װען ער איז אַרײַנגעגאַנגען אַבּיסעל צו־רוימען דאָס חדר, האָט ער פלוצלונג דערזעהען די לולקע ליגען אויפ׳ן טיש. אז ער האָט געפרעגט דעם אַלטען: װאָס איז דאָס פאַר א לולקע?, האָט ער בעקומען א תּשובה:

— דאָס האָב איך די נאַכט בעקומען במתנה, װי מײנסטו, פּלטיאל, א נישט-קשה׳דיגע לולקע, הא?

װעגען דער לולקע פלעגען אויך חסידים דערצעהלען פערשידענע מעשיות, אַזױ למשל, אַז זינט דער אַלטער האָט בעקומען די לולקע אין דער האַנד אַרײַן, איז ער געװאָרען מעהר תּקיף בײַ זיך אַלײן, נישט געװען דאָס װאָרט, װאָס זײַן מויל זאָל אַרױסרעדען, און עס זאָל כּהרף עין נישט געשעהען. די לולקע האָט דער אַלטער דעם גאַנצען טאָג נישט אַרױסגעלאָזט פון האַנד. א סברה, אַז מיט איהר האָט ער זיך געפיהלט פיל זיכערער...

האָט אַמאָל געטראָפען, אַז ער האָט גראָד די לולקע נישט געהאַלטען און עס איז עמיצער פון זײַנע חסידים, צי גלאַט אַזױ א ייד, צי להבדיל גאָר אַן ערל, אַרײַנגעקומען צו איהם װעגען עפּעס א צרה, האָט ער תּיכּף גענומען די לולקע אין דער האַנד אַרײַן... אָפטמאָל בײַ זעהר שװערע בקשות—, האָבען אַלטע חסידים דערצעהלט—, פלעגט ער קלאַפּען מיט דער לולקע אין טיש אַרײַן—, „און אַז איך װיל אָבער אַזױ!“... און פערשטעהט זיך, אַז ס׳איז געװען װי ער האָט געװאָלט.

מאַכט זיך אָבער א מאָל א מעשה, דאָס איז געװען אין א שבּת צו נאַכט, אַלע זענען געזעסען בײַ דער מלוה-מלכּה, דער אַלטער אַלײן איז געװען זעהר גוט אויפגעלעגט, האָט אַלײן געזונגען די אליהו׳ס און פערשטעהט זיך, אַז װען דער אַלטער אַלײן איז געװען גוט אויפגעלעגט, איז ממש אין יעדען װינקעל געװען פרעהליך.

פלוצלונג אָבער רופט זיך אָן אַ שאַרפער חכיד, אײנער פון די גאָר נאָהנטסטע מקורבים:

—כ׳לעבען, רבי, ס׳וואָלט שוין צײט געווען, אַז די גאולה זאָל קומען. יודען ווערען הײַנט אַזוי פיל געפײניגט, אַזוי פיל געפּלאָגט, פון יעדען אָרט טרײַבט מען זײ, אין ערגעץ האָבען זײ קײן מנוחה ניט. כ׳לעבען, שוין גענוג געווען אין גלות, רבי! שוין גענוג! איהר דאַרפט נישט מעהר שווײַגען...

דער אַלטער האָט זיך פערטראַכט. די פרעהליכקײט איז גלײַך פון איהם פערשוואונדען און ער האָט דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף בײדע הענד. עטליכע מינוט האָט עס אַזוי געדויערט. מ׳האָט געהערט עטליכע מאָל ווי ער זיפצט שווער אָפּ, דער חסיד האָט שוין חרטה געהאַט, וואָס ער האָט דעם רבי׳ן אַרײַנגעבראַכט אין אַזאַ עצבות, אָבער פּלוצלונג האָט דער אַלטער אויפגעהויבען דעם קאָפּ און אַ זאָג געגעבען:

— פּלטיאל! דערלאַנג מים אחרונים!.

דער גאַנצער עולם האָט זיך שטאַרק פער׳חדוש׳ט: ס׳מײַטש! אין מיטען מלוה-מלכה, נאָך אפילו נישט די גאַנצע זמירות אָפּגעזונגען?..

באַלד נאָכ׳ן בענשען איז דער אַלטער אַרײַן אין זײַן חדר.

שפּעטער, אַז ר׳ פּלטיאל איז אַרײַנגעגאַנגען אין זײַן חדר, וואָס איז געווען נעבען דעם אַלטען׳ס חדר מיוחד, איז ער געבליבען שטעהן אַ דערשראָקענער. דער אַלטער האָט געקלאַפּט אין טיש אַרײַן מיט דער לולקע און געשריגען:

— און אַז איך וויל אָבער אַזוי און, אַז איך זאָג אָבער: שוין גענוג! שוין גענוג געווען אין גלות!..

דאָ איז אָבער דאָס ליכט פערלאָשען געוואָרען און דער אַלטער ר׳ פּלטיאל, וואָס האָט שוין געוואוסט וואָס דאָס בעדײַט, האָט זיך גלײַך געמאַכט זײַן בעטעל, געלײַענט

קריאת שמע און געלייגט זיך שלאָפען.

אז ר׳ פלטיאל איז אין דער פריה אריינגעגאנגען אין דעם אלטענ׳ס חדר א ביסעל צורויטען, איז ער א פערציטערטער געבליבען שטעהן. דער אלטער איז געלעגען אין בעט.

— די סטרא אחרא איז שטארקער. איך האָב דאָס מאָל נישט אויסגעפיהרט. און צוליב מיין עקשנות האָט מען מיר די לולקע אויך צוגענומען. איך האָב אָבער געשוואוירען, אז איך וועל נישט פריהער אויפשטעהן פון בעט, ביז וואנען איך וועל נישט צוריק בעקומען די לולקע...

די לולקע האָט אָבער דער אלטער שוין מעהר נישט צוריקבעקומען, און אין עטליכע טעג ארום איז ער נפטר געוואָרען.

און עד היום ווייסען די אלטע ראדאָשיצער חסידים צו דערצעהלען, אז ווען נישט די שבועה, אז ער מוז צוריק בעקומען די לולקע, מיט וועלכע ער האָט געוואָלט ברענגען די גאולה, וואָלט ער נאָך געקאָנט לעבען כמה וכמה יאָהרען...

מזל טוב.

דאָס איז געווען אין אַ פֿרײַטאָג. דער אַלטער באַביצער ז״ל האָט נאָר וואָס געהאַט אָפּגעדאַווענט און געוואָלט גיין עפּעס איבערבײַסען. פּלוצלונג איז אַרײַנגעקומען צולויפען גלײַך פון שנעל־צוג ר׳ משה בענדינער, און אַ געשריי געגעבען צום אַלטען משמש.

— ר׳ מאָניש, לאָזט מיך שוין אַרײַן, ס׳האַלט בײַ סכנת־נפשות!

— מ׳קאָן איצט נישט אַרײַנגעהן — האָט ר׳ מאָניש געענטפערט קאַלט און טרוקען ווי תמיד, און צוגעפינטעלט דערבײַ מיט׳ן רעכטען אויג...

— ס׳טײַטש! — האָט ר׳ משה געשריגען נאָך העכער —, איך זאָג דאָך אײַך, אַז עס האַלט בײַ סכנת־נפשות!

ר׳ מאָניש האָט ווײַטער געצופּט זײַן לאַנגע ווײַסע באָרד און נישט געענטפערט. ס׳זענען צוגעגאַנגען עטליכע חסידים און האָבען אויך אָנגעהויבען בעטען, רעדען: היתכן? אַ יוד אַ בן־תורה קומט מיט׳ן שנעל־צוג, ס׳האַלט בײַ סכנת־נפשות — לאָזט מען איהם נישט אַרײַן?

דאָ איז ר׳ מאָניש שוין געוואָרען אַ ביסעל ווייכער.

— וואַרט, משה, איך וועל אַרײַנגעהן פרעגען דעם רבי׳ן, צי ער וועט בײַ דיר איצט שלום נעמען...

מיר האָבען זיך דערווײַל צוזאַמענגעקליבען אַרום ר׳ משה׳ן. מיר האָבען זיך דערשראָקען פאַר זײַן פנים. טראָפּענס שווײס זענען פון איהם גערינען. ער האָט זיך געהאַלטען

אין איין ווישען מיט זיין רויטער פאַטשײַלע דאָס פּנים, דעם האַלז.

— מײַן ווײַב געהט שווער צו קינד. דאָקטוירים הייסען מאַכען אַ אָפּעראַציע. זיי זאָגען, אַז מ׳מוז!.. איהר פערשטעהט?!.. נו, האָב איך געכאַפּט דעם שנעל־צוג און בין אַהערגעקומען צום רבי׳ן הערען וואָס דער רבי וועט זאָגען.

מיר האָבען איהם געטרייסט, אַז דער אויבערשטער וועט אַודאי העלפען און ס׳וועט אַריבער בשלום..

דערווײַל איז ר׳ מאָניש אַרויסגעקומען פון רבי׳נס חדר, ווידער געפינטעלט עטליכע מאָל מיט׳ן רעכטען אויג און געזאָגט: משה! דער רבי האָט געזאָגט, אַז ער ווייסט, אַז דו ביסט דאָ, און הייסט דיך דאָ בלײַבען אויף שבת!..

— ווי קאָן איך דאָס טהון? — האָט ר׳ משה געשריגען —, אין דער היים איז דאָך סכנת־נפשות!

— אַזוי האָט דער רבי געהייסען —, האָט ר׳ מאָניש געענטפערט.

— אָבער איך בעט אייך, ר׳ מאָניש! לאָזט מיך נאָר אויף אַ מינוט אַרײַן...

— נישט איצט! — האָט ר׳ מאָניש געענטפערט —, דער רבי האָט נישט געהייסען. שפּעטער, שפּעטער האָט ער געזאָגט. נישט איצט...

מיר האָבען דאָס אָנגענומען פאַר אַ שלעכטען סימן, וואָרום אַ כלל האָבען מיר חסידים אַלע מאָל געהאַט, אַז ווען עס קומט עמיצער אין אַ עת צרה און דער רבי וויל איהם נישט אויפנעהמען, איז דאָס ניט קיין גוטער סימן. ביני־לבינו זענען אָנגעקומען נאָך חסידים אויף שבת און אַלע האָבען מיר געהאַט גרויס רחמנות מיט ר׳ משה׳ן. ער האָט אַזוי אויסגעזעהען, אַז עס איז געווען אַ שרעק אויף איהם אַ קוק

צו געבען. ס׳איז געוואָרען שפּעט. דער עולם איז שוין געגאַנגען אין מקוה אַרײַן. שוין זמן מנחה, און װיפיל מאָל ר׳ משה האָט געוואָלט אַרײַנגעהן, האָט איהם ר׳ מאָניש נישט געלאָזט, דער רבי האָט נאָך נישט גערופען.

ס׳איז געוואָרען נאַכט, מ׳געהט שוין מקבל שבת זײַן. מ׳וואַרט נאָר אויפן רבי׳ן, נאָר אָט עפענט זיך די טיר און דער רבי קומט אַרויס פון זײַן חדר. משה גיט אַ לויף צו און שרײַט אויס: רבי! דאָ גיט אָבער דער רבי אויף איהם אַ קוק און ר׳ משה רוקט זיך אַ פערציטערטער צוריק אַוועק אין דער זײַט, פערשטעהענדיג שוין, אַז קײַן גוטס הערט זיך נישט בײַ איהם אין דער היים.

און מיר חסידים האָבען גרויס שברות=הלב, אַלע חסידים, וואָס זענען געקומען צו פאָהרען אויף שבת, האָט דער רבי געגעבען שלום, אַלע אויפגענומען און צוגעלאָסט צו זיך, נאָר ר׳ משה׳ן נישט. וואָס זאָל דאָס בעדײַטען? נאָר מסתמא ווײסט דאָך דער רבי, וואָס ער טהוט...

מ׳האָט שוין מקבל שבת געווען. מ׳דאַוונט שוין מעריב דער עולם איז שוין לאַנג אויסגעגאַנגען „שמונה עשרה". מ׳וואַרט נאָר אויפ׳ן רבי׳ן. דער רבי אָבער שטעהט נאָך, דאַוונט לאַנג, לענגער ווי אַלע מאָל.. מ׳הערט גאַנץ דײַט=ליך ווי ער האַלט אין אײן חזר׳ן הויך דעם פסוק „עשה למען שמך", נאָר אָט האָט מען שוין אָפּגעדאַוונט, מ׳זאָגט „גוט שבת", דער רבי געהט אַרײַן אין זײַן חדר זיך אַביסל אָפּרוהען... אין בית=המדרש איז היים. חסידים פּאַכען זיך מיט די שטרײַמלעך אויף די קעפּ און ווישען זיך דעם שווייס מיט רויטע פאַטשײלעס. מ׳געהט אַ ביסעל אַרויס אין רבי׳נס הויף זיך אָפּקיהלען.. נאָר אײן ר׳ משה זיצט אין אַ ווינקעל פער׳צער׳ט מיט אַנ׳אַראָפּגעלאָזטען קאָפּ. עטליכע עלטערע חסידים געהען צו איהם צו.

—משה! ס׳איז שבת, מ׳טאָר נישט זײַן אין עצבות!

ס׳איז ניט גלײַך. גאָט װעט העלפען.. װען עס װאָלט חלילה געװען שלעכט, װאָלט דער רבי דיך זיבער געהײסען אַהײמפאָהרען.

נאָר ר׳ משה הערט גאָרנישט װאָס מ׳רעדט צו איהם, זײַנע מחשבות זענען פערנומען מיט דער הײם. קײן טעלעגראַמע איז נישטאָ, און אויב קײן טעלעגראַמע איז נישטאָ, װי קאָן גוט זײַן?..

פלוצלונג, אַ רעש אויפ׳ן הויף. דער רבי געהט קידוש מאַכען. דער עולם לויפט אַרײַן. בײַ די טהיר װערט זעהר ענג. מ׳טרעט זיך אויף די פיס. מ׳שטויסט זיך אין די זײַטען. שטרײַמלעך פליהען פריהער אַרײַן װי די קעפּ.. עס װערט אַ טומעל. ר׳ מאָניש שרײַט: לאָז זײַן שטיל, עולם! אפשר װעט שוין פאָרט זײַן שטיל?

עס דױערט נאָך אַזױ אַ פּאָר מינוט, דער עולם װערט שטיל. דער רבי מאַכט קידוש מיט גרויס כונה. ער װאַשט זיך, מאַכט המוציא, דער עולם װאַשט זיך אויך, מ׳זעצט זיך אַוים צום טיש לויט׳ן סדר. פלוצלונג גיט דער רבי אַ זאָג: משה קום אַהער צום טיש! ר׳ מאָניש גיט גלײַך אַ געשרײַ הויך: משה! אַהער צום טיש!. ר׳ משה זעצט זיך צום טיש. דער עולם װינקט זיך איבער מיט די אויגען. מ׳װערט אַ ביסעל לעבעדיגער.. עפּעס דאַכט זיך, אַ גוטער סימן, בפרט נאָך, אַז דער גאַנצער עולם האָט געזעהן, װי דער רבי האָט ר׳ משה׳ן אַלײן אין דער האַנד אַרײַנגעגעבען אַ שטיקעל פיש און בשעת מעשה געגעבען אויף איהם אַ לאַנגען קוק און אַ טיפען זיפץ...

מ׳האָט שוין לאַנג אָפּגעגעסען די פיש, דער עולם זיפצט שטיל: מ׳װאַרט אויפ׳ן „כל מקדש", נאָר דער רבי הײסט נאָך אַלץ נישט זינגען.. חסידים װונדערן זיך אין דער שטיל: װאָס הײסט?. מ׳טראָגט שוין די יויך און קײן „כל מקדש" זינגט מען נאָך נישט.. אַלע קוקען אויפן רבי׳ן, נאָר דער רבי

זיצט פער׳דאגה׳ט. האלט די אויגען פערמאַכט און דאָס פּנים איז עפּיס גאָרנישט דאָס זעלבע פּנים... ווי אַנ׳אימה פאַלט עפּיס אויפ׳ן גאַנצען עולם, מ׳ווייסט, אַז דאָס איז ניט אומזיסט. פּאַמעלעך לאָזט דער רבי אַראָפּ דעם קאָפּ אויפ׳ן טיש אונטער־שפּאַרענדיג די הענד. דער עולם האָט מורא אַוואָרט אויסצורעדען, נאָר שטילערהייט שושקעט זיך איינער איבער מיט דעם אַנדערן: ווער ווייסט ? ווער ווייסט?. די יוך שטעהט שוין לאַנג אויפ׳ן טיש, זי איז שוין באַלד קאַלט, און דעם רבינ׳ס קאָפּ ליגט נאָך אַלץ אויפ׳ן טיש אונטערגעשפּאַרט אויף די האַנד, נאָר פּלוצלונג גיט דער רבי אַ הויב אויף דעם קאָפּ. דאָס פּנים פלאַמט, מ׳קאָן דערין נישט אַריינקוקן.

— משה! מזל טוב! שטעל ווייַן! דו מאַכסט דאָך אַ שבת־דיגען ברית! דיין ווייב האָט געבוירען אַ בן־זכר! זאָגט איהם יודען מזל־טוב, מזל־טוב! זאָגט איהם, זאָגט איהם!

דער עולם האָט גלייך אויפגעלעבט, און פון אַלע זייטען האָט מען זיך אַ לאָז געטון צו ר׳ משה׳ן, קעפּ איבער קעפּ, הענד איבער הענד: מזל טוב! ר׳ משה, מזל טוב!...

ערשט איצט האָט דער רבי געהייסען זינגען „כל מקדש“ און אין מיטען זינגען איז טאַקע אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע: אַ מזל־טוב.

דער ליפּאָווער דאָקטאָר.

אין שטעטל ליפּאָווע האָט געוואוינט אַ רייכער יוד מיט'ן נאָמען ר' אהרן יוסף. ער איז געווען איינער פון די גאָר גרויסע גאַרוואָלינער חסידים און האָט דעריבער, פערשטעהט זיך, קיין איינציגע זאַך נישט געטון, ביז ער האָט זיך נישט פריהער שואל-עצה געווען מיט'ן רבי'ן. געהאַט האָט ער אַנ'איינציגע טאָכטער, חנה'לע, וואָס האָט גע'שמ'ט אין גאַנצען שטעטל מיט איהר שענהייט און פרומקייט, אַזוי, אַז דאָס שטעטל האָט איהם גיכער מקנא געווען מיט דער טאָכטער ווי מיט זיין גאַנצע עשירות.

אַז עס איז געקומען צו אַ שדוך, האָט מען אַהרן יוסף'ן פאָרגעלייגט די שענסטע און בעסטע שדוכים פון ליפּאָווע און פון דער גאַנצער סביבה, אהרן יוסף האָט אָבער וועגען יעדען שדוך אָנגעפרעגט ביים רבי'ן, צי ער איז דערויף מסכים און יעדעס מאָל בעקומען אַ תשובה: וואָס איילסטו דיך?..

דערפון האָט שוין אהרן יוסף פערשטאַנען, אַז דער רבי איז נישט מסכים און האָט יעדען שידוך אָפּגעזאָגט. אַז די שדכנים האָבען דערזעהען, אַז זייער טרחה איז אומזיסט, האָבען זיי איינגאַנצען אויפגעהערט צו איהם קומען וועגען שדוכים. דאָס האָט אַרויסגערופען מחלוקות צווישען אהרן יוסף'ן מיט זיין ווייב שרה לאה, וועלכע האָט זיך גאַנץ אָפט מיט איהם געקריגט: וואָס וועט זיין דער סוף? דאָס קינד ווערט דאָך וואָס אַ יאָהר עלטער, די יאָהרען רוקען זיך און דו — גאָר-

נישט! דו זיצסט און װאַרטסט אויפ׳ן רבי׳ן, ביז ער װעט דיר געבען אַ חתן!..

ר׳ אהרן יוסף איז אָבער געבליבען בײַ דאָס זײַניגע׳ אַז אָהן דעם רבי׳נס הסכמה װעט ער בשום אופן נישט טון קײן שדוך, װען ער זאָל אפילו װיסען, אַז זײַן טאָכטער זאָל פערזיצען ביז׳ן גראָהען צאָפּ אַרײַן... מסתמא אַז דער רבי הײסט װאַרטען, װײסט ער װאָס ער טוט!

מאַכט זיך אַמאָל אַ מעשה, אַז אין שטעטל ליפּאָװיע שטאַרבט אװעק דער אַלטער דאָקטאָר און אויף זײַן אָרט קומט צופאָהרען גאָר אַ יונגער דאָקטאָר. לכתחילה האָט דאָס שטע־טעל צו איהם גאָר קײן צוטרוי נישט געהאַט. עפּעס אַזאַ יונג שנעקעל! —, האָט מען געהאַלטען אין אײן רעדען איבער׳ן גאַנצען שטעטל, נאָר אַז מ׳האָט געזעהען, אַז ער איז אַ גוטער דאָקטאָר, נאָך אַ פיל גרעסערער מומחה װי דער אַלטער דאָקטאָר, האָט זיך אַ גרויסער עולם גיך צוגעװעהנט צו איהם און ער האָט באַלד בעקומען אַ גוטען נאָמען. אײנמאָל איז ר׳ אהרן יוסף האָט בעקומען אַ שטאַרקען קאָפּ װעהטאָג. און מ׳האָט צו איהם גערופען דעם דאָקטאָר, האָט ער דאָרט דערזעהען חנה׳לען, זיך מיט איהר אַביסל פונאַנדער־גערעדט און באַלד צומאָרגענס צוגעשיקט אַ שדכן צו ר׳ אהרן יוסף׳ן.

ר׳ אהרן יוסף איז אינגאַנצען מבולבל געװאָרען: אַ דאָקטאָר גאָר! — האָט ער געזאָגט —, אַנ׳אַפּיקורס?!... אַזוי אָבער װי ער איז געװען אַ׳אײדעלער יוד און האָט נישט געװאָלט אַ מענש פּוגע בכבוד זײַן, האָט ער געענטפערט דעם שדכן, אַז ער װעט איהם אין עטליכע טאָג אַרום געבען אַ תשובה, גראָד האָט זיך געמאַכט, אַז ר׳ אהרן יוסף איז נאָך אין דער זעלבער װאָך געװען אין גאַרװאָלין, און בעת ער האָט גערעדט מיט׳ן רבי׳ן װעגען פערשידענע ענינים, האָט ער איהם

אויך דערצעהלט די מעשה וועגען דאָקטאָר, אַז ער וויל נעמען זײַן טאָכטער...

דער רבי האָט זיך אַ ביסל פערטראַכט און איהם גע־ענטפערט: נו, וואָס מײַנסטו, איז אַ דאָקטאָר? אַ דאָקטאָר איז אויך אַ יוד. איך בין צו דעם שדוך מסכים!..

ר' אהרן יוסף האָט שוין מעהר נישט איבערגעפרעגט, איז באַלד אַהײַמגעפאָהרען און געשיקט נאָכ'ן שדכן און איהם געזאָגט, אַז ער איז מסכים צום שדוך, און אויב דער דאָקטאָר וויל, זאָל ער באַלד קומען און זיי וועלען אַל'ץ אָפּרעדען.

פערשטעהט זיך, אַז דער דאָקטאָר איז באַלד געקומען, מ'האָט זיך אָפּגערעדט אַל'ץ וואָס מ'דאַרף, אָפּגעלייגט אויף אַ קורצע צײַט דעם זמן החתונה, און טאַקע באַלד אויפ'ן אָרט געטרונקען אַ לעקעך און בראָנפען.

דאָס גאַנצע שטעטל האָט געקאָכט. אַלע האָבען זיך געהאַלטען אין איין וואונדערן: ס'טײַטש, ר' אהרן יוסף — מיט אַ דאָקטאָר?!.. וואו קומען עפּעס די ריבען אין דעם זאַק אַרײַן? — האָט יעדער געפרעגט. גאַרוואָלינער חסידים האָבען אָבער געוואוסט, אַז ר' אהרן יוסף האָט געטון דעם שידוך מיט דער הסכמה פון רבי'ן, און דערפון האָט זיך טאַקע באַלד אויך דערוואוסט דאָס גאַנצע שטעטל, און פערשטעהט זיך, אַז דאָס האָט נאָך מעהר פערשטאַרקט דעם דאָקטאָר'ס פּראַק־טיק, וואָרום אין שטעטל איז נאָך געווען אַ היבשער עולם, וואָס האָט נאָך נישט געהאַט קיין צוטרוי צו דעם יונגען דאָקטאָר, גאָר אַז מ'האָט דערהערט די מעשה, אַז דער רבי אַליין האָט געהייסען ר' אהרן יוסף'ן נעמען איהם פאַר אַנ־אייִדעם, האָט מען איהם אָנגעהויבען צו בענוצען און זײַן נאָמען איז געוואַקסען פון טאָג אויף טאָג, נישט נאָר בלויז אין ליפּאָווע אַליין, נאָר אויך אויף ווייט און ברייט אַרום ליפּאָווע, און סיי די יודען און סיי קריסטען, אפילו די

פּריצים האָבען שוין פון קײן אַנדערן דאָקטאָר נישט געוואוסט, ווי נאָר פון ליפּאָווער דאָקטאָר...

אַזוי האָט זיך דער דאָקטאָר געפיהרט גאַנץ יודיש. יעדען ־שבת געקומען אין שוהל אַרײַן, מנדר געווען שעהנע נדרים, פלעגט אויך געבען שעהנע נדבות אויף אַלע יודישע זאַכען, אַזוי, אַז דאָס גאַנצע שטעטל האָט איהם גערוהמט ביז׳ן הימעל אַרײַן. פערשטעהט זיך, אַז ר׳ אהרן יוסף מיט זײן ווײַב און די כלה זענען דערפון באמת געווען אין זיבעטען הימעל. פון אײן זאַך האָט אָבער ר׳ אהרן יוסף יאָ געהאַט אביסעל עגמת־נפש, דערפון, וואָס דער דאָקטאָר האָט קײנמאָל נישט געוואָלט פאָהרען צום רבי׳ן. וויפיל ר׳ אהרן יוסף האָט איהם אַלץ נישט געבעטען, וויפיל ער האָט איהם אַלץ נישט ערקלערט, אַז נאָר אַ דאַנק דעם רבי׳ן, האָט ער איהם גענומען פאַר אַ חתן; האָט דאָס אַלץ נישט געהאָלפען, דער דאָקטאָר איז זיך געבליבען בײַ דאָס זײַניגע, אַז ער האַלט נישט פון קײן רבי׳ן, אַז אַלע מענשען זענען גלײַך!..

צװײ װאָכען פאַר דער חתונה האָט זיך אָבער ר׳ אהרן יוסף אײַנגעשפּאַרט, אַז זײן אײדעם מוז מיט איהם אַריבער־ פאָהרען קײן גאַרוואָלין.

— פאַר אַ חתונה... אַנ׳אײנציג קינד בײַ מיר... אײן אויג אין קאָפּ, ווײל איך, אַז דער רבי זאָל דיר געבען אַ ברכה אויף דײַנע רפואות.

דער דאָקטאָר איז אָבער געווען אַנ׳עקשן.

— איך דאַרף נישט אויף מײַנע רפואות קײן ברכה פון אײער רבי׳ן... און איך וועל בשום אופן נישט פאָהרען...

פערשטעהט זיך, אַז ר׳ אהרן יוסף האָט דערפון געהאַט זעהר פיל עגמת־נפש, און אַזוי ווי ער האָט ניט געוואָלט מאַכען קײן ערנסטע מחלוקה, איז ער אַלײן אוועקגעפאָהרען, און איבער׳ן גאַנצען וועג האָט ער זיך געהאַלטען אין אײן שלאָגען מיט דער דעה, צי זאָל ער יאָ וועגען דעם

דערצעהלען דעם רבי'ן צו נישט.

געבליבען איז בײַ איהם, אַז ער זאָל נישט דערצעהלען. װי פערחידוש'ט איז ער אָבער געװאָרען, אַז בײַם געזעגענען זיך, האָט איהם דער רבי מיט אַ שמײכעל געפרעגט:

– און דײַן חתן װיל טאַקע נישט אַהערקומען? האַ!.. נו, פאָהר לחיים ולשלום! ער װעט נאָך פאַר דער חתונה אַהערקומען... האָב נישט קײן עגמת־נפש, איך בין דיר מבטיח, אַז ער װעט מוזען אַהערקומען!..

עטלעכע טעג נאָכדעם, װי ר' אהרן יוסף איז צוריק־געקומען פון גאַרװאָלין, האָט מען דעם דאָקטאָר אין מיטען דער נאַכט אַרױסגערופען צו אַ קראַנקען פריץ, װאָס האָט געװאױנט נישט װײַט פון ליפּאָװע. דער דאָקטאָר איז באַלד אַהין אַרױסגעפאָהרען, בעטראַכט דעם חולה, און אַזױ װי ער האָט געזעהען, אַז דער חולה איז נישט מסוכן, האָט ער איהם פערשריבען אַ מעדיצין, און געזאָגט װאָס מ'דאַרף טהון.

װי דערשראָקען זענען אָבער אַלע געװאָרען, אַז באַלד בײַם ערשטען לעפעל, װאָס דער חולה האָט אײַנגענומען, איז ער גלײַך געשטאָרבען. ס'איז געװאָרען אַ ליאַרם, אַ געשרײַ, נישט אַנדערש װי דער דאָקטאָר האָט פער'סמ'ט דעם חולה, באַלד דערױף האָט מען דעם דאָקטאָר אײַנגעזעצט אין תפיסה. אין שטעטל איז געװאָרען אַ רעש, אַלע האָבען בעדױערט דעם יונגען דאָקטאָר: אַכט טאָג פאַר אַ חתונה, און דאָ נאָר אַזאַ אומגליק!..

אַממעהרסטען, פערשטעהט זיך, האָט געאַרבײַט מעשים שרה לאה, ר' אהרן יוסף'ס װײַב. זי האָט געהאַלטען אין אײן שרײַען:

— אהרן יוסף, װאָס שװײַגסט דו? דאָס קינד װעט דאָך דאָס נישט איבערהאַלטען!

און דעם אמת געזאָגט איז טאַקע חנה'לע, באַלד װי זי האָט דערהערט פון דער מעשה, צורודערט געװאָרען, נישט

געוואוסט וואָס מיט איהר טהוט זיך און וואָס מ׳רעדט צו איהר, זי איז פשוט אַרומגעגאַנגען ווי משוגע. ר׳ אהרן יוסף איז דעם זעלבען טאָג אַריבערגעפאָהרען קײַן גאַרוואָלין, אָבער דער רבי האָט איהם בערוהיגט, געהייסען אַלץ ווײַטער צוגרײַטען צו דער חתונה, און איהם מבטיח געווען, אַז אויפ׳ן דריטען טאָג וועט דער דאָקטאָר פרײַ ווערען...

און כך הוה, אויפ׳ן דריטען טאָג בעת מ׳האָט זיך אָנגעהויבען צו פאָרען אַרום דעם פערשטאָרבענעם פריץ, האָט זיך דער פערשטאָרבענער פלוצלונג אויפגעזעצט, און אָנגעהויבען רעדען גלײַך ווי קײנמאָל גאָרנישט. דאָס גאַנצע בני-בית האָט זיך שטאַרק דערשראָקען, נישט געוואוסט וואָס ס׳איז דאָ געשעהען, די שמחה איז געווען אַ געוואַלדיגע. די ידיעה האָט זיך אויך באַלד פערשפרײט איבער׳ן גאַנצען שטעטל און, פערשטעהט זיך, אַז דער דאָקטאָר איז גלײַך בעפרײַט געוואָרען...

דער דאָקטאָר איז געקומען צו ר׳ אהרן יוסף׳ן, און נאָכדעם ווי זײ האָבען זיך עטליכע מינוט אָפגעפרעהט, האָט דער דאָקטאָר געבעטען אהרן יוסף׳ן, אַז ער זאָל תיכף מיט איהם אַריבערפאָהרען קײַן גאַרוואָלין צום רבי׳ן, באשר בכן, אַז זײַן פערשטאָרבענער טאַטע איז איהם געקומען די נאַכט צו חלום, און איהם געזאָגט, אַז דאָס האָט איהם אָפגעטון דער גאַרוואָלינער רבי, דערפאַר ווײַל ער האָט אָפגעשפעט פון זײַנע ברכות און נישט געוואָלט ביז איצט צו איהם פאָהרען.

ר׳ אהרן יוסף איז באַלד מיט איהם אַוועקגעפאָהרען קײַן גאַרוואָלין, וואו דער רבי האָט איהם זעהר פרײַנדליך אויפגענומען, און מיט אַ שמײכל זיך געווענדעט צו איהם:

— פאַר מײַן שדכנות האָסטו דאָך פונדעסטוועגען געמעגט אַהערקומען און מיר זאָגען אַ יישר כח...

אַ חתונה, פערשטעהט זיך, האָט ר׳ אהרן יוסף געמאַכט גאָר אַ גרויסע, און אויף איהר זענען געווען דער רבי אַלײן

מיט זעהר פיל חסידים. דער רבי איז געװען מסדר קדושין, אויף דער חתונה איז געװען כמעט דאָס גאַנצע שטעטל.

ס'איז איבריג צו זאָגען, אַז נאָך דער דאָזיגער מעשה, איז דער דאָקטאָר געװאָרען אַ הײסער גאַרװאָלינער חסיד, און װי לאַנג דער אַלטער ז"ל האָט געלעבט, איז ער כל ימיו געפאָהרען צו איהם. דער נאָמען פון דאָקטאָר איז דערנאָך געװאָרען דאָפּעלט גרױס, דער־פאַר, װאָס די אַלע חולים, װאָס זענען געקומען צום רבי'ן װעגען רפיאות הגוף, האָט ער אָפּגעשיקט צום דאָקטאָר און אומעטום, אין אַלע קלײנע און גרױסע שטעדט, האָט מען געהאַלטען נאָר אין אײן רעדען פון ליפּאָװער דאָקטאָר.

דער ברית.

פון דעם אלטען טשארטקאווער ז״ל האט איהר דאך אודאי געמוזט הערען ווער און וואס ער איז געוועזען? חסידים פלעגען אויף איהם זאגען, אז ער איז געוועזען א נ׳אמת׳ער הימעל-מענש, אז ער האט פאר קיין שום זאך שוין קיין מורא נישט געהאט.

צווישען די טשארטקאווער און ראדזינער חסידים איז בידוע אמאל אויסגעבראכען א גרויסע מחלוקה מכח דעם ווער עס איז דער אמת׳ער מנהיג-הדור, ווער עס איז די אמת׳ע זייל פון דער וועלט. די ראדזינער האבען געהאלטען אין איין טענה׳ען, אז נאר דער ראדזינער איז דער אמת׳ער מנהיג. אז נאר אויף איהם אליין שטעהט די גאנצע וועלט און האבען געבראכט א ראיה דערפון, וואס זיין קדושה וטהרה איז אזוי גרויס, אז ער נעהמט אפילו נישט אן קיין נשים, די טשארטקאווער האבען דערפון געלאכט און גע׳טענה׳ט פונקט פערקעהרט: דערפון אליין קאן מען ערשט זעהן, אז ער איז פיל קלענער פונ׳ם טשארטקאווער, ווארום דער אמת׳ער גרויסער האט פאר קיין שום זאך קיין מורא נישט, און ער, דער ראדזינער הייסט עס, האט נאך נישט דערגרייכט אזא עליה, אז ער זאל קאנען בייזשטעהן דעם נסיון פון זעהן א נ׳אשה, הערען רעדען און נישט בעקומען קיין שלעכטע מחשבות.. דער טשארטקאווער אבער יא!, ער קאן זיך שפילען מיט׳ן יצר הרע ווי א קינד מיט א באלעם, אוועקווארפען איהם ווען און וואוהין ער וויל... עלטערע חסידים פלעגען נאך אפילו דערצעהלען, אז ער, דאס הייסט דער אלטער טשארטקאווער ז״ל, האט שוין דערגרייכט אזא הויכע מדרגה, אז ער האט שוין בכלל אין זיך קיין יצר-הרע נישט געהאט..

די מחלוקה צווישען די צוויי כיתות חסידים האט אזוי אנגעהאלטען יאהרען לאנג, און ווער ווייסט צי ס׳וואלט ווען עס איז צו איהר א סוף געקומען, ווען נישט א מעשה, וואס האט אויפגערודערט נישט בלויז טשארטקאוו אליין, נאר אויך די גאנצע געגענד ווייט און ברייט ארום טשארטקאוו, און די ראדזינער האבען שוין געמוזט נאכגעבען, אז דער טשארטקאווער איז טאקע א חד בדרא...

ומעשה שהיה כך היה.

אין טשארטקאוו האט געוואוינט אנ׳אפיקורס. וועלכען מ׳האט גערופען משה׳לע גוי. וועגען אט דעם דאזיגען משה׳לע פלעגט מען דערצעהלען, אז דער טאטע זיינער איז געווען א למדן, זעהר א גרויסער בן-תורה און דערצו נאך זעהר א שארפער חסיד, און אז משה׳לע גוי אליין איז אויך נישט קיין עם-הארץ, אין דער יוגענד שעהן געלערנט, האט ער זיך אבער שפעטער ארייג-געלאזט אין חקירות און די קליפה ר״ל האט אויף איהם בע-קומען א שליטה, ער איז באלד אראפ פון גלייכען וועג, האט אויפגעהערט האלטען פון שבת און יו״ט, האט עובר געווען אויף אלע יודישע דינים, מיט אייןווארט געווארען א גאנצער אפיקורס און דערפאר טאקע האט מען איהם גערופען משה׳לע גוי..

א טבע האט משה׳לע גוי געהאט אפט אריינצוקומען אין אל-טען בית-המדרש בין מנחה ומעריב, און זיך צוצוהערען צו די מחלוקות׳ן צווישען די טשארטקאווער און ראדזינער. איינמאל אויף צומארגענס נאך אזא מחלוקה, איז ער פלוצלונג אריין צום אל-טען ז״ל און געזאגט איהם:

— רבי! מיין יוויב האט געבוירען א בן-זכר, און איך וויל אייך, רבי, מכבד זיין מיט סנדקאות...

דער אלטער האט אויפגעהויבען זיינע גרויסע ברעמען, געגעבען אויף איהם א קוק און געזאגט: גוט. כ׳וועל קומען.

פון אלטען ז״ל איז משה׳לע גוי גלייך אוועק צו אלע זיינע אפיקורסישע חברים און יעדען פון זיי דערצעהלט וואס פאר א

שפּיצעל ער געהט דאָ אָפּטון דעם אלטען רבי׳ן. זײַן װײַב האָט גאר געבוירען א מײדעל, האָט ער דעם רבי׳ן אָפּגענאַרט, איהם געזאָגט, אז זי האט געבוירען א זכר און געבעטען איהם אויף סנדקאות, און דער רבי האָט איהם צוגעזאָגט צו קומען.

—זאָל טאַקע אײנמאָל פאַר אַלע מאָל די װעלט זעהן, אַז דאָס איז נישט מעהר װי אַ פערבלענדעניש, אַז מ׳דאַרף נישט גלויבען אין רביים און גוטע יודען... אַז זײ װײסען טאַקע גאָרנישט מעהר װי יעדער אַנדערער בשר ודם.

אויפ׳ן אַכטען טאָג זענען זיך אַלע זײנע חברים צוזאַמע־ געקומען אויף דעם מכלומר׳שטען ברית. פערשטעהט זיך, אַז די יולדת האָט געװאוסט פון דער גאַנצער מעשה, די הײבאַם איז אויך געװען פון זײער חברה און איז טאַקע אויך געװען צװישען דעם עולם. אַלץ איז געװען צוגעגרײט װי צו אַן אמת׳ן ברית... דער עולם האָט זיך זעהר לוסטיג געמאַכט, געהאַלטען אין אײן לאַ־ כען און װיצלען זיך אויפ׳ן חשבון פון אַלטען רבי, װאָס װעט נע־ מען סנדקאות בײַ אַ מײדעל...

די טיר האָט זיך געעפענט און דער אַלטער ז״ל מיט זײַן משמש און רבי אהרן דוד װאָס איז געװען מוהל אין טשאָרט־ קאָװער הויף, זענען אַרײנגעקומען און געהײסען צוגרײטען דאָס קינד.

—רבי, מיר מוזען נאָך אַ ביסעל װאַרטען, דער מוהל איז נאָך נישטאָ—, האָט משה׳לע גוי געזאָגט און איז שיער ניט דערשטיקט געװאָרען פון געלעכטער.

—מיר דאַרפען נישט װאַרטען—, האָט איהם דער אַלטער געענטפערט—, איך האָב מיטגעבראַכט מײַן מוהל... אלתר חיים —, האָט ער זיך געװענדעט צום משמש—, זאָג דאָרט, אַז מ׳זאָל צוגרײטען דאָס קינד...

ר׳ אהרן דוד האָט זיך דערװײל אװעקגעשטעלט בײַ׳ם פענסטער, געמאַכט אַלע נויטיגע הכנות און דער עולם האָט זיך

קוים אײַנגעהאַלטען נישט אַרויסצופּלאַצען מיט אַ גרויס געלעכטער...

— פערטיג!—, האָט די הייבאַם אויסגעשריגען.

באַלד איז דער משמש צו צו משה׳לע גוי און איהם געפרעגט וועמען ער איז מכבד מיט די מצוות. משה׳לע גוי האָט איהם אָנגערופען עטליכע נעמען, וועלכע דער משמש האָט גלייך אויסגערופען ביז צום סנדק, דערנאָך האָט ער אויפגערופען דעם אַלטען. דער אַלטער האָט אָנגעטון זיין טלית און זיך אַוועקגעזעצט אויפ׳ן כסא של אליהו.

דער עולם האָט פּלוצלונג אויפגעהערט לאַכען, עפּעס אַ שרעק און אַ מורא האָט יעדען אַרומגענומען, משה׳לע גוי האָט שוין חרטה געהאַט אויפ׳ן גאַנצען עסק און געוואָלט צוגעהן צום אַלטען און איהם בעטען מחילה. ר׳ אהרן דוד האָט אָבער דערוויל שוין געמאַכט די ברכה און טאַקע גלייך אויך מל געווען.

דער עולם איז געשטאַנען ווי צומישט, ביי יעדען האָט געקלאַפּט אַ צאָהן אָן אַ צאָהן, משה׳לען אַליין איז עפּעס ווי פינסטער געוואָרען פאַר די אויגען... די פּיס האָבען ביי איהם אָנגעהויבען צו ציטערן, אָט, אָט האָט ער געפיהלט פאַלט ער אום, און ווען ר׳ אהרן דוד האָט אויסגעשריגען:

—ויקרא שמו בישראל...

האָט זיך דער אַלטער אָנגערופען:

— וואָס פרעגסטו, ער הייסט, משה בן משה!

און גלייך דערויף איז משה׳לע גוי אומגעפאַלען און געבליבען ליגען אויפ׳ן אָרט טויט...

מיט דער דאָזיגער מעשה האָט גאַנץ טשאָרטקאָוו געקלונגען אַ פּאָר יאָהר און נישט נאָר טשאָרטקאָוו אַליין, נאָר ווייט און ברייט אַרום טשאָרטקאָוו האָט מען יאָהרען לאַנג געהאַלטען אין איין דערצעהלען פון דעם וואונדער, וואָס איז געשעהן, אַז אייגענטליך איז עס געווען טאַקע אַ זכר, נאָר דער טשאָרטקאָווער, וואָס האָט פריהער געוואוסט וואָס משה׳לע גוי וויל טון, האָט אַלעמען פערבלענדעט די אויגען און אַלע האָבען געמיינט,

אַז עס איז אַ מײדעל...

אַז משה בן משה איז אויסגעוואַקסען איז ער געוואָרען אַ גרויסער בן־תּורה און אַזוי לאַנג ווי דער אַלטער האָט געלעבט, איז ער געפאָהרען צו איהם און געווען איינער פון זײנע איבערגעגעבענסטע חסידים.

לייבקע דער וואַסער-טרעגער.

דאָס איז געווען מיט כמה וכמה יאָהרען צוריק, אין דעם אַלטען שטעטעל קאַלישין. די יודען האָבען דעמאָלט זעהר פיל געליטען פון די גוים, וואָס האָבען געוואוינט אין יענעם שטעטל, בעזונדערס טאַקע פון די דעמאָלטיגע פריצים, וואָס האָבען די יודען אָנגעטון זעהר פיל געברענטע צרות. ערגער אָבער פון אַלע האָט געפּייניגט די יודען דער דאָרטיגער גלח. דער דאָזיגער גלח איז פּשוט געווען פאַר די יודען אַ צווייטער פרעה, נישט געווען דער טאָג, וואָס ער זאָל נישט אויסקלערען עפּעס אַ נייעס, וואָס האָט גורם געווען די יודען פרישע צרות, פרישע אומגליקען...

ס'רוב האָט דער גלח ליב געהאַט צו טשעפּען דעם רב. ער פלעגט איהם תמיד אַרויסרופען אויף ויכוחים און פלעגט איהם תמיד שטעלען אַזעלכע פראַגען, אויף וועלכע אַ יודישער רב בכלל און דער אַלט קאַלישינער בפרט, איז נישט געווען בכח צו ענטפערן. ס'פערשטעהט זיך, אַז נאָך אַזאַ ויכוח האָבען שוין דער גלח, די פריצים און סתם די גויים געהאַט חוזק צו מאַכען און צו פּייניגען די יודען אויף גאָר אַ לאַנגער צייט.

אײנמאָל, װען דער גלח איז געװען אויף אַ באַל, אויף װעלכען עס זענען געװען פערזאַמעלט כמעט אַלע פּריצים פון דער גאַנצער סביבה, האָט ער זײַענדיג שוין זעהר בגילופינ׳דיג, אַ זאָג געגעבען צום עולם:

— איהר װײסט, װאָס מיר איז אײַנגעפאַלען?

— װאָס? — האָבען אַלע איבריגע געפרעגט.

— איך געה אַרויסרופען דעם יודישען רב אויף אַ נײַעם וכּוח—האָט דער גלח געזאָגט—, דאָס מאָל װעט דאָס איהם אָבער שוין קאָסטען זײַן לעבען... מיר װעלען בײדע אַרויס־פאָהרען אויף אַ שיפל אין מיטען װאַסער און װער עס װעט ניט װיסען צו ענטפער־ן אויף דער געשטעלטער פראַגע, דעם זאָל דער צװײטער אַרײַנװאַרפען אין װאַסער. איהר װעט אײַך אַלע פערזאַמלען בײַם ברעג און איהר װעט זיך צוקוקען צו דער גאַנצער סצענע. דאָס װעט שוין אײנמאָל זײַן אַ שעהנע סצענע! —, האָט ער אויסגעלאַזט מיט אַ הויכען געלעכטער.

מ׳האָט באַלד געשיקט נאָכ׳ן רב. דער גלח האָט איהם פאָרגעלעגט די גאַנצע זאַך.

— מאָרדכי! — האָט דער צורר היהודים, דער גלח זיך געװענדעט צום רב —, מיר װעטען זיך איצט אויף טויט און אויף לעבען: מיר פאָהרען בײדע אַרויס אויף אַ שיפל אין מיטען װאַסער, מיר שטעלען זיך אײנער דעם אַנדערען צו אײַנצעלנע פראַגען, און װער עס װעט נישט קאָנען ענטפערען אויף די געשטעלטע פראַגע — װעט דורכ׳ן צװײטען אַרײַנגע־װאָרפען װערען אין װאַסער אַרײַן.

דאָס זאָגענדיג האָט ער מיט אַ שמײכל פון אײנעם, װאָס איז זיכער אין זײַן נצחון, צוגעגעבען: און כּדי צו װײַזען אַלע יודען אין דער גאַנצער שטאָט, אַז איך װיל דיך נישט גלאַט אַזוי אומברענגען, גיב איך דיר די פּריװיליגיע, אַז דו זאָלסט זײַן דער ערשטער צום פרעגען...

אַ שוואַרצער פֿינסטערער װאָלקען האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער די יודען פֿון גאַנץ קאַלישין. די ידיעה װעגען געװעט, װאָס דער רב האָט, װי דער מנהג איז געװען אין יענע צײַטען, געמוזט אָננעהמען, האָט בײַ אַלע יודען נישט נאָר בלויז פֿון אַלט=קאַלישין, נאָר אויך פֿון דער גאַנצער סביבה, אַרויסגערופֿען אַ טיפֿען טרויער און אַ רחמנות אויפ׳ן רב, װאָרום אַלע זענען געװען זיכער, אַז דער רב װעט דעם געװעט פֿערשפּילען. דער גאַנצער האַנדעל און װאַנדעל האָט אויפֿגעהערט, יודען זענען כּסדר געזעסען אין בית=המדרש און געזאָגט תּהלים, אַלע האָבען געפֿילט, אַז דאָ איז ניט בלויז אין סכּנה דעם רב׳ס לעבען אַליין, נאָר דאָס לעבען פֿון אַלע יודען פֿון גאַנצען שטעטל.

װען ס׳איז געקומען דער בעשטימטער טאָג, האָט קהל אויסגערופֿען אַ תּענית איבער׳ן גאַנצען שטעטל, דער תּענית איז געװען אַזוי האַרב, אַז אַפֿילו זויג=קינדער האָבען נישט געטאָרט זויגען. מ׳האָט געמײנט, אֶפשר װעט מען אויף אַזאַ אופֿן אָפּראַטעװען דעם רב׳ס לעבען און דאָס לעבען פֿון גאַנצען שטעטל.

נישט װײַט פֿון קאַלישין, אין אַ שכנישן שטעטל, האָט געװאוינט אַ יוד מיט׳ן נאָמען לײבקע דער װאַסער=טרעגער, גראָד האָט דער דאָזיגער לײבקע געדאַרפֿט זײַן אין דעם זעל-בען טאָג אין קאַלישין און נישט װיסענדיג פֿון דער גאַנצער מעשה, האָט ער זיך אַװעקגעזעצט עסען אין מיטען מאַרק זײַן אנבײַסען, װאָס איז בעשטאַנען פֿון ברויט מיט קעז, װאָס ער האָט זיך מיטגענומען פֿון דער הײם. דאָ זענען אָבער די יודען אויף איהם אָנגעפֿאַלען: ס׳טײַטש, אַזאַ גרויסער תּענית! דער רב מיט׳ן גאַנצען שטעטל יודען זײַנען אין אַזאַ סכּנה און איהר גאָרנישט... זעצט אײַך גאָר אַװעק עסען אין מיט׳ן מאַרק?!..

— װאָס איז דאָס בײַ אײַך פֿאַר אַ תּענית? — האָט

לײבקע געפרעגט.

זעהענדיג, אַז ער איז אַ פרעמדער, האָבען איהם אײניגע יודען דערצעהלט די גאַנצע מעשה. דאָ האָט זיך לײבקע פערטראַכט און געבעטען די יודען, אַז מ׳זאָל איהם פיהרען צום רב. דער עולם האָט איהם עפּעס אָנגעקוקט ווי אַ משוגע׳נעם, דאָך האָבען איהם אײניגע יודען אַהינגעפירט.

אַז לײבקע איז אַרײנגעקומען צום רב, איז שוין געווען בײם רב זעהר אַגרויסער עולם. דער רב אַלײן איז שוין געשטאַנען גרײט אויעקצוגעהן. דאָ האָט אָבער לײבקע אַ זאָג געגעבען צום רב: — רבי, לאָזט מיך אַהינגעהן. איך וועל איהם פרעגען אַ וואָרט און זאָל ער מיר ענטפערן!

דער גאַנצער עולם איז געבליבען שטעהן מיט אָפענע מויל און אויערען. יעדער האָט געמײנט: נישט אַנדערש ווי אליהו־הנביא! אויך דער רב איז געבליבען אַ ביסל צורודערט, נישט געוואוסט וואָס ער זאָל דאָ טהון, דאָ האָט זיך אָבער אײנער פון עולם אָנגערופען:

— פּרובט, רבי! פּרובט... שיקט אַהין זאָגען, אַז איהר זענט נישט געזונד, און איהר שיקט אַהין אויף אײער אָרט אַ צווײטען יוד.

תיכף איז טאַקע אַוועק אײנער צום גלח און איהם געזאָגט, אַז דער רב איז קראַנק, ער קאָן אַלײן נישט קומען און אויב דער גלח וויל, וועט ער איהם שיקען אַ צווײטען יוד, גאָר אַ פּראָסטען יוד, און אויב ער, דער יוד הײסט עס, וועט פערשפּילען, איז דער רב זיך מתחייב צו לאָזען דורכ׳ן גלח׳ס דינער אַרויסנעהמען אַ קראַנקען פון בעט און ווערען אַרײנגעוואָרפען אין וואַסער אַרײן.

דער גלח איז דערויף אײנגעגאַנגען, וואָרום אײגענטליך האָט ער זיך אויך אַ ביסל געשראָקען: פאָרט אַ רב! אַזוי ווי ס׳מאַכט זיך אַמאָל — איז ער דאָך באמת פערלוירען! און אַזוי מיט אַ פּראָסטען יוד, איז ער פיל זיכערער...

צו דער בעשטימטער צײַט האָט זיך זעהר אַ גרויסער עולם פערזאַמעלט בײַם וואַסער. גראָד איז נאָך געווען דעמאָלט אין קאַלישין אַ יריד און זעהר אַ סך גוים זענען זיך צוזאַמענגעקומען פון דער ארומיגער סביבה. פון אײן זײַט זענען געשטאַנען די גוים, פון דער אַנדערער זײַט די יודען. באַלד איז אויך אָנגעקומען דער גלח, די פריצים, לײבקע איז שוין געשטאַנען פון פריהער און געוואַרט. בײדע, לײבקע און דער גלח זענען באַלד אַרײַן אין אַ שיפל און זיך אַוועקגעלאָזט שווימען איבערן וואַסער.

די גוים זענען געשטאַנען און געשמײכעלט, אַ סך פון זײ האָבען געלאַכט הויך אויפ׳ן קול. זײ זענען געווען כמעט ווי זיכער, אַז אָט אָט וועט מען ארויסברענגען דעם „ראַבין" און איהם אַרײַנוואַרפען אין וואַסער אַרײַן... יודען האָבען געזאָגט אין דער שטיל תהלים... דאָס שיפל איז אַרײַן אין מיטען וואַסער און זיך אָפּגעשטעלט. בײ אַלע האָבען אָנגעהויבען די הערצער צו קלאַפּען.. די נײַגיריגקײט האָט בײ יעדען פערכאַפּט דעם אָטעם. אַ טיפע טויט שטילקײט האָט געהערשט אַרום און אַרום..

— נו יוד!.. פרעג! — האָט דער גלח הויך אַ זאָג געגעבען צו לײבקע׳ן..

— וואָס איז דער טײַטש — האָט לײבקע דער וואַסערטרעגער גאַנץ רוהיג און הויך אויף אַ קול געפרעגט—, דאָס וואָרט איני יודע?...

— איך ווײס נישט — האָט דער גלח הויך געענטפערט.

— דו ווײסט נישט —, האָט לײבקע הויך אויסגעשריגען— זײַט אַלע עדות—, האָט ער זיך געווענדעט צום עולם—, אַז ער זאָגט, אַז ער ווײסט נישט; און באַלד דערויף — בוץ!!, אַרײַנגעוואָרפען איהם אין וואַסער אַרײַן.

שפּעטער, ווען אַלע יודען פון גאַנצען שטעטל זענען

זיך צוזאַמענגעקומען צום רב, וואו עס איז אויך טאַקע געפּראַוועט געוואָרען נאָך א פרעהליכע סעודה, האָט דער רב אַ פרעג געגעבען לײבקען. ווי ס׳פאַלט איהם עפּעס אײן צו פרעגען אַזאַ וואָרט.

— הערט, רבי! — האָט איהם לײבקע געענטפערט—, איך בין אַ פּראָסטער יוד, א וואסער־טרעגער, לערנען קען איך גאָרניט, איך לערן נאָר יעדען שבת דאָס טײטש־חומש, דעם קב הישר, דעם שבט מוסר און נאָך אַזעלכע ספרים... אַלע ווערטער קענען זײ פערטײטשען, די דאָזיגע ספרים, נאָר ווען עס קומט צום וואָרט „איני יודע״, ווײסען זײ אַלע נישט דעם טײטש און ענטפערן — „איך ווײס נישט!״..., האָב איך מיר דעריבער געטראַכט: מה־דאָך אַזעלכע הײליגע ספרים ווײסען נישט דעם טײטש — ווען אַזאַ ערל וויסען?!

דער עולם האָט זיך זעהר הארציג פונאַנדערגעלאַכט, מ׳האָט זיך משמח געווען ביז׳ן האַלבען טאָג אַרײן, און פון דעמאָלט אָן האָבען שוין די גויים, די פּריצים און אַפילו דער נײער גלח, וואָס איז אָנגעקומען אויפ׳ן אָרט פון דעם דערטרונקענעם, מעהר נישט געטשעפּעט די יודען פון שטעטל קאַליזשין, עפּעס האָט מען פאַר זײ נאָר מורא בעקומען, בעזונדערס האָט מען טאַקע מורא געקריגען פאַר לײבקע דעם וואַסערטרעגער, אומעטום האָט מען פון איהם גערעדט, ווײט און ברײט האָט זײן נאָמען געקלונגען און אַ לאַנגע, לאַנגע צײט איז בײ די יודען פון יענעם קאַנט איבערגעגאַנגען דאָס מעשה׳לע פון דור צו דור.

די צוויי חברים.

אין אַ דאָרף האָבען אַמאָל געלעבט צוויי שכנים, אַ מילנער און אַן אַ־ענדאַר. ווי לאַנג זיי זענען געוועזן אָרעם, האָבען זיי געלעבט אין גוטער שכנהשאַפט און פלעגען כמעט אויף יעדען שבת צו נאַכט׳ס איינער צום אַנדערען אַריינגעהן. זענען זיי אָבער ביידע אויף אַמאָל רייך געוואָרען און דאָ האָט זיך פלוצלונג דער מילנער אַרומגעזעהן, אַז עס פאסט נישט פאַר איהם אַריינצוגעהן צום אַרענדאַר, דעם גרויסען פראָסטאַק און עם־הארץ און ער האָט זיך ביסלעכווייז פון איהם אינגאַנצען דערווייטערט.

ביידע האָבען קיין זיהן נישט געהאַט, נאָר צו איינציגע טעכטער, בת יחידה׳ס. אַז עס איז געקומען די צייט פון חתונה מאַכען, איז דער מילנער אַריינגעפאָהרען אין אַ גרויסע שטאָדט, וואו עס האָט זיך געפונען אַ גרויסע ישיבה, האָט זיך דאָרט אויסגעקליבען אַ פיינעם בחור און איהם גלייך אַראָבגעבראַכט מיט זיך. אין עטליכע חדשים אַרום האָט ער אויך געמאַכט די חתונה, אָפגעגעבען דעם איידעם אַ בעזונדערען חדר, געקויפט איהם זעהר פיל ספרים און דער יונגערמאַן איז זיך געזעסען טאָג און נאַכט אַליין פערמאַכט אין זיין חדר און געלערנט.

האָט זיך דער אַרענדאַר זעהר שטאַרק אין איהם מתקנא געווען און איז אויך אַראָפגעפאָהרען אין אַ צווייטע גרויסע שטאָט אַריין, וואו ס׳איז נאָך געווען אַ גרעסערע ישיבה, האָט אַרויסגענומען פון דאָרט דעם בעסטען בחור און איהם אויך באַלד אַראָפגעבראַכט מיט זיך אַלס חתן פאַר זיין טאָכטער.

דעם מילנער׳ס אײדעם האָט זיך מיט׳ן בחור, דעם אַרענדאַר׳ס חתן, גאָר מחיה געװעזן, װײַל ביז איצט האָט ער נישט געהאַט אין דאָרף מיט װעמען אַ װאָרט צו רעדן. דער שװער זײַנער, דער מילנער, איז געװען לגבי איהם אַ גרױסער עם-האָרץ, די איבריגע יודען זענען געװען אויך פּראָסטע יודען. און דער זעלבער לאַגע איז אויך געװען דעם אַרענדאַר׳ס חתן, אויך האָט ער זיך גאָר מחיה געװעזן, זעהענדיג, אַז אויפ׳ן דאָרף געפינט זיך נאָך אַ בן תורה װי ער. זײ זענען ביידע באַלד געװאָרען צװײ הײסע צוגעבונדענע חברים, פּלעגען כמעט יעדען פאַרנאַכט אַרױסגעהן צוזאַמען אין װעלדעל אַרײַן, פאַר-ברענגען דאָרט עטליכע שעה און זיך דאָרט מפלפל זײַן אין לערנען...

אײנמאָל אין אַ פרײַטאָג צונאַכטס האָט דעם מילנער׳ס אײדעם צוליב אַ זעהר האַרבען תוספות בשום אופן נישט געקאָנט אײַנשלאָפען. נישט קוקענדיג װאָס ס׳איז שוין געװען דרײַ בײַנאַכט, האָט ער זיך אויפגעהױבען מיט דער כונה צו געהן צום חבר, צום אַרענדאַר׳ס אײדעם, כדי זיך צוזאַמען מיט איהם אװעקצו-זעצען בײַם תוספות...

דאָס זעלבע האָט אָבער אויך געטראָפען מיט׳ן אַרענדאַר׳ס אײדעם. אויך ער האט בשום אופן נישט געקאָנט אײַנשלאָפען צוליב אַ שװערען מהרש״א, בײַ װעלכען ער איז אָפּגעזעסען די גאַנצע האַלבע נאַכט, און ליגענדיג שוין אין בעט, האָט ער אויך בעשלאָסען זיך אויפצוהױבען און געהן צום חבר, צום מילנער׳ס אײדעם און זיך מיט איהם אװעקזעצען בײַם מהרש״א..

געטראָפען האָבען זײ זיך ביידע אין מיט׳ן װעג און באַלד אָנגעהױבען רעדען פון תוספות.

די נאַכט איז גראָד געװען זעהר אַ שעהנע, אַ װאַרעמע, אין ביידע חברים זענען זיך געגאַנגען גאַנץ פּאַמעליך און זענען אַזוי שטאַרק געװען אַרײַנגעטאָן אין זײער שמועס װעגען דעם האַרבען תוספות, אַז זײ האָבען גאָרנישט בעמערקט, אַז זײ

זענען שוין לאַנג אַרויס פֿון דאָרף און געפֿונען זיך גאָר אויפ'ן וועג צו דער מיהל, וואָס איז געשטאַנען נעבען טײַך, דרײַ וויאָרסט ווײַט פֿונ'ם דאָרף...

פֿון דעם דאָזיגען טײַך פֿלעגט מען זיך אַמאָל מיט יאָהרען צוריק אָנדערצעהלען גאָר מוראָ'דיגע מעשיות. דאָס גאַנצע דאָרף און אויך די גאַנצע געגענד אַרום האָט געוואוסט, אַז דאָרט האַלטען זיך אויף שדים און רוחות, אַז אָפט פלעגען דאָרט פֿערפֿאַלען ווערען גאַנצע פוהרען מיט מענשען, וואָס פֿלעגען בײַנאַכט דורכפֿאָהרען. אײַנמאָל האָט אויך געטראָפען, אַז דעם מילנער, וואָס איז געבליבען איבערנאַכט אין דער מיהל, האָט מען צומאָרגענס אין דער פריה געפֿונען ליגען אין דרויסען נעבען דער מיהל אינגאַנצען אַ פֿער'חלש'טען, אַזוי, אַז מען האָט איהם קוים געקאָנט אָפּמינטערן... שפּעטער ווען ער איז צו זיך געקומען, האָט ער דערצעהלט גאָר שרעקליכע מעשיות, אַז מען האָט איהם געשמיסען מיט ריטלעך, מיט גראָבע לעדערנע רימענס, געריסען איהם פֿאַר דער צונג, געשניטען איהם די אויערען... ער איז טאַקע אויף דעם ערשטען שבת אַרײַנגעפֿאָהרען אין שטאָט און געבענשט גומל... און פֿון דעמאָלט אָן האָט דער מילנער שוין נישט געוואָלט בלײַבען בײַ נאַכט אַלײן אין דער מיהל, אַפילו ווען מען זאָל איהם געבען טויזענד רענדלעך...

איז אָבער אַמאָל דורכגעפאָהרען איבער דעם טײַך אַ גרויסער גוטער יוד און פֿון דעמאָלט אָן זענען די „חברה" שטיל געוואָרען, זײ זענען כמעט אינגאַנצען פֿערשוואונדען געוואָרען, אַזוי אַז מען האָט מעהר פֿון זײ שוין נישט גערעדט. מיט דער צײַט האָט מען אויך אַלץ פֿערגעסען און מ'האָט אינגאַנצען אויפֿגעהערט צו רעדען פֿון זײ, שפּעטער בעת די בײדע חברים זענען געקומען אין דאָרף אַרײַן, האָבען זײ שוין נישט געהערט אַפילו רעדען אַ וואָרט וועגען טײַך, זײ האָבען דעריבער גאָר

נישט געוואוסט אויף וואס פאר א געפעהרליכען ארט זיי געפונען זיך...

צוקומענדיג צום בריקעל, האבען זיך די חברים ערשט געכאפט ווי ווייט זיי זענען פערקראכען און געוואלט אנהייבען צוריקגעהן, דא האט זיך דעם מילנער'ס איידעם אפגעשטעלט ביי דעם הילצערנעם פארענטש פון עק בריקעל, כדי זיך א ביסעל אפצורוהען, איז אבער פלוצלונג געווארען א גרויסער ווינד, דאס שטרייַמעל איז איהם אראפגעפאלען פון קאפ און ארונטערגעפאלען אונטער דעם בריקעל...

— ווארט דא צו א רגע! — האט דעם מילנער'ס איידעם געזאגט צו זיין חבר—, איך וועל אראפגעהן מיר אויפהויבען דעם שטרייַמעל...

דעם ארענדאר'ס איידעם, זעהענדיג, אז עס איז שוין אוועקגעגאנגען א היבשע ווײלע און מען זעהט איהם נישט צוריק, האט איהם אנגעהויבען רופען בײם נאמען, נישט בעקומענדיג קיין ענטפער, איז ער געווארען זעהר אונרוהיג און אנגעהויבען שרייען אויף א קול: חיים! חיים!... ווארטענדיג אביסעל און נישט הערענדיג קיין ענטפער, האט ער זיך נאך מעהר דערשראקען און אנגעהויבען לויפען א היים.

אריינקומענדיג אין שטוב, האט ער תיכף געוואלט מאכען א געוואלד, ער האט זיך אבער באלד צוריקגעכאפט, ווייל ער האט מורא געהאט, אז מ'וועט אלץ אויף איהם ארויפווארפען. ס'איז דעריבער ביי איהם געבליבען דערווייל צו שווייגען, און זיך אליין האט ער בערוהיגט דערמיט, אז עס איז זיכער קיין אומגליק ניט געשעהן, אז זיין חבר מוז שוין איצט אודאי זיין אין דערהיים, גראד ווי ער...

צומארגענס אין דער פריה האט מען בײם מילנער געזעהן, אז דער איידעם איז נישטא, איז מען געגאנגען צום ארענדאר זעהן אויב ער געפונט זיך נישט דארט. דעם ארענדאר'ס איידעם האט זיך שטארק דערשראקען הערענדיג, אז ער

איז נישטאָ, און בעשלאָסען קיין זאַך נישט צו דערצעהלען, ער האָט טאַקע געזאָגט, אַז ער ווייסט פון גאָרנישט, אַז ער האָט איהם נעכטען בייַנאַכט אפילו אין די אויגען נישט אָנגעזעהען...

די ידיעה, אַז דעם מילנער'ס איידעם איז פרייטאָג־צונאַכטס פערפאַלען געוואָרען, האָט זיך באַלד פאַרשפּרייט איבער'ן גאַנצען דאָרף, און אויך איבער דער גאַנצער סביבה, דער מילנער מיט'ן גאַנצען בני־בית און אויך דאָס גאַנצע דאָרף האָט זיך אַרויסגעלאָזט איהם זוכען. מ'האָט אָבער אין ערגעץ נישט געפונען פון איהם קיין שפור, ער איז פערפאַלען געוואָרען ווי אין וואַסער אַריין...

דעם גאַנצען טאָג איז דעם אַרענדאַר'ס איידעם אַרומגעגאַנגען שטאַרק צורודערט, שבת ביַיטאָג כמעט ווי ניט טועם געווען. דער אַרענדאַר מיינענדיג, אַז דאָס נעמט ער זיך אַזוי שטאַרק צום האַרצען זיין חבר'ס אומגליק, האָט איהם געהאַלטען אין איין טרייסטען, אַז ער וועט זיך אודאי אָפּזוכען, אַז ער האָט גאָר געמוזט ערגעץ וואו פערקריכען און ער וועט אודאי באַלד צוריקקומען...

בייַנאַכט האָט שוין אָבער דעם אַרענדאַר'ס איידעם נישט געקאָנט לענגער אויסהאַלטען און אָוועקרופענדיג זיין שווער אין אַ בעזונדערן חדר אַריין, האָט ער איהם דערצעהלט די גאַנצע מעשה, וואָס עס האָט זיך דעם פערגאַנגענעם פרייטאָג צו נאַכט'ס געטראָפען מיט זיין חבר...

דער אַרענדאַר האָט זיך זעהר שטאַרק דערשראָקען, און דערצעהלט דעם איידעם וואָס פאַר אַ טייַך דאָס איז...

— איצט איז ביי מיר שוין קיין ספק נישט — האָט דער איידעם אין טויט־שרעק געזאָגט—, אַז די „חברה" האָבען איהם אַריינגעכאַפּט... און גאָט ווייסט וואָס עס וועט פון איהם ווערען . . .

— איך האָב אַן עצה — האָט דער שווער איהם געזאָגט—, איך וועל שיקען נאָך דעם מילנער, און וועל איהם די גאַנצע

זאַך דערצעהלען, און מאָרגען וועלען מיר זאַלבעררית פאָהרען צו אַ גוטען יוד . . .

— איך האָב אָבער מורא מיט איהם אָנצוהויבען — האָט דער איידעם געזאָגט — ווער ווייסט, וואָס ער קאָן אַלץ אויף מיר אויסטראַכטען, און איין גאָט ווייסט, אַז איך בין אין דער גאַנצער זאַך גאָר נישט שולדיג...

עס איז געבליבען, אַז זיי זאָלען ביידע פאָהרען אין שטאָט אַריין, פריהער דערצעהלען דעם רב די גאַנצע מעשה, און איהם בעטען, אַז ער זאָל זיי אָנווייזען אויף אַ גוטען יוד, וואָס זאָל בכח זיין דעם מילנער׳ס איידעם מציל צו זיין פון „זייערע״ הענד...

באַלד אין דער פריה זענען זיי געפאָהרען אין דער שטאָט אַריין און דערצעהלט די גאַנצע מעשה דעם רב.

דער רב האָט זיי געהייסען פאָהרען צום זשיכלינער, וועלכער האָט צו יענער צייט שטאַרק געשמ׳ט אין דער גאַנצער סביבה פאַר אַ זעהר גרויסן בעל-מופת.

דער אַרענדאַר האָט באַלד געדונגען אַ פוהר און איז נאָך דעם זעלבען טאָג מיט זיין איידעם געפאָהר׳ען קיין זשיכלין.

אַריינקומענדיג צום זשיכלינער און דערצעהלענדיג איהם צוליב וואָס זיי זענען געקומען, האָט זיי דער זשיכלינער געענטפערט: איך קאָן אייך גאָרנישט העלפען... נאָר פאָהרט אַריבער אין דעם און דעם דאָרף, דאָרט וועט איהר פרעגען אויף בענדעט שניידער. דערצעהלט איהם די גאַנצע מעשה, און זאָגט איהם, אַז איך האָב אייך געשיקט צו איהם. ער—דאַכט זיך — וועט אייך אפשר קאָנען העלפען.

דער אַרענדאַר מיט׳ן איידעם זענען באַלד אַוועק אין דעם דאָרף, זיך געפרעגט צו בענדעט שניידער און איהם געזאָגט, אַז דער זשיכלינער האָט זיי געשיקט צו איהם, און דערצעהלט איהם די גאַנצע מעשה.

דער „שניידער״ האָט זיך זעהר שטאַרק פערטראַכט,

דערנאָך האָט ער געזאָגט צו זײַ: פאַהרט אַ הײם, איך װעל אין דער פריה אהינקומען. איך װעל דאָרט בלײַבען איבער שבת און װעל שוין אױפ'ן אָרט זעהען װאָס עס איז דאָ צו טון, ביז פרײַטאָג זאָלט איהר אָבער פאַר קײנעם קײן װאָרט נישט דערצעהלען פון דער גאַנצער זאַך.

פרײַטאָג אין דער פריה איז דער „שנײַדער" געקומען אין דאָרף אַרײַן, אַרײַנגעגאַנגען צום אַרענדאַר און געהײסען שיקען נאָכ'ן מילנער.

װען דער מילנער איז געקומען, האָט איהם דער „שנײַדער" אױסגעפרעגט װי אַלט ער איז געװען, פון װעלכער ישיבה ער איז, װי לאַנג ער געפונט זיך בײַ איהם און נאָך אַזעלכע שאלות. דערנאָך האָט דער „שנײַדער" זיך אַרומגעקוקט אין אַלע חדרים, דורכגעזעהן כמעט אַלע ספרים, װאָס האָבען זיך געפונען אין דעם אײדעמ'ס חדר... איהם געהײסען, אַז ער זאָל אַרומגעהן מיט'ן אַרענדאַר אין די אַרומיגע דערפער, צוזאַמענרופען אַ מנין יודען, װאָס זאָלען בלײַבען שבת אין דאָרף, כדי ער זאָל קאָנען מיט זײַ בײַנאַכט אַרױסגעהן צום טײַך...

דער מילנער מיט'ן אַרענדאַר זענען גלײַך אַרױס אין עטליכע נאָהנטע דערפלעך, און אין עטליכע שעה אַרום זענען זײַ צוריקגעקומען מיט אַ מנין יודען.

װי נאָר דער זײגער האָט אױסגעשלאָגען צװעלף, האָט דער „שנײדער" אַ זאָג געגעבען צום עולם: קומט!...

מ'איז אַרױס אױף דער גאַס, צוקומענדיג צום בריקעל, האָט זיך דער „שנײַדער" אָפּגעשטעלט, צוגערופען דעם אַרענדאַר'ס אײדעם, און געהײסען איהם אָנהױבען דעם תוספות, װעלכען זײַ האָבען בײדע יענע װאָך געלערנט אױפ'ן זעלבען אָרט. באַלד װי דעם אַרענדאַר'ס אײדעם האָט אָנגעהױבען לערנען, איז געװאָרען אַגרױסער שלאַקסרעגען, עס האָט אָנגעהױבען גיסען מיט גאַנצע עמערס...

דאָ האָט זיך דער „שנײַדער" אױעקגעשטעלט און אַ געשריי

געגעבען „שדי קרע שטן"! און דער רעגען האט תיכף אויפ־געהערט.

— לערן ווײַטער! — האט דער „שנײַדער" צו איהם געזאגט.

— רבי! איך געדענק נישט — האט דעם ארענדאר'ס אײ־דעם איהם געענטפערט.

— לערן, זאגט מען דיר! — האט דער „שנײַדער" אויף איהם א געשריי געגעבען...

— רבי, איך געדענק ניט מעהר קײן אײן ווארט פון גאנ־צען תוספות — האט דעם ארענדאר'ס אײדעם אין שרעק ווײַטער געענטפערט.

דא האט זיך דער „שנײַדער" אביסעל פערטראכט, דערנאך האט ער א זאג געגעבען צום גאנצען עולם: האלט אײַך אלע אן אין מײַן גארטעל און מיר וועלען אראפגעהן אונטען.

מיט טויט שרעק האט זיך דער עולם אנגענומען אין „שנײַדער'ס" גארטעל און זענען אראפ אונטען.

— חיים בן שרה לאה, איך, אלחנן בן חנה, אנ'אײניקעל פון מגלה עמוקות, אנ'אוראײניקעל פון צפנת פענח, בעפעהל דיר דו זאלסט תיכף ומיד אהערקומען — האט דער „שנײַדער" אויס־גערופען, בעת זיי זענען שוין אלע געשטאנען אונטען, אונטער'ן בריקעל...

דער עולם האט אנגעהויבען שטארק צו ציטערן, ביי יע־דען אײנעם האבען זיך ממש הענד און פיס געווארפען פאר שרעק.

— עולם, זאגט מיר אלע נאך — האט דער „שנײַדער" ווײַטער געזאגט און אנגעהויבען זאגען פערשידענע פסוקים פון תהלים און זוהר..

אפגעזאגט די פסוקים, האט זיך דער שנײַדער אביסעל פערטראכט, דערנאך א זאג געגעבען: קומט צו צום טײַך!...

דער עולם איז נישט רײדענדיג קײן ווארט, ציטערענדיג ווי אין פיבער, איהם נאכגעגאנגען ביז צום טײַך.

— װײַטער! — האָט דער שנײַדער געזאגט און אנגעהויבען געהן פאראוים אין דער לענג פון טײַך.

דער עולם איז נאָכגעגאנגען.

פּלוצלונג האָט זיך דער „שנײַדער" אָפּגעשטעלט און אַ זאָג געגעבען צום עולם: דאכט זיך, אַז דאָ ליגט עמיצער!..

דער מילנער מיט נאָך עטליכע יודען האָבען זיך אַראָפּגעבויגען און דער מילנער האָט אויסגעשריגען: יאָ! דאָס איז ער, דאָס איז מײַן אײדעם!.. װי דערשראָקען איז אָבער דער גאַנצער עולם געװאָרען, זעהענדיג אַז דער יונגערמאַן ליגט טויט.

—די קליפּה האָט גובר געװעען—, האָט דער „שנײַדער" מיט אַ זיפץ געזאָגט און פערשאָלטען דעם טײַך: דײַנע געדערים זאָלען אויסגעטריקענט װערען, עס זאָל װערען פון דיר אַ שטיק טרוקענע ערד, און באַלד דערנאָך איז דער „שנײַדער" נעלם געװאָרן.

דער עולם איז אַ טרויעריגער צוריק אין דאָרף אַרײַן, בײַם מת איז געבליבען דער מילנער און דער אַרענדאַר מיט זײַן אײדעם.

נאָך שבת האָט מען דעם מת קובר געװען.

אין דער זעלבער װאָך איז דער גאַנצער טײַך אויסגעטריקענט געװאָרען און ס'איז פון איהם געװאָרען אַ שטיק טרוקענע בלאָטע...

דעם אַרענדאַר'ס אײדעם האָט זיך זעהר שטאַרק צום האַרץ גענומען, געהאַלטען אין אײן רעדען, אַז ער איז שולדיג אין זײַן חבר'ס טויט, ער איז פאַר יסורים קראַנק געװאָרען און צו די צװײ װאָכען איז ער געשטאָרבען.

מ'האָט איהם געלעגט נעבען זײַן חבר. זײער קבר האָט מען אַרומגענומען מיט אײן גדר און בײדען געשטעלט אײן מצבה.

דיִ חתונה.

... איִהר גלייבט ניִשט איִן גוטע־יודען? איִהר גלייבט ניִשט, אַז גרויסע צדיקיִם, ווען זיי ווילען, קאָנען זיי אַפיִלו אַראָפּ־ברענגען פון יענע עולמות? — אַט הערט זשע אַ מעשה, אָבער טאַקע אַ מעשה נוראָ, וואָס איִך אַליין האָב מיִט מיינע אייגענע אויגען געזעהען...

געווען איִז דאָס, ווען איִך ביִן נאָך גאָר אַ יונגערמאַנטשיִק געווען, נאָר וואָס אַראָפּ ערשט פון דיִ קעסט. ווען דער אַלטער יאַוואָראָווער ז״ל האָט חתונה געמאַכט זיין עלטסטען זוהן ר׳ אברהם יהושע העשעלע מיִט׳ן טאַרנאָווערס אַנ׳אייניִקעל, דער שווער מיינער איִז געפאָהרען קיין טאַרנאָוו. איִך — קיין יאַוואָראָוו. אַזוי איִז אויסגעקומען, אַז מיִר זענען ביידע צוזאַמען־געפאָהרען צו דער חתונה. וואָס אַזאַ חתונה ביי אַ זעלכע גדוליִם ווי דער טאַרנאָווער און יאַוואָראָווער איִז — דאַרף איִך אייך ניִשט זאָגען, וואָרום הגם איִהר זענט אַ מתנגד און גלויבט ניִשט איִן גוטע יודען, פונדעסטוועגען קענט איִהר אייך אויסמאָלען וואָס דאָס הייסט, ווען אַ זעלכע צוויי וועלט־גאוניִם קומען זיִך צוזאַמען...

דיִ חתונה, פערשטעהט זיִך, איִז געווען איִן טאַרנאָוו, ווייל דיִ כלה איִז דאָך געווען אַ טאַרנאָווערין. אויף דער חתונה, וועט קיין גוזמאָ ניִשט זיין, ווען איִך וועל אייך זאָגען, אַז ס׳זענען געקומען צופאָהרען ביִז אַ הונדערט טויזענד חסידים, און אפשר טאַקע נאָך צוויי מאָל אַזוי פיִל... אַכט טאָג נאָך פאַר דער חתונה האָט שוין דער עולם גענומען אַהיִנפאָהרען קיין טאַרנאָוו. איִן דער

נאַכט פֿון דער חתונה איז דעם טאַרנאָווער׳ס בית־המדרש, דער גאַנצער הויף און די גאַנצע גאַס אַרום געווען אַזוי ענג געפּאַקט מיט חסידים, אַז עס איז פּשוט געווען אונמעגליך פֿאַר אַ מענש דורכצוגעהן פֿינף טריט...

דער יאַוואָראָווער מיט׳ן חתן און אויך דער גאַנצער הויף זענען אָנגעקומען אַרום מיטאָג־צײַט. דער חתן־טיש איז געדעקט געוואָרען בײַ אַ רײַכען יאַוואָראָווער חסיד, וואָס האָט געוואוינט אין אַ אײגענע הויז אין מיטען מאַרק. צוליב דער חתונה זענען אַלע אײַנוואוינער אַרוים פֿון הויז און דאָס גאַנצע הויז איז פֿאַרנומען געוואָרען דורך דעם יאַוואָראָווער׳ס הויף מיט זײַנע נאָהנסטע מקורבים.

פֿון דאָרט ביז צום טאַרנאָווער׳ס הויף איז געווען אַשפּאַ־ער מהלך. עס זענען אָבער אַזוי פֿיל לאָמפּען געווען אויסגעשטעלט, דער עולם איז געווען אַזוי געדיכט, אַז עס האָט זיך אויסגעוויזען, אַז דער גאַנצער וועג איז נישט מעהר ווי אײן הויז, אײן גרויסער לאַנגער הויף...

ווען די יאַוואָראָווער רבי׳צין איז אַריבערגעגאַנגען צו דער כּלה און געזעהען אין וואָס פֿאַר אַ קלײד די כּלה איז אָנגעטהון, אַזוי איז זי גלײַך צוריקגעקומען צולויפֿען און געגעבען אַ געשרײַ:

— רבי! הײַם שפּאַנען די פֿערד, מיר פֿאָהרען צוריק אַ הײם...

דער גאַנצער עולם האָט זיך זעהר דערשראָקען. קײנער האָט נישט געוואוסט, וואָס אַזוינס איז געשעהן. עס האָט זיך אָבער באַלד אַרויסגעוויזען, אַז די כּלה האָט אָנגעטהון צו דער חופּה אַ ווײַס זײַדען קלײד, געפּוצט מיט זעהר פֿיל טײַערע געהאַפטענע בלומען, מיט גאַנצע שנורען פּערעל... דאָס קלײד איז אָבער געווען געמאַכט אַזוי, אַז מען האָט איהר אַרויסגעזעהן דעם גאַנצען האַלז און אויך האַלבע נאַקעטע הענד...

איך מוז אײַך נאָך דערצעהלען, אַז דער יאַוואָראָווער הויף,

איבערהויפּט טאַקע די יאַוואָראָווער רבי׳צין, האָט געשמ׳ט אויף דער גאַנצער וועלט מיט איהר צניעות און פרומקײט. אַוודאי, איהר אַלס מתנגד, האָט פון איהר זיכער נישט געהערט. אָבער ניט נאָר אַ פרעג אַ וועלכען עס איז חסיד, וועט ער אײַך שוין זאָגען ווער דער יאַוואָראָווער הויף און די רבי׳צין זענען געווען: דער יאַוואָראָווער אַליין האָט שטענדיג געפיהרט אַנ׳אײַנפאַכען טיש מיט פּראָסטע כלים. קײן געלד האָט ער כל ימיו נישט גענומען און איז דערפאַר טאַקע שטענדיג געווען אָרעם. ער פלעגט אַלעמאָל זאָגען, אַז אַ יוד דאַרף און טאָר ניט האָבען קײן געלד, ווײַל דאָס איז די עבודה זרה אַליין... געלעבט האָט מען זעהר פשוט און שטרענג פרום. די ווײַבער האָבען געטראָגען טשיפּקעס און ציצענע קלײדער, פון קײן צירונג האָבען זײ נישט געהאַלטען. אַיוד דאַרף נאָר זעהן, אז ער זאָל האָבען אויף זיך די אײנציגע צירונג — דעם צלם אֶלוקים — מעהר נישט...

דאַגעגען דער טאַרנאָווער האָט געפיהרט זעהר אַ ברײטען און רײַכען טיש, די כלים זענען געווען לויטער זילבער... ער האָט גענומען געלד און איז געווען טאַקע זעהר רײַך, אַזוי אַז אין הויף האָבען זיך ממש געוואַלגערט גאָלד און זילבער. מען איז געפאָהרען אין קאַרעטען, די ווײַבער האָבען געטראָגען צירונג, גאָלד, זילבער, פּערל, דיאמאַנטען, בריליאַנטען, קלײדער פון סאַמעט, זײַד, פּליוש, קײן טשיפּקעס האָבען זײ ניט געטראָגען, נאָר שעהנע זײַדענע האַרבענדער. די יאַוואָראָווער׳ין האָט דאָס בעטראַכט פאַר די גרעסטע פערשײַטקײט און חציפות!...

ס׳פערשטעהט זיך, אַז עס איז באַלד געוואָרען אַ רעש אין שטעטל, דאָס גאַנצע שטעטל האָט געקאָכט, זיך גע-ווינט, געהויבען זיך ממש אין דער לופטען, שטאַפעטען זענען געפלויגען אַ הין און צוריק ד. ה. פון יאַוואָראָווער צום טאַר-נאָווער און פון טאַרנאָווער צוריק צום יאַוואָראָווער... דער יאַוואָראָווער האָט פערלאַנגט, אַז די כלה זאָל זיך צו איהם

מטריח זײן, ער װיל מיט איהר רעדען, דערצו דאט דער טארנאװער נישט געװאלט מסכים זײן. „איך בין אזא מיוחס װי איהר—, האט ער איהם צוריק בעפױהלען—,און אז איהר װילט רעדען מיט דער כלה, טא זײט מוחל און קומט צו מיר"...

אזױ האט עם אנגעהאלטען א פאר שעה, ביז דער יאװאראװער האט אפגעשיקט אײנעם פון זײנע נאהנטע מקורבים, אז װי באלד די כלה װעט נישט קומען אין פערלױף פון א פערטעל שעה צײט, — הײסט ער שפאנען די פערד און פאהרט מיט'ן חתן צוריק אהײם!...

דער עולם איז געװארען זעהר נײגעריג, יעדערער האט שױן געװאלט װיסען מיט װאס די זאך װעט זיך ענדיגען. די יאװאראװער חסידים האבען אבער געװאוסט, אז דער יאװאראװער װעט אױספיהרען... און כך הוה, אזױ איז טאקע געװען: פלוצלונג האט זיך דערהערט א געשרײ: — לאזט דורך! מאכט פלאץ!, און דער טארנאװער מיט דער כלה און אױך די טארנאװערין מיט'ן גאנצען טארנאװער הױף, האבען זיך געלאזט געהן צום יאװאראװער'ס הױז. חסידים האבען געמאכט א דורכגאנג איבער דער גאנצער לענג ביז צום הױז צו.

— איהר האט אונז געשיקט רופען — האט דער טארנאװער דער ערשטער אנגעהױבען — זענען מיר געקומען. איך בין גרײט צו הערען װאס איהר פערלאנגט ...

—איך פערלאנג — האט דער יאװאראװער געענטפערט—, אז די כלה זאל אױסטהון דאס קלײד און אנטהון א געװעהנליך װײס קלײד, לױט מײן מנהג...

— דערװײל איז זי נאך בײ מיר, אין מײן רשות —האט דער טארנאװער פון זײן זײט אפגעענטפערט—, און זי דארף טראגען װי דער מנהג איז אין מײן הױף.

— איך האב אױך געהערט זאגען, — האט זיך די יאװאראװערין פון איהר זײט אַרײנגעמישט—, אז די כלה װעט צומארגענס קײן „טשיפיק" ניט אנטון...

— אוראַי נישט! — האָט זיך די טאַרנאָווערין פון איהר זײט אָנגערופען—, זי װעט אָנטהון, װי דער מנהג איז בײַ אונז, אַ זײדענעם האַר=באַנד...

בקיצור, מ׳האָט זיך שוין אָנגעהויבען צו װערטלען: דער יאַװאָראָװער האָט געסטראַשעט, אַז ער פאָהרט מיט׳ן חתן אַהײם און דער טאַרנאָװער האָט דערויף געענטפערט: אַז ער האַלט איהם נישט בײַ די פאָלעס... די יאַװאָראָװערין האָט געשאָלטען, אַז דער װעט ס׳װעט צוגעהן איהר אָנטון דעם האָרבאַנד, דער װעט שוין זיך אַלײן אויך נישט מעהר קאָנען אָנטהון קײן האָרבאַנד, דערויף האָט איהר די טאַרנאָ= װערין געענטפערט, אַז זי האַלט נישט פון איהר כח אין שעלטען, און אַז זי אַלײן װעט איהר טאַקע אָנטהון דעם האָרבאַנד...

פלוצלונג האָט דער יאַװאָראָװער געגעבען אַ געשרײַ, אַז אַלע יונגע חסידים זאָלען אַרויסגעהן... עפּעס אַ פחד איז אויף אַלע אָנגעפאַלען, אַ מוראָ׳דיגע אימה... יעדערער האָט געפיהלט, אַז עפּעס װעט דאָ געשעהן, אַז עפּעס גאָר גרויסעס דאַרף דאָ פאָרקומען...

װי געזאָגט שוין, בין איך נאָך דעמאָלט געװען גאָר אַ יונג שנעקל און מיר האָט זיך זעהר נישט געװאָלט אַרויס= געהן. איך האָב געװאָלט זעהן, װאָס דאָ װעט זײַן, און איך בין געפאַלען אויף אַנ׳המצאָה, איך בין אַרונטער אונטער׳ן טיש, און בין אַזױ געשטאַנען אויף אַלע פיר, ביז אויף אײן מאָל הער איך װי דער יאַװאָראָװער גיט אַ געשרײַ: טאַטע, זײדע, קומט אַראָפּ! זעהט װי מען פערשעמט אײערע קינדער און אײער אַלטען מנהג...

אַ פּאָר מינוט איז געװען טויט שטיל אין דער שטוב. מ׳האָט נישט געהערט קײן לעבעדיגען אָטעם... פלוצלונג הער איך אַ קול: נײן, ר׳ ברוך מענדעלע! (אַזױ האָט געהײ= סען דער טאַרנאװער) איהר װעט מײַנע קינדער ניט פערשעמען

LIBRARY OF
BUREAU OF JEWISH EDUCATION
CLEVELAND, OHIO

און מײַן אַלטען מנהג ניט בדעכען! מיר זענען שטאַרקער פֿאַר אײַך !...

איך האָב מיך נישט געקאָנט מעהר אײַנהאַלטען און הגם מיר האָט געקלאַפּט אַ צאָהן אין אַ צאָהן, האָב איך דאָך געוואָלט עפּעס זעהן, איך האָב אַ ביסל אויפגעהויבען דאָס טישטוך, געגעבען אַ קוק און בין גלײַך געפֿאַלן אין חלשות . . .

ווען איך בין צו זיך געקומען, בין איך שוין געלעגען אין מײַן בעט, מיט אַ אײַזבלאָז אויפ'ן קאָפּ און שפּעטער האָט מיר דער שוועך דערצעהלט, אַז מען האָט מיך געפֿונען אַ שוועך פּער'חלש'טען אונטער'ן טיש, אַז דאָקטוירים האָבען מיך געמוזט מונטערען און, אַז ער האָט באַלד געמוזט מיט מיר אַהיימפאָהרען.

ס'פֿערשטעהט זיך, אַז אויסגעפיהרט האָט דער יאַוואָראָווער: די כלה האָט געמוזט אָנטון אַנ'אַנדער קלייד צו דער חופּה און צו מאָרגענס אויך — אַ טשיפּיק...

אַ מעשה מיט אָקסען.

אין וואָלינער קאַנט איז געווען אַ גרויסער אָקסען־סוחר מיטן נאָמען ר׳ מעכעלע. ער איז געווען זעהר אַ גרויסער גביר, כמעט דער גרעסטער אָקסען־סוחר פון גאַנץ וואָלין. געשמ׳ט ווייט און ברייט אַרום און אַרום, דערצו איז ער נאָך געווען אַ גרויסער נדבן, געגעבען זעהר פיל צדקה. אין הויז האָבען זיך תמיד ביי איהם געפונען צעהנדליגער אורחים, נאָר איין זאַך האָבען איהם אַלע נישט געקאָנט מוחל זיין, דאָס וואָס ער איז נישט געווען אַ מאמין, וואָס ער איז זעהר שטאַרק געכאַפּט געווען אין אַפּיקורסות ...

איינמאָל איז געוואָרען איבער איהם אין הימעל אַ גרויסער רעש, מען האָט נישט געוואוסט פּשוט וואָס מיט איהם צו טון, אַזוי לאָזען איהם ווייטער האָט מען נישט געקאָנט, צונעמען ביי איהם דאָס פערמעגען, האָט מען, צוליב זיין גרויסע צדקה, אויך נישט געקאָנט, דעם שטן צו איהם אַראָפּשיקען האָט מען נישט געוואָלט, דאָ איז אונטערגעקומען אליהו הנביא אַליין און זיך אויסגערופען, אַז ער וועט אַראָפּגעהן און ער וועט איהם ברענגען צו דער אמונה.

די פּמליא של מעלה האָט מסכּים געװען און אליהו הנביא איז אַראָפּ.

פאָהרט זיך ר׳ מעכעלע אויף אַ יריד, פאָהרט לעבעדיג, ער פיהרט אַ היבש ביסעל סחורה! דערצו נאָך געקליבען אײנס און אײנס... די פּארטיע געהט פריהער, נאָך זיי די יודישע און גױישע אָנטרײבער, נאָך די אָנטרײבער פאָהרט זיך ר׳ מעכעלע אין זײן אײגענער בריטשקע, קװעלט ממש און קוקענדיג אויף זײן פּארטיע, מאַכט שוין חשבונות װיפיל ער װעט כאַפּען פון דער איצטיגער יאַזדאַ..., און פאַר גרױס שמחה געהט ער אַראָפּ פון בריטשקע, רופט צו די אָנטרײבער, הייסט די פּארטיע אָפּשטעלען, נעמט אַרױס אַ פלעשל און מ׳מאַכט אַ כּוסה, דאַן פערבײסט מען און מען ציהט זיך אויס אויפ׳ן גראָז אויף אַ האַלבע שעה זיך אָפּרוהען...

קומט פּלוצלונג אָן אַן׳אַלטער יוד, זעהט ער, אַז יודען זיצען — זעצט ער זיך צו.

— װאוהין פאָהרט אַ יוד? — פרעגט ער מעכלען.

— װאוהין זאָל אַ יוד פאָהרען? — ענטפערט ר׳ מעכעל —, אַ יוד פאָהרט אויף אַ יריד...

— מאַכט איהר עפּעס גוטע געשעפטען? — פרעגט דער אַלטער.

— אַז מ׳האָט אַזאַ ביסעל סחורה —, ענטפערט ר׳ מעכעל מיט גדלות, אָנװײזענדיג אויף זײן פּארטיע —, מאַכט מען גוטע געשעפטען ...

— עפּעס זענט איהר דאָך גאָר קײן יוד ניט! — קרימט זיך דער אַלטער, — און אַז מען האָט אפילו צװאַנציג מאָל אַזױפיל, און װען דער אױבערשטער װיל ניט געבען קײן הצלחה?...

— נאַרישקײטען! — לאַכט ר׳ מעכעל — גיט נאָר אַהער

אזא סחורה, מעגט איהר אײַך שוין האלטען מיט דער הצלחה..

אבער נאך אײדער ר' מעבעל האט בעוויזען ארויסצו־זאגען דאם לעצטע ווארט, זענען זיך פלוצלונג אלע אקסען צולאפען, און נאך אײדער ער אלײן מיט די אנטרײַבערם האבען זיך געקאנט ריהרען, איז שוין קײן צײַכען פון אנ'אקס ניט געווען אנצוזעהן אין ערגעץ...

—איצט האט איהר דעם בעסטען סימן, אז עס איז דא א גאט און, אז מען דארף טאקע צו סחורה האבען א שטיקעל הצלחה...—האט דער אלטער מיט א שמײכל געזאגט און איז תיכף נעלם געווארען.

אין צווײ וואכען ארום איז ר' מעבעלע ווידער צוריקגע־פאהרען פון א יריד. ער האט דאם מאל אײַנגעקויפט אקסען זעהר במקח און צוריקגעפאהרען גאר לעבעדיג. אין מיטען וועג טרעפט ער ווידער אן אויף אנ'אלטען יוד, וועלכער האט גע־טראגען זעהר א שווערען פאק אויף די פלײצעם.

—פון וואנען פאהרט א יוד?—פרעגט איהם דער אלטער.

—פון וואנען זאל א יוד פאהרען?—ענטפערט איהם ר' מעבעלע צוריק לעבעדיג —, א יוד פאהרט פון א יריד!

—נו, כאטש געמאכט גוטע געשעפטען?—פרעגט דער אלטער.

— איהר זעהט די פארטיע?—ענטפערט ר' מעבעלע גאר לעבעדיג,—כ'האב זי אײַנגעקויפט גאר במקח, און וועל אודאי גוט פערדינען...

—עפעס זעהט איהר גאר קײן יוד ניט—, ענטפערט איהם דער אלטער ווי ברוגז'דיג —, א יוד דארף זאגען: איך וועל אם ירצה השם אודאי פערדינען ...

— געהט שוין, געהט! — לאכט ר' מעבעלע —, גיט מיר אהער נאך אזא טראנספארט, בין איך אײַך מוחל דעם „אם ירצה השם"!..

און נאָך אײדער ר׳ מעכעלע האָט געענדיגט די לעצטע װערטער, איז װידער געשעהן דאָס זעלבע, אלע אָקסען זענען זיך צולאָפען איבער׳ן װאלד, אַזױ אַז מען האָט אַפילו קײן שפּור פון זײ נישט געקאָנט געפונען.

— הײנט זעהט איהר —, האָט דער אַלטער צו ר׳ מעכעלע געזאָגט—, אַ יוד דאַרף גלױבען אין גאָט, און װען ער קױפט סחורה במקח, דאַרף ער טאַקע יאָ בעטען דעם אױבערשטענס הילף צו פערדינען...

און אײדער װאָס װען איז דער אַלטער נעלם געװאָרען.

אין אַ פּאָר װאָכען אַרום איז ר׳ מעכעלע װידער געפאָהרען אױפן יריד אײנצוקױפען זיך פרישע סחורה, אינמיטען װעג האָט ער װידער אָנגעטראָפען אױף אַן׳אַלטען יודען, אַ קאַליקע, װאָס האָט איהם זעהר געבעטען, אַז ער זאָל איהם ארױפנעמען אױף דער ברישקע צום ערשטען דאָרף, װאו ער דאַרף אַראָפגעהן. ר׳ מעכעלע האט אױף איהם רחמנות בעקומען און איהם אַרױפגענומען.

— װאוהין פאָהרט דאָס אַ יוד?—, האָט איהם דער אַלטער געפרעגט, שױן זיצענדיג אױף דער בריטשקע.

— װאוהין זאָל אַ יוד פאָהרען? —, האָט ר׳ מעכעלע איהם געענטפערט—, אַ יוד פאָהרט האַנדלען...

— װאָס איז אײער מסחר?—, האָט דער אַלטער װײטער געפרעגט.

— אָקסען! — האָט ר׳ מעכעלע געענטפערט.

— נו, האָט איהר עפּעס הצלחה?

— נאַרישקײטען! — האָט ר׳ מעכעלע געלאַכט—, אַז מען האָט נאָר אַזאַ טײַסטער! —, אָנװײַזענדיג דערבײַ זײַן גראָבען לעדערנעם טײַסטער,— דאַרף מען שױן נישט האָבען קײן הצלחה...

— עפּעס זענט איהר דאָך גאָרנישט קײן יוד!?—האָט דער אַלטער זיך געבײזערט, — און אַפילו װען מען האָט שױן

ראָטשילד׳ס פערמעגען דארף מען שוין נישט האָבען קײן הצלחה? . . .

בײַם ערשטען דאָרף איז דער אַלטער אַראָפּ, און ר׳ מעכעלע איז זיך װײטער געפאָהרען. קומענדיג אויפ׳ן יריד האָט ר׳ מעכעלע תיכף אָפּגעקויפט בײַ אַ סוחר אַ גרויסען טראַנספּאָרט אָקסען, און װי ער האָט געװאָלט אַרויסנעמען דעם לעדערנעם טײַסטער צו בעצאָלען, האָט ער דערזעהען, אַז ער האָט נישט דעם טײַסטער... דער סוחר האָט איהם גאַנץ גוט אָנגעזידעלט, געהאַלטען פאַר אַ גנב. ר׳ מעכעלע האָט געשריגען, אַז ער איז אַן׳ערהרליכער סוחר, אַז פיל סוחרים פון יריד קענען איהם גוט, נאָר איהם האָט פּשוט אַן׳אומגליק געטראָפען, אויפ׳ן װעג האָט ער רחמנות געקריגען אויף אַן׳אַלטען יוד, אַ קאַליקע... איהם אַרויפגענומען אויף דער בריטשקע, און יענער אַ פּנים האָט איהם בע׳גנב׳עט... אַרויסבעקומען זײַן לעדערנעם טײַסטער מיטן גאַנצען געלד...

דאָ האָט ר׳ מעכעלע אָבער פּלוצלונג דערהערט נעבען זיך אַ קול: — איך האָב דיך נישט בע׳גנב׳עט, איך האָב דיר נאָר געװאָלט װײַזען, אַז עס איז דאָ אַ גאָט, און אַז אפילו װען מען האָט ראָטשילד׳ס פערמעגען, דאַרף מען אויך בעטען אויף הצלחה...

ר׳ מעכעלע האָט געװאָלט אויסשרײַען: — כאַפּט אַ גנב! אָבער אײדער ער האָט זיך רעכט בעװיזען אומצודרעהען, איז שוין דער אַלטער געהאַט נעלם געװאָרען...

ר׳ מעכעלע האָט פערשטאַנען, אַז דאָס איז עפּעס נישט קײן גלאַטע זאַכען, עפּעס איז איהם דער אַלטער אינגאַנצען נישט געפעלען... שוין דרײַ מאָל טרעפט ער איהם אין װעג. ער האָט אָנגעהויבען אַרײַנקלערען אין די אַלע סיבות, װאָס עס האָט זיך איהם געטראָפען אין די לעצטע עטליכע װאָכען, און גענומען אויף זיך צו װערען אַ ביסעל מעהר יוד, אָנ־

האָבען אַבּיסעל מעהר גלויבען אין הצלחה און אין השגחה פּרטית...

אין עטליכע וואָכען אַרום איז ער ווידער אַרויסגעפאָהרען אויף אַ יריד, מיטנעמענדיג מיט זיך נאָך אַ גרעסערע סומע געלד ווי פריהער. אין מיטען וועג איז ר׳ מעכעלע אַראָפּ אויף אַ סטאַציע זיך אַבּיסעל אָפּרוהען, דאָ איז פּלוצלונג צוגעקומען צו איהם אַ יונגער יונג, זעהר אַ געזונטער, מיט אַ פּאָר ברייטע פּלייצעס און איהם געפרעגט: — איהר פאָהרט אויפ׳ן יריד?

— יאָ! —, האָט ר׳ מעכעלע געענטפערט.

— וואָס איז אייער מסחר? — האָט דער יונגערמאַן איהם ווייטער געפרעגט.

— אָקסען! —, האָט ר׳ מעכעלע געענטפערט.

— איהר וועט קויפען אַ סך? — האָט איהם דער יונגער־מאַן ווייטער געפרעגט.

— מיט׳ן אויבערשטענס הילף רעכען איך צו קויפען אַ סך —, האָט ר׳ מעכעלע געענטפערט.

— וועט איהר דאָך אודאי דאַרפען האָבען נאָך אַ משרת,— האָט דער יונגערמאַן געזאָגט—, נעהמט זשע מיך מיט, ווי איהר זעהט, בין איך אַ יונג מיט ביינער, האָב אַ פּאָר געזונדע ברייטע פּלייצעס, בעזונדערס קען איך מיך אויך אויף בהמות, בין יאָהרען לאַנג געוועזען משרת ביי גאָר אַ גרויסען אָקסען־הענדלער —, און דערביי אָנגערופען אַ נאָמען, וועלכען ר׳ מעכעלע האָט גוט געקענט—, און איך וועל אייך זיין זעהר אַ געטרייער מש־ת...

דער יונגערמאַן איז ר׳ מעכעלע׳ן זעהר געפעלען גע־וואָרען און ער האָט איהם געהייסען מיטפאָהרען.

קומענדיג אויפ׳ן יריד, האָט ר׳ מעכעלע איינגעקויפט פאַר׳ן גאַנצען געלד סחורה. דער יריד איז געוועזען אַ גרויסער און ר׳ מעכעלע׳ן האָט שטאַרק באַנג געטון וואָס ער האָט נישט מיטגענומען נאָך געלד, וואָרום ער וואָלט געקאָנט נאָך מעהר איינקוי־

פען, עס האט זיך גראד געלאזט זעהר גוט קויפען... פלוצלונג איז צו איהם צוגעקומען דער משרת און געזאגט: — בעל־הבית, אויף יענער זײט מארק שטעהט א סוחר מיט א טראנספארט אקסען, וואס מען קאן קויפען גאר במקח'דיג, כדאי, אז איהר זאלט אהינגײן און א קוק געבען...

— וואס קומט מיר ארויס, אז איך וועל א קוק געבען? — האט ר' מעכעלע געזאגט —, אז איך האב מעהר ביי זיך נישט קיין געלד...

— זוכט נאר גוט, בעל־הבית, אפשר וועט איהר נאך עפעס געפונען? —, האט דער משרת ווייטער געזאגט.

— וויים איך וואס! — האט ר' מעכעלע געענטפערט און אריינגעשטעקט די האנד אין בוזעם. ווי פערוואונדערט איז ער אבער געווארען ווען ער האט פלוצלונג ארויסגענומען פון בוזעם דעם לעדערנעם טייסטער, וואס איז איהם פער־פאלען געווארען מיט עטליכע וואכען צוריק.

ר' מעכעלע איז באלד אהינגעגאנגען צו יענעם סוחר, וואו ער האט אוועקגעקויפט דעם גאנצען טראנספארט און עס איז איהם נאך געבליבען א רעשט געלד.

פאהרענדיג אהיים מיט דעם טראנספארט סחורה און צוקומענדיג צום וואלד, האט דער משרת פלוצלונג צו איהם געזאגט: — אז מיר וועלען אהיימקומען וועט מיר דער בעל־הבית אודאי עפעס געבען פאר מיין אנווייזען אויפ'ן טראנספארט סחורה...

— גאנץ בעשטימט! — האט ר' מעכעלע איהם געענטפערט, — אז מיר וועלען אם ירצה השם אהיימקומען, וועל איך דיר אודאי עפעס געבען דערפאר...

— דער בעל־הבית וועט אודאי פון דעם הײנטיגען יריד עפעס פערדינען —, האט דער משרת ווייטער געזאגט.

— איך האף צו השם יתברך! —, האט ר' מעכעלע ווייטער געזאגט —, אז מיט'ן אויבערשטענס הילף וועל איך פערדינען...

אין די לעצטע עטליכע װאכען האב איך זעהר גרויסע שארענס געהאט, שיער, שיער שוין ניט פערלוירן דאס גאנצע פער־מעגען...

— נארישקײטען! —, האט דער משרת געזאגט —, אז גאט ברוך הוא װעט װעלען, װעט ער אײך אין אײן מאל אומקעהרען דעם גאנצען שאדען.

דא האבען זיך פלוצלונג אלע אקסען געלאזט לויפען אויף לינקס. ר׳ מעכעלע, דער משרת און אלע איבריגע אנטרײבער זענען נאך, און אפלויפענדיג אזוי ביז א שעה צײט, האבען זיך די אקסען אלע געשטעלט, און װי פערװאונדערט איז ר׳ מעכעלע געװען װען ער האט פלוצלונג דערזעהן װי די ערשטע צװײ טראנספארטען אקסען שטעהען זיך גאנץ רוהיג אין אנדערען עק װאלד...

ר׳ מעכעלע איז געװארען גאר לעבעדיג, געדאנקט השם יתברך פאר דעם גרויסען נס, די אנטרײבער האבען צוזא־מענגענומען די גאנצע סטאדע און זי צוריק ארויסגעפיהרט אויפ׳ן װעג, און דא האט זיך ערשט ר׳ מעכעלע ארומגעזעהן, אז דער משרת איז פלוצלונג נעלם געװארען: ער האט אבער שוין גוט פערשטאנען װער דער דאזיגער משרת איז געװען, אז ער איז אײנער און דערזעלבער װאס יענער אלטער, װעלכען ער האט געטראפען אויף זײנע פריהערדיגע יאזדעס...

אהײמקומענדיג האט ר׳ מעכעלע געמאכט גאר א שעהנע מלוה מלכה, געבעטען דעם רב און די גאנצע שטאט, פאר אלע דערצעהלט די גאנצע מעשה, װי אזוי ער האט פיר מאל געזעהען אליהו הנביא...

פון דעמאלט אן איז ר׳ מעכעלע געװארען גאר אנ׳אנדע־רער מענש, געװארען גאר א גרויסער מאמין, זעהר א הײסער יוד, און געטון נאך פיל מעהר צדקה און מעשים טובים װי פריהער.

דער קאָזלאָווער רב.

דאָס איז געשעהן נאָך בשעתו, בעת דער אַלטער ז״ל האָט נאָך געלעבט.

מאַכט זיך אַמאָל אַ מעשה, אַז דער קאָזלאָווער רב, וואָס איז נאָך גאָר אַ יונגערמאַנטשיק געווען, איז פּלוצלונג פערשוואונדען. מ׳האָט געוואַרט עטליכע חדשים, און נישט זעהענדיג איהם צוריק, און נישט וויסענדיג וועמען אויפצונעהמען פאַר אַ רב, זענען עטליכע קאָזלאָווער חשובים אַוועק צום אַלטען ז״ל, אַז ער זאָל זיי זאָגען וועמען מ׳זאָל אַוועקזעצען אויפ׳ן כסא הרבנות...

— איהר וועט קומען מאָרגען —, האָט זיי דער אַלטער ז״ל געענטפערט, נאָכדעם ווי די קאָזלאָווער חשובים האָבען איהם איבערגעגעבען זייער בקשה.

צומאָרגענס אין דער פריה, בעת די קאָזלאָווער חשובים זענען געקומען נאָך תשובה, האָט זיי דער אַלטער געזאָגט: איהר וועט פאָהרען קיין ביאַלע קאַמיען, פון דאָרט וועט איהר צופאָהרען אין דאָרף ריפקע, און דאָרט, ביי דעם ריפקער אַרענדאַר געפונט זיך אייער רב... איהר מוזט אייך אָבער צואיילען —, האָט זיי דער אַלטער ז״ל ווייטער געזאָגט — כדי איהר זאָלט נישט אַמאָל קומען צו שפּעט...

די חשובים האָבען זיך באַלד געזעגענט, און דער אַלטער ז״ל האָט זיי נאָך אַמאָל אָנגעזאָגט השמר והזהר, זיי זאָלען זיך נישט דערוועגען פון דאָרט אהיימקומען אָהן דעם רב.

די חשובים זענען באַלד אַוועקגעפאָהרען קיין ביאַלע

קאַמיען, פון דאָרט קײן ריפּקע און אַזוי װי זײ זענען אַרײַנגעקומען צום אַרענדאַר, האָבען זײ איהם אַרײַנגערופען אין אַ בעזונדערן חדר און איהם דערצעהלט צוליב װאָס זײ זענען געקומען.

צולאַכט זיך דער אַרענדאַר:

— ניִשט אַנדערש — זאָגט ער — װי איהר מאַכט פון מיר חוזק... בס"ה בין איך דאָ איין יוד אויפ׳ן גאַנצען דאָרף, און קײן זיהן, װאָס זאָלן קאָנען זײַן רבנים האָב איך נאָך אויך ניִשט, כ׳האָב צװײ יונגלעך פון זעקס און אַכט יאָהר, לערנען זײ בײדע אין שטאָט — אין חדר...

קוקען זיך די חשובים איבער, װאָס זאָל דאָס הײסען? עס קאָן דאָך ניִשט געמאָלט זײַן, אַז דער אַלטער זאָל האָבען פון זײ חוזק געמאַכט און אַראָפּגעשיקט זײ גלאַט אַזוי אַזאַ װײַטען מהלך... ניִשט אַנדערש, נאָר דער רב דאַרף זיך דאָ געפונען על פּי נס... װעט אַוודאי דורך דאַנען אַדורכפאָהרען... און ס׳איז דעריבער געבליבען בײַ זײ צו װאַרטען.

װאַרט מען אַ טאָג, צװײ, דרײַ, מ׳זעהט אָבער ניִשט קײן סמן פון אַ יוד װאָס זאָל דורכפאָהרען דורכ׳ן דאָרף, געהען די חשובים אַרום איבער׳ן הויף פער׳דאגה׳ט, װאָס זאָל דאָס פאָרט זײַן װאָס דער אַלטער האָט זײ אַהערגעשיקט?..

און געהענדיג אַזוי הויבען זײ אויף פון דער ערד אַ שליסל.

— דער שליסל מוז אַוודאי זײַן אײַערער? — האָט אײנער פון די חשובים געזאָגט צום אַרענדאַר, בעת זײ זענען צוריק אַרײַנגעקומען —, מיר האָבען איהם געפונען דאָ אין הויף...

דערזעהענדיג דעם שליסל, איז דער אַרענדאַר אַביסעל בלאַס געװאָרען און אויף דער גיך געזאָגט:

— יאָ, יאָ, דער שליסל איז מײַנער.. ער איז פון קעלער. אַ נס טאַקע, װאָס די גויִים האָבען איהם ניִשט געפונען, זײ װאָלטען מיך שוין זיכער בע׳גנב׳ט!..

געהען װידער אַװעק אַ טאָג, צװײ, דרײַ, און מ׳הערט

ניִשט און מ'זעהט ניִשט. געהען די חשובים וויִדער איפ'ן הויף, האַלטען אַלץ איִז אײַן קלערען: וואָס האָט דער אַלטער פאָרט געמײַנט מיִט דעם, וואָס ער האָט זײ דאָ אַהערגעשיִקט?.. וואָס וועלען זײ דאָ אויסזיִצען? שוין זעקס טאָג אַוועק און גאָרניִשט.. און געהענדיִג אַזוי פערקלערט מיִט די קעפּ אַראָפּ— האָבען זײ וויִדער דערזעהען דעם שליִסל.

— איִהר גיִט גאָרניִשט אַכטונג — האָבען זײ געזאָגט צום אַרענדאַר, ווען זײ זענען צוריִק אַרײַן איִן שטוּב —, איִהר האָט מורא, אַז מ'זאָל אײַך ניִשט בעגנב'ענען דעם קעלער־ און אָט האָבען מיִר וויִדער געפונען דעם שליִסל אויפ'ן הויף..

— דאָס שלעפּען איִהם אַזוי די קינדער אַרוים —, האָט זיִך דער אַרענדאַר ווי פערענטפערט —, איִך וועל איִהם שוין אָבער איִצטער אַזוי בעגראָבען, אַז זײ וועלען איִהם שוין מעהר ניִשט געפונען...

און וויִדער זענען אַוועק דרײַ טאָג מיִט גאָרניִשט. די חשובים האָבען וויִדער אָנגעהויבען קלערען, וואָס וועלען זײ דאָ אויסזיצען? ניִשט אַנדערש נאָר זײ האָבען אַ טעות געהאַט, דער רבי האָט זיִכער געמײַנט אַנ'אַנדער דאָרף, נאָר זײ האָבען פערהערט, מ'זעהט דאָך בעשײַנפערלעך, אַז איִן גאַנצען דאָרף איִז טאַקע מעהר ניִשטאָ ווי אײַן אַרענדאַר, און אַז דער רבי זאָל דאָס האָבען איִהם געמײַנט — איִז דאָך ניִשט שיך...

—מיִר זיִצען דאָ גאַנץ בחנם—האָבען זײ ווײַטער צוויִשען זיִך גערעדט —, שוין צעהן טעג אַוועק מיִט גאָרניִשט...

און הגם דער אַלטער האָט זײ אָנגעזאָגט, אַז זײ זאָלען אָן דעם רבי פון דאָרט ניִשט אַוועקפאָהרען, איִז דאָך געבליִבען מאָרגען איִן דער פריִה כעלות השחר צוריִקצופאָהרען צום אַלטען ז"ל..

דער טאָג איִז געווען זעהר אַ שעהנער, די זון האָט גע־וואַרעמט אַ מחיה, און די חשובים זענען זיִך אַזוי פערגאַנגען,

שטומענדיג ווייט אוועק פון דעם אַ־ענדאַ־ס הויז, אַזש ביז צום וואַסער, און... דאָ האָבען זיי גאָר פּלוצלונג ווידער דערזעהן דעם שליסל ליגען נעבען וואַסער...

אַ רגע האָבען זיי זיך אָנגעקוקט איינער דעם אַנדערען, אויפגעהויבען דעם שליסעל.

— עפּעס איז דאָך די מעשה גאָרנישט גלאַטיג... — האָבען זיי געדעט צווישען זיך — מילא אַז מיר האָבען דאָרט געפונען דעם שליסעל, איז עס געווען אויף זיין הויף, אָבער דאָ? ווי קומט דער שליסל דאָ אַהער צום וואַסער!? שוין דריי מאָל ווי מיר געפונען דעם שליסל... דער שליסל איז פון זיין קעלער... עפּעס מוז דאָך דאָ זיין... עס שטעקט זיכער עפּעס אַ סוד דערין.. אפשר?.. אַ קשיא אויף אַ מעשה!.. אַז דער אַלטער האָט געשיקט — איז דאָך אַוודאי נישט בחנם...

אַז זיי זענען אַהיימגעקומען, האָבען זיי אַריינגערופען דעם אַרענדאַר אין אַ בעזונדערען חדר און איהם געפרעגט: וואו האָט איהר אַוועקגעלייגט דעם שליסעל פון קעלער?..

— וואָס איז דאָס אייער דאגה? — האָט דער אַרענדאַר געענטפערט — איהר דאַרפט דאָס נויטיג וויסען?..

— הערט אויס, ר' יוד! —, האָט איינער פון די חשובים צו איהם געזאָגט —, מיט אייער קעלער איז עפּעס גאָר נישט גלאַטיג, צוויי מאָל האָבען מיר געפונען דעם שליסל אויפ'ן הויף, איצט ווידער האָבען מיר איהם געפונען נעבען וואַסער, און ס'קאָן דאָך נישט זיין אומזיסט, וואָס מיר געפונען עפּעס בסדר דעם שליכל.. עפּעס מוז דאָך דאָ זיין.. ווילען מיר פון אייך, אַז איהר זאָלט מיט אונז אַראָפּגעהן אין דעם קעלער.. אויב נישט, וועלען מיר אַליין אַראָפּגעהן און זעהן, וואָס דאָרטען איז! דעם שליסל קריגט איהר סיי ווי סיי שוין נישט צוריק...

דער אַרענדאַר האָט זיך אַביסעל דערשראָקען און גע־

געענטפערט:—איך זעה דאָך, אַז דאָס איז אַ גאָט'ס זאַך! דער שליסל איז ביז איצט שוין אַ מעשה פֿון אַכט חדשים געלעגען פערקאָפּעט אין דער ערד. אַז איהר האָט איהם דאָס ערשטע מאָל געפונען, האָב איך איהם צומאָרגענס נאָך טיפער פערקאָפּעט, אויפ'ן דריטען טאָג האָט איהר איהם ווידער געפונען, זעה איך דאָך, אַז דאָס איז אַ גאָט'ס זאַך! אייער רבי, זאָגט איהר, האָט אײַך געזאָגט, אַז דאָ בײַ מיר געפונט זיך אייער רב... איך בין אַ פּראָסטער מענש, איך ווייס... אַ קשיא אויף אַ מעשה.. אפשר איז ער דאָס אייער רב... װעל איך אײַך דערצעהלען דעם גאַנצען אמת!.. איהר זאָלט וויסען, אַז אין דעם קעלער געפונט זיך אַ יונגעהמאַן, וועלכער איז געקומען צו מיר מיט אַכט חדשים צוריק מיט אַ פּעקעל ספרים אין דער האַנד און מיך געבעטען: ר' יוד! איך בין אַ תּלמיד־חכם, איך האָב מיך אָבער פערזינדיגט, איהר פערשטעהט?, געהאַט אַ שטיקעל מחשבה זרה.. איז איידער מ'זאָל מיך שטראָפען אויף יענער וועלט, וויל איך מיך אַליין בעשטראָפען.. איך וויל זײַן בײַ אײַך אײַנגעשלאָסען אין קעלער אַ גאַנץ יאָהר, איהר זאָלט מיר יעדען פריהמאָרגען אַראָפּגעבען דורכ'ן פענסטערל אַ פונט שוואַרץ ברויט מיט אַ קריגעל וואַסער... דעם שליסעל זאָלט איהר בעגראָבען טיף אין דער ערד, אַז קיינער זאָל איהם נישט געפונען... אַ טאָג נאָכ'ן יאָהר זאָלט איהר מיך צוריק אַרויסלאָזען און איך וועל מיר געהן מײַן וועג.... און דערפאַר וואָס איהר וועט דאָס טון—האָט ער צו מיר ווײַטער געזאָגט—, וואָס איהר וועט מיר העלפען ראַטעווען די נשמה פון גיהינום, זאָג איך אײַך צו אַ פירטעל פון מײַן הלק עולם הבא!...

— איך בין אַ פּראָסטער יוד!—האָט דער אַרענדאַר ווײַטער געזאָגט,—ליג אָפּ אַלע מײַנע יאָהרען אויפ'ן דאָרף, קום אין שטאָט אַרײַן נאָר פון איין ראש השנה און יום כפּור צום אַנדערן.. לערנען קען איך נישט, מצות טו איך

ניִשט, און אַ שטיִקעל עולם הבא ווילט זיִך פאָרט, ביִן איִך בעשטאַנעָן און האָב דעם יונגעמאַן אײַנגעשלאָסעָן... און אַזוי ליגט ער שוין אונטען איִן קעלער אַכט חדשים. אויב איִך האָב געזינדיגט דערמיִט, טאָ בעט איִך אײַך, זײַט מיִר מוחל! איִך האָב דאָך קײַן שלעכטס דערמיִט ניִשט געמײַנט, דאָס קאָן אײַך אפילו דער יונגערמאַן אַלײַן עדות זאָגען, אַז ניִשט באַלד האָט ער דאָס געפועל׳ט בײַ מיִר, אַז ערשט נאָך אַ לאַנג בעטען ביִן איִך דערצו מרוצה געוואָרען...

פערשטעהט זיִך, אַז דיִ חשובים צוזאַמען מיִט דעם אַרענדאַר זענען באַלד אַראָפּ איִן קעלער און וויִ פער׳חידוש׳ט זענען זײַ געוואָרען, בעת זײַ זענען אַרײַנגעקומען איִן קעלער און טאַקע געזעהן זײַער רב זיִצען אויף דער ערד און לערנען גאָר געשמאַק תורה און, אַז איִן קעלער איִז נאָך פיִל ליִכטיִגער וויִ אויפ׳ן גאַס, און עס פיִהלט זיִך פון איִהם אַ ריח ניִשט וויִ פון אַ קעלער, נאָר פון אַזאַ אָרט, איִן וועלכען מען האַלט גאָר טײַערע בשמים..

— רביִ!—האָבען דיִ חשובים זעהר הכנעה׳דיִג געזאָגט—, וואָס זאָל דאָס אַלץ בעדײַטען? דער כסא הרבנות איִן קאָזלאָוו וואַרט דאָך אויף אײַך...—, און זעהענדיִג, אַז ער ענטפערט ניִשט, האָבען זײַ צוגעגעבען: רביִ! אונז האָט געשיִקט אַהער נאָך אײַך דער אַלטער זאָל לעבען...

— פאָהרט אַהײם!—, האָט זײַ דער רב געענטפערט—, און זאָגט דעם רביִ׳ן, אַז איִן פיר חדשים אַרום וועל איך אַהײַמקומען...

— אָבער, רביִ:—, האָבען די חשובים ווײַטער געזאָגט—, שוין אכט חדשים וויִ מיִר וואַרטען אויף אײַך, מיִר האַלטען אײַך איִן אײַן זוכען... שוין צעהן טעג וויִ מיִר זענען דאָ אויפ׳ן דאָרף... איִהר ווײַסט דאָך, אַ שטאָט קאָן ניִשט אַזוי לאַנג זיִצען אָהן אַ רב, דערצו האָט נאָך דער אַלטער זאָל

לעבען אונז אָנגעזאָגט, אַז מיר זאָלען אָהן אײַך פון דאַנען נישט אַוועקפאָהרען...

— וואָס גערט ער אַזוי מיט כח? — האָט דער רב זיך געענטפערט ווי ברוגז׳דיג —, איך וועל מײַן וואָרט נישט משנה זײַן... פריהער ווי אין פיר חדשים אַרום וועל איך נישט אַהײַמקומען.. איהר, עולם, פאָהרט אַ הײם און איהר, ר׳ יוד, פערשליסט צוריק די טיר און וואַרפט מיר אַרײַן דעם שליסעל דורכ׳ן פענסטער, איך וויל אײַך שוין מעהר דעם שליסעל נישט געטרויען!...

דאָ האָט זיך אָבער דער אַרענדאַר אָנגערופען: רבי, זײַט מוחל! איך בין אַ פּראָסטער יוד, איך ווײס נישט אפילו ווי אַזוי מ׳דאַרף צו אײַך רעדען ווי ס׳געהער צו זײַן... נאָר פריהער ווען איך האָב נישט געוואוסט ווער איהר זענט, געמײנט גלאַט אַזוי עפּעס אַ יוד... אַ שטיקעל עולם דיזא ווילט זיך... בין איך בעשטאַנען, איצט אבער, אַז איך הער ווער איהר זענט, בין איך אײַך מוחל דאָס פירטעל עולם הבא, און ווען איהר זאָלט מיר געבען אפילו אײַער גאַנצען עולם הבא, וויל איך אויך נישט, אַז איהר זאָלט ליגען ווײַטער פערשלאָסען אין מײַן קעלער!..

— איך בין אויף אײַך גוזר בגזרת הרב! — האָט דער רב זיך אויפגעשטעלט —, אַז איהר זאָלט די מינוט אַרויסגעהן פון קעלער, איהם פערשליסען און מיר אַרײַנוואַרפען דעם שליסל דורכ׳ן פענסטער.

— איהר וועט מיר מוחל זײַן, רבי! —, האָט דער אַרענדאַר געענטפערט —, איך בין אַ פּראָסטער דאָרפס־יוד, איך ווײס נישט אפילו וואָס אײַער בגזרת הרב איז... איך זאָג אײַך אָבער אײנמאָל פאַר אַלע מאָל, אַז איך וויל אײַך מעהר נישט האַלטען אין מײַן קעלער!..

דער רב האָט זיך אויף אַ ווײַלע פערטראַכט.

— גוט, איך פאָהר מיט אײַך! —, האָט ער געזאָגט צו

די חשובים —, אָבער פריהער פאָהרען מיר צום אַלטען זאָל עבען...

אַז זיי זענען געקומען צום אַלטען זאָל לעבען, האָט ער זיך מיט איהם פערשלאָסען אין זײַן חדר און אין אַ שעה אַרום איז ער אָפּגעפאָהרען מיט די חשובים צוריק קײן קאָזלאָוו, אײנער פון די חשובים איז פריהער אַרײַנגעפאָהרען אין שטאָט אָנזאָגען די בשורה, אַז דער רב פאָהרט. די גאַנצע שטאָט איז איהם אַרויס מקבל פנים זײַן...

אַז מ'האָט שפּעטער געפרעגט דעם אַלטען, וואָס איז געווען די מעשה מיט דעם קאָזלאָווער רב, וואָס ער האָט זיך פערשלאָסען אויף אַ יאָהר צײַט אין אַ קעלער — האָט דער אַלטער געענטפערט, אַז דער קאָזלאָווער רב איז בבחינת יעקב אבינו, און האָט גענומען אויף זיך אַ יאָהר תפיסה, כדי צו ברענגען דעם קץ .. און ווען ער וואָלט טאַקע אויסגעזעסען דאָס יאָהר און קעלער, וואָלט דער קץ געמוזט זײַן... די וועלט איז אָבער נאָך דערצו נישט געווען ראוי, און מ'האָט איהם דערפאַר געמוזט איבערײַסען אין דערמיט...

דער שדוך

נאָך בימי נעוריו האָבען שוין פאַר דעם אַלטען ז"ל די חברה געציטערט און מורא געהאַט אימת המות. אַז ער האָט זיך נאָר בלויז אַרומגעגאַרטעלט מיט'ן גאַרטעל, זענען זיי שוין געפאַלען ווי די פליגען...

אין בית-המדרש ביים אַלטען האָט געלערנט אַ בחור חיים'ל, אָט אויף דעם חיים'ל, האָט דער אַלטער ז"ל געוואוסט, האָבען חבריה געוואָרפען אַנ'אויג, געוואָלט איהם דורכאויס אַריינגעקריגען צו זיי אין די הענד אַריין. דער אַלטער האָט אָבער געוואוסט, אַז ער וועט אויסוואַקסען אַ שמן זית... און אַזוי ווי חברה האָט געלאָקערט אויף איהם טאָג און נאַכט, האָט ער איהם איבערגעגעבען אויף אַ ספעציעלע שמירה צו עטליכע מקורבים און זיי אָנגעזאָגט, אַז מ'דאַרף אויף איהם זעהר אַכטונג געבען, אַז מ'דאַרף איהם ממש היטען ווי אַנ'אויג אין קאָפּ...

כדי נאָך זיכערער צו זיין מיט חיים'לען האָט איהם דער אַלטער איבערגעגעבן אַ חוץ דער ספּעציעלער שמירה פון די עטליכע מקורבים, צום ראָספּערזשיצער, וואָס איז צו יענער צייט כסדר געזעסען ביי'ם אַלטען.

איבערגעבענדיג איהם צום ראָספּערזשיצער אין דער האַנד אַריין, איז שוין דער אַלטער געווען מיט איהם זיכערער, ווארום אויף דעם ראָספּערזשיצער, פלעגט דער אַלטער זאָגן, אַז ער איז געווען ווי אַ געפאַנצערטע פעסטונג, צו וועלכע דער שונא קאָן ניט אַזוי לייכט צוקומען... געלערנט האָט חיים'ל מיט אַ חבר, וואָס איז אין יאָהרען אַרום געוואָרען מאָגעל-ניצער רבי. צו יענער צייט איז ער נאָך אָבער געווען אַ בחור

און אויך געווען אונטער דער השגחה פון אלטען ז״ל, הגם זיי זענען ביידע גלייך געזעסען און געלערנט, האט מען דאך אין בית־המדרש געשמועסט, אז חיים׳ל וועט פיל וויטער אוועקגעהן ווי זיין חבר, זיי זענען ביידע געווען די גרעסטע מתמידים פון גאנצען בית המדרש, און בעת דער אלטער פלעגט אמאל דורכגעהן דעם בית־המדרש און זיין הייליגען בליק ווארפען אויפ׳ן גאנצען עולם, וואס איז געזעסען און געלערנט, פלעגט ער מיט א שמייכעל א זאג געבען:

— דאכט זיך, אז קיינער איז ניט אזוי מקיים דעם פסוק „והגית בו יומם ולילה״ ווי זיי.

און דערביי אנגעוויזען מיט׳ן פינגער אויף חיים׳לען מיט זיין חבר, וואס זענען טאקע געווען אין יענער צייט אריינגעטון אין לערנען בראשם ורובם.

מאכט זיך אבער א מעשה, וואס צוליב איהר איז חיים׳ל שיער ניט אריינגעפאלען צו דער חברה, און ער איז מיט שווערע מיה קוים צוריק ארויסגעראטעוועט געווארען.

געשמועסט האט מען דעמאלט, אז ווען דער אלטער זאל זיך ניט געווען בעצייטענס כאפען, וואלט חיים׳ל זיכער געווען א פערפאלענער, איז אבער געווען טאקע דאס גליק, וואס דער אלטער ז״ל האט דאס גלייך דערשנאפט און זיך טאקע באלד מיט זיי אפגערעכענט „למען ידעו״, און חיים׳ל איז נאך ארוים בשלום.

מעשה שהיה כך היה:

דער חבר מיט וועלכען חיים׳ל האט געלערנט צוזאמען, איז געשטאנען אין עטליכע שדוכים, אין א קורצע צייט ארום איז ער א חתן געווארען און חתונה געהאט. אויף דער חתונה האט ער פערבעטען עטליכע חברים פון אלטענ׳ס בית־המדרש, צווישען וועלכע, פערשטעהט זיך, חיים׳ל איז אויך געווען, די כלה איז געווען גאר אזעלטענע יפת תואר און חיים׳ל, געבענדיג אויף איהר א קוק גלאט אזוי זיך, איז עפעס שטארק מבולבל

געװאָרען. נאָך דער חתונה, בעת ער האָט זיך צוריק אײַנגעזעצט אין בית־המדרש לערנען, האָט חײם'ל דערפֿילט, אַז ער האָט ניט בײַ זיך די פֿריהערדיגע התמדה, אַז ער קאָן פּשוט אַ מינוט ניט אײַנזיצען רוהיג בײַ'ם טיש. אין זײַן מוח האָבן זיך פֿערקליבען מחשבות זרות און עגבערן דאָרט װי שלאַנגען און עקדישען רחמנא לצלן,, דעם ראָספּע־זשיצער װי אויך די איבריגע מקורבים האָט ער זיך געש.האָט עפּעס צו־דערצעהלען און דאָ איז דער אַלטער אַלײן גראָד אין דער הײם ניט געװען, און אַזױ איז חײם'ל אַרײַנגעפֿאַלען אין אַ מרה שחורה. ער האָט געזעהען, אַז ער פֿאַלט ממדרגה למדרגה, ער האָט געפֿיהלט בחוש, אַז ער װערט װאָס אַמאָל מעהר נכנע די מחשבות זרות... העלפֿען אָבער האָט ער זיך ניט געקאָנט, װײַל דער אַלטער ז"ל איז ניט געװען.

באַלד דערנאָך, אין עטליכע טאָג אַרום, בעת ער איז זיך אַזױ געזעסען בײַ דער אָפֿענער גמרא און געקלערט װעגען דער יפת תואר, מיט װעלכע זײַן חבר האָט חתונה געהאַט, איז גאָר פּלוצלונג אַרײַנגעקומען אַ פֿרעמדער חסיד און זיך צוגע־זעצט נעבען איהם. פֿריהער, פֿערשטעהט זיך, האָבען זײ גערעדט װעגען תורה, דערנאָך אָבער האָט דער חסיד פּלוצלונג מיט איהם אָנגעהויבען רעדען װעגען גאָר פּשוט'ע זאַכען, און אַזױ װי ער האָט געהערט, אַז חײם'ל איז נאָך אַ בחור, האָט ער איהם פֿאָר־געשלאָגען אַ שידוך, איהם אײַנגערעדט, אַז דאָס איז פֿון גאָר אַ גרויסען יחוס, און עטליכע מאָהל דורכאַנאַנד איהם פֿערזיכערט, אַז די כלה איז די שענסטע יפת תואר, װאָס די װעלט פֿער־מאָגט נאָר...

— איז דער שדוך אַ היגער? — האָט חײם'ל געפֿרעגט.

— נײן, — האָט איהם דער חסיד געענטפֿערט —, עס איז אָבער גאָרניט װײַט פֿון הי, אינו אַ צען צװײ שעה אַקס, און אויב דו װילסט קאָנען מיר נאָך מעריב אַהינפֿאָהרען, איך בין דאָ מיט אַ אײגענע פֿורה, קאָן איך דיך מיטנעמען.

— זאָל זײַן, — האָט חיים׳ל געענטפערט.

באַלד נאָך מעריב האָט זיך חיים׳ל אַרױסגעכאַפּט פון בית המדרש, אַװעק אױפן מאַרק, װאו דער חסיד מיט׳ן פוהרעל איז שױן געשטאַנען און געװאַרט אױף איהם, ער איז גלײַך אַרײַן אין פוהרעל און איז צוזאַמען מיט׳ן חסיד אַװעקגעפאָהרען. פאָהרענדיג האָט חיים׳ל דערפיהלט, אַז ער טוט זעהר ניט גלײַך, װאָס ער איז געפאָהרען אַלײן מכח אַ שדוך, דער אַלטער װעט געװיס אױף איהם בײז זײַן פאַרװאָס ער האָט ניט געװאַרט אױף איהם, כדי איהם שואל עצה צו זײַן, און ער האָט בײַ זיך פעסט בעשלאָסען, מעג זי זײַן די גרעסטע יפת תואר פון דער װעלט, ק׳ים װעט דער שדוך ניט זײַן דעם אַלטען לרצון, אַזױ װעט ער איהם תיכף צוריק אָפּלאָזען.

זײַענדיג פערטיפט אין מחשבות, האָט ער גאָרניט בעמערקט װי זײ פאָהרען שױן פיל לענגער װי צװײ שעה. װען ער האָט דעם חסיד בעמערקט פאַרװאָס זײ זענען נאָך ניט אױפ׳ן אָרט, האָט איהם דער חסיד ערקלערט מיט אַ שמײכעל, אַז סך־הכל פאָהרען זײ ערשט קױם אַ האַלבע שעה, נאָר װײל ער איז צופיל צוטראָגען צוליב דער יפת תואר, דאַכט זיך איהם, אַז זײ פאָהרען שױן צװײ שעה...

— ע, חיים׳ל! האָט ער צוגעגעבען, — דו האָסט שױן, דאַכט זיך, גאָר דעם קאָפּ פערלױרען...

חיים׳ל האָט זיך שטאַרק פערשעהמט און שױן מעהר ניט געפרעגט.

געקומען אױפ׳ן אָרט, האָט זיך חיים׳לען אױסגעװיזען, אַז עס טאָגט שױן... ער האָט אָבער מורא געהאַט צו רעדען. מיט עטליכע מינוט שפּעטער, בעת ער האָט דערזעהען דאָס מײדעל, װעגען װעלכען דער חסיד האָט איהם אײַנגערױמט אין אױער „אַז דאָס איז זי"... איז ער שטאַרק מבולבל געװאָרען, פיל שענער װי יענע יפת תואר, מיט װעלכע זײַן חבר האָט תתונה געהאַט. און עס פערשטעהט זיך, אַז ער האָט שױן קײַן

לאַנגע שהיות ניט געמאַכט און גלײַך אויפ׳ן אָרט געשריבען תּנאים. באַלד נאָך די תּנאים, האָט זיך די כּלה געזעצט נעבען איהם. באַלד זענען אויך אָנגעקומען זעהר פיל בּחורים און בּתולות. חיים׳ל האָט זיך שטאַרק פערוואונדערט פון וואַנען זיי האָבען זיך אַזוי שנעל געװומען, פון וואַנען האָבען זיי געוואוסט, אַז דאָ וועט זײַן תּנאים? ער האָט אָבער לאַנג קײַן צײַט ניט געהאַט צו קלערען, ווײַל פּלוצלונג האָט זיך געהערט זעהר אַ שטאַרק געלעכטער.

מיר האָבען דיך דאָך געפּאַקט חיים׳ל!

גלײַך דערויף איז שטאָק פינסטער געוואָרען, און די גאַנצע חבריא האָט זיך אוועקגעלאָזט אין אַ ווילדען טאַרש...

און אין דער זעלבער נאַכט איז דער אַלטער ז״ל געקומען אַהײם...

תּיכּף ווי ער איז נאָר אַריבּערגעטרעטען די שוועל פון הויז, איז ער קודם־כּל אַרײַן אין בּית המדרש, און אַזוי ווי ער האָט געזעהען אַז חיים׳ל איז ניטאָ, האָט ער אַ געשריי געגעבען:

— רוצחים! איהר האָט מיר איבּערגעפיהרט מײַן חיים׳ל! צו וואָס האָט איהר איהם געלאָזט פאָהרען אויף דער חתונה?!

באַלד האָבען שוין אַלע מקורבים געוואוסט, אַז מיט חיים׳לען איז עפּעס אַן׳אומגליק געשעהן. אַז חברה האָט איהם געפּאַקט. מ׳האָט עס אָבער פאַר׳ן איבּריגען עולם פון בּית המדרש געהאַלטען בּסוד סודות. דער אַלטער האָט שטרענג אָנגעזאָגט, אַז מ׳זאָל װעגען דעם קײַן וואָרט ניט רעדען, ווײַל יעדעס מאָל, וואָס מען דערמאָנט זײער נאָמען, ווערען זיי שטאַרקער... די מקורבים האָט ער אַלע געהייסען געהן אין מקוה אַרײַן און אַליין איז ער אַרײַן אין זײַן חדר מיוחד.

כּאור הבּוקר האָט דער אַלטער אויפגעוועקט פיר פון זײַנע נאָהענסטע מקורבים און געהײסען זיך גרייט מאַכען אַרויס־צופאָהרען. באַלד איז ער אויך צו צום משמש און געשריי געגעבען:

פנחס שלמה! הײַס שפּאַנען די ברימשקע, מיר פאָהרען תיכּף אַרוים!

פערשטעהט זיך, אז פנחס שלמה האָט גלײַך געהײסען שפּאַנען, ניט פרעגענדיג אפילו וואוהין?

האָבען אָבער די חברה שוין דאָרט דערשפּירט. איז דער זויג געוואָרען פּחדים׳דיג שווער...

פריהער קלענערע ווינדען, דערנאָך גרעסערע. ביז אויף אײַנמאָל איז געוואָרען אַ גרויסער שטורם־ווינד, און עס הויבט זיך אויף אַ גרויסע כוואַליע זאַמד. פערשיט די פערד די אויגען און סטאָפּ! די פערד געהען ניט ווײַטער.

משמעות זײַער אַרבײַט...

דאָ האָט זיך דער אַלטער אויף אַ ווײַלע פערטראַכט און אַ געשרײַ געגעבען:

— פנחס שלמה! גיב מיר אַהער די לײַצען!

און אז דער אַלטער האָט גענומען די לײַצען, איז מען געפאָהרען ווײַטער גלײַך ווי קיינמאָל גאָרניט...

זענען די פערד געפלויגען איבער בערג און טאָל, וואַלד און פעלד, געפלויגען ממש אין דער לופטען...

און די מקורבים חידוש׳ן זיך, מ׳פאָהרט און מ׳פאָהרט, און מען זעהט קיין דאָרף, מען זעהט קיין שטאָדט, גאָרניט...

פּלוצלונג האָט מען דערזעהען פון ווײַטען אַ הײַזעל, כּהרף עין איז די בריטשקע שטעהן געבליבען בײַ׳ם הײַזעל, וואו אַלע זענען אַראָפּ, פריהער דער אַלטער, דערנאָך פנחס שלמה און די מקורבים.

— מאַכט אויף, זאָג איך אײַך! — האָט דער אַלטער אַ געשרײַ געגעבען —, און וועט איהר עפענען מיט גוטען, אַזוי זאָג איך אײַך אַלע צו, תּיקון, און ווען ניט, אַזוי וועל איך פון אײַך מאַכען אַ תּל, אז עס וועט פון אײַך קיין זכר ניט בלײַבען...

הערען ניט חברה און שיסט אויס אין אַ גרויס געלעכטער:—

—מיר פרעגען ניט נאָך דיר, מיר האָבען זיך גוט פערמאַכט...

— ברעכט אָפּ צווײַגלעך—האָט דער אַלטער אַ זאָג געגעבען צו די מקורבים, און דו, פּנחס שלמה, דערלאַנג מיר די בײַטש...

— שלאָגט! — האָט דער אַלטער ווײַטער אַ געשרײַ געגעבען: —, שלאָגט אָהן רחמנות, וואו איהר טרעפט און וואו איהר קאָנט.

פערשטעהט זיך, אַז אין אַ קלײנער ווײַלע אַרום האָט זיך די טיר אויפגעמאַכט. אַז דער עולם איז אַרײַן אינוועניג, זענען פון אַלע זײַטען געלעגען אָנגעוואָרפען גאַנצע קופּעס ווײַסע און שוואַרצע קעץ...

חיים׳לען האָט מען געפונען אין אַ ווינקעל, מיט זײַן אײגענעם גאַרטעל געבונדען, אַ פער׳הלש׳טען כמעט ביז טויט.

מ׳האָט איהם גלײַך אַרויפגעלעגט אויפ׳ן פּוהרעל, און דער אַלטער האָט איהם געהײסען אַרײַנגיסען אין מויל אַרײַן אַביסעל ווײַן: ויין ישמח לבב אנוש...

אַהײמגעפאָהרען איז מען שוין בײַ גרויסען טאָג, און מ׳האָט איבערן וועג געזאָגט קלײַן קריאת שמע און בעת דער אַלטער האָט געזאָגט די ברכות, האָבען די בוימער אין וואַלד געציטערט...

חיים׳ל איז אין אַ פּאָר טאָג אַרום געזונד געוואָרען. דער אַלטער האָט איהם אויך באַלד חתונה געמאַכט. ער איז אָבער שוין געבליבען עד יום מותו אַ פערטרויערטער, אַ פער׳מרה־שחורה׳טער. דער נסיון האָט אויף איהם זעהר שטאַרק געווירקט, און די חרטה האָט איהם כל ימיו קײַן רוה ניט געגעבען. אויך אויף דעם ראָספערזשיצער איז דער אַלטער כל ימיו בײַז געווען.

— איך וועל דאָס איהם קײנמאָל ניט מוחל זײַן—, האָט ער זיך אַמאָל אויסגערעדט פאַר די מקורבים—, ער האָט געדאַרפט זײַן מײַן ממלא מקום! זיצען אויף מײַן שטול, זײַן דער מנהיג הדור, אַ שמן זית, און נאָר דורך איהם, דורכ׳ן ראָספערזשיצער הײסט עס, איז ער אַרײַנגעפאַלען צום סמא״ל צוליב וואָס ער איז פון שטאַרקער חדטה אַרײַנגעפאַלען אין עצבות און ער האָט שוין ניט געקאָנט קומען צו קײַן שום העכערער מדרגה...

דער דבוק.

אין שטעטל דאמבראָווא האָט געלעבט א יוד מיט'ן נאָמען ר' אשר וואַטעמאַכער. ער איז געווען נישט זעהר רייך, געהאַט אַ פאַבריקל פון וואַטע, און צוליב איהר האָט ער מאַקע בעקומען דעם נאָמען „וואַטעמאַכער". קינדער האָט ר' אשר נישט געהאַט מעהר ווי אַ איינציגע טאָכטער. זי איז געווען אַ זעלטען יפת תואר, און איז אַלם אַזעלכע געווען בעריהמט איבער'ן גאַנצען קאַנט אויף ווייט און ברייט אַרום און אַרום.

איז אָבער ר' אשר'ן בעשערט געווען אַן'אומגליק און ווען די טאָכטער איז אַלט געוואָרען 17 יאָהר, און מ'האָט איהם שוין אָנגעהויבען צו רעדען פאַר איהר שידוכים, האָט זי פלוצלונג איינמאָל אויף דער נאַכט ווען זי איז אַרויס צום ברונעם אָנשעפּען אַביסעל וואַסער, אַרויסגעלאָזט אַ שרעקליכען קוויטש און גלייך פערלוירען דאָס לשון. דאָס פנים איז ביי איהר אינגאַנצען אַזוי צעקרימט געוואָרען, אַז ס'איז פשוט געווען אַ שרעק אויף איהר אַ קוק צו טון. אין שטוב איז געוואָרען אַ יללה, אַלע שכנים זענען זיך אָנגעקומען צוזאַמענצולויפען, מ'האָט אָנגעווענדעט אַ'ע מיטלען זי צוריק צום זינען צו ברענגען, ווייל מען האָט געמיינט, אַז סאיז אַ געוועהנליכער צוג=ווינד... אין דער פריה האָט מען אָבער דערזעהען, אַז עס איז אַ דבוק, ווייל תיכף ווי ר' אשר האָט זיך געשטעלט דאַווענען, איז זי צוגעשפּרונגען און מיט אַ איבערמענשליכען כח איהם אָנגעהויבען רייסען ביי'ם טלית און תפילין, ביז זי האָט איהם דעם טלית צוריסען אויף שטיקלעך. די שטוב=מענשען האָבען זי געהאַלטען מיט אַלע כחות, זי האָט זיך אָבער אַזוי געוואָרפען

און געבילט און געביסען, אז זי איז אלעמען ביגעקומען.

מ'קאן זיך פארשטעלען ר' אשר'ס לאגע. א איינציג קינד, אזוי בעריהמט געוועזען און דא גאר נא דיר א דבוק! . ער האט שרעקליך געוויינט, ממש די האר זיך פון קאפ געריסען. דאס שטעטל האט אויף איהם גרויס רחמנות בעקומען, איבערהויפט טאקע האט יעדער געוויינט אויף דעם מיידעל, וואס, ווער ווייסט, ווי לאנג זי וועט זיך נעבעך מוזען אנליידען פון דבוק, און צי זי וועט פון איהם בכלל פטור ווערען מיט גאנצע אברים... קודם כל האט דאס שטעטל געשאפען א סומע געלד, אז ר' אשר זאל קאנען אנהויבען ארומפאהרען צו די גרויסע גוטע יודען.

צו יענער צייט האט גע'שם'ט אלס א מומחה צו דבוקים דער אלטער סאכאטשאווער ז"ל. די אלטע סאכאטשאווער חסידים פלעגען זיך פון איהם אנדערצעהלען גאר מורא'דיגע מעשיות, אז עס איז נאך נישט געוועזען דער דבוק, וואס דער אלטער ז"ל זאל איהם נישט אין א קורצע צייט ארויסטרייבען, און געבען איהם נאך א תיקון אויך. חסידים האבען אפילו דערצעהלט, אז איינמאל איז געוועזען זעהר א שווערער דבוק, דאס איז געוועזען טאקע ביי א סאכאטשאווער חסיד'ס אנ'איידעם, זעהר א וואוילער יוננערמאנטשיק, מ'האט איהם גערופען יאסעלע עלוי... ער איז שוין געהאט אוועק אויף גאר א הויכער מדרגה, איז ער אבער פלוצלונג נכשל געווארען, און באלד האט צו איהם די קליפה ר"ל שליטא בעקומען. דער אלטער ז"ל האט מיט איהם אפגעארבייט גאנצע זעקס וואכען און ער, דער דבוק, איז אין קול ואין עונה... דא האט דער אלטער ז"ל געהייסען ארויסטראגען דעם יונגעמאן אויפ'ן הויף, און איהם צובינדען צו א בוים, און האט איהם אזוי לאנג געשלאגען מיט זיין שטעקען, ביז דער דבוק איז ארויס. די מקורבים וועלכע זענען דערביי געשטאנען, האבען נאכדערצעהלט, אז פון יעדען קלאפ, זענען ממש געגאנגען פייער-פונקען... די קולות

וואָס דער דבוק האָט אַרויסגעלאָזט, זענען געגאַנגען עד לב השמים. עס האָט איהם אָבער גאָרנישט געהאָלפען. ער האָט געמוזט אַרויס און נאָך אַזוי, אַז יאָסעלע איז געבליבען גאַנץ...

פערשטעהט זיך, אַז ר׳ אשר איז באַלד מיט זײן טאָכטער אַוועקגעפאָהרען קײן סאָכאַטשאָוו. אַהינגעקומען איז ער אַ פּאָר טאָג פאַר ראש חודש אלול, בעת מ׳האָט זיך שוין אין סאָכאַטשאָווער הויף גענומען אַ ביסעל מכין זײן צו די גרויסע מורא׳־דיגע אלול טעג...

אין סאָכאַטשאָווער הויף איז שוין געווען אַזאַ מנהג, אַז אַפּאָר טעג פאַר אלול, פאַר די גאָטספאָרכטיגע טעג, פלעגט האָט דער אַלטער ר׳ חיים שמשון, דער ערשטער משמש פון אַלטען ז״ל אַדורכגעזעהן די ספרים, די מזוזות, דאָס בית־המדרש, די מקוה, געפּרובט אויך דעם שופר... מיט אײן וואָרט, מ׳האָט זיך שוין אָנגעהויבען מכין זײן, אָנגרײטען כוחות צו דער סטרא אחרא וכת שלה...

אַז ר׳ אשר האָט אָנגעשריבען אַ קוויטעל און אַרײנגעגאַנגען צום אַלטען ז״ל, האָט ער איהם געהײסען קומען אין זײן בית־המדרש צו מנחה־מעריב, און אַז ער זאָל אויך מיטברענגען דאָס מײדעל, און זי אַרײנלאָזען אין עזרת נשים.

דאָס מאָל האָט דער אַלטער ז״ל אַלײן געדאַווענט פאַר׳ן עמוד, דאָס מײדעל האָט מען אָפּגעשלאָסען אין דער עזרת נשים, און באַלד ווי דער אַלטער האָט נאָר אָנגעהויבען דאַווענען, האָט זיך פּלוצלונג געהערט אַ שרעקליך בילען פון אַ הונד, אַזוי שטאַרק, אַז דער גאַנצער עולם איז ממש דערשראָקען געוואָרען. אַזוי האָט עס אָנגעהאַלטען ביז ערב ראש חודש אלול. יעדען פאַרנאַכט האָט מען זי געבראַכט אין בית־המדרש אַרײן, דאָרט זי אָפּגעשלאָסען ביז איבער מנחה־מעריב, און זי האָט געמאַכט אַזעלכע גוואַלדען, אַז דער עולם האָט קוים געקאָנט דערזײן אין בית־המדרש.

די נאַכט פון ראש חודש האָט דער אַלטער ז״ל גע־

הײסען, אַז זי זאָל בלײַבען דאָרט אָפּגעשלאָסען די גאַנצע נאַכט. שפּעט אין דער נאַכט איז דער אַלטער מיט זײַנע מקורבים און שמשים אַרײַן, און דאָ האָט זיך ערשט אָנגעהויבען די רעכטע אַרבײט. דער אַלטער ז״ל האָט זיך אַנידערגעשטעלט בײַ דער וואַנד, וואָס געהט אַרײַן אין דער עזרת־נשים, אַרײַנגעקלאַפּט עטליכע מאָל מיט'ן שטעקען און געפרעגט: זאָג, ווי הײסטו?. עטליכע מינוט איז געווען שטיל, דאָ האָט דער אַלטער אַ געשרײַ געגעבען: „איך בין אויף דיר גוזר, אַז דו זאָלסט אָנרופען דײַן נאָמען!...״ אָנשטאָט אַ ענטפער האָט זיך אָבער געהערט אַ שטאַרקער ביל. דער אַלטער ז״ל האָט געהײסען אָנצינדען אַלע לאָמפּען און זיך אַװעקגעשטעלט פאַר'ן עמוד, אין װעלכען מען האָט אַרײַנגעשטעלט גרויסע ליכט, און האָט אָנגעהויבען זאָגען תהלים, אָבער באַלד בײַם ערשטען פּסוק זענען די ליכט און די לאָמפּען פערלאָשען געוואָרען. די מקורבים האָבען זיך זעהר שטאַרק דערשראָקען, אויך די משמשים זענען געבליבען שטעהן דערשראָקענע, דאָ האָט אָבער דער אַלטער ז״ל אַ שטאַרקען געשרײַ געגעבען „אלי, אלי למה עזבתני״ און באַלד איז צוריק ליכטיג געוואָרען...

אַז אין בית־המדרש איז צוריק ליכטיג געוואָרען, האָט דער אַלטער געהײסען צורוקען אַ טיש צו דער וואַנד פון דער עזרת־נשים, אַרויפלעגען אויף איהם פיל ספרים, ווי אויך זײַן טלית, שטעקען, פּאַטשײלע, און געזאָגט: „הער אוים קליפּה! איך גיב דיר נאָך צײַט ביז אין דער פריה, און קוים וועסטו ביז אין דער פריה נישט אַרויסגעהן פון דער בתולה, וועל איך זעצען אַ בית־דין און מ'וועט דיך מחרים זײַן פון בײדע וועלטען... געהסטו אָבער אַרויס מיט גוטען, וועל איך זעהן, אַז דו זאָלסט האָבען אַ תיקון... זאָלסט מיר אָבער שוין זאָגען ווי דו הײסט, כּדי איך זאָל קאָנען פאַר דיר געפינען ביז אין דער פריה אַ שטיקעל מקום מנוחה...״ דאָ האָט זיך ווידער דערהערט אַ שטאַרקער ביל, וואָס האָט זיך איבער'חזר'ט

עפּליכע מאָל, אַזוי אַז די שויבען פון גאַנצען בית־המדרש האָבען אויפגעציטערט.

— חיים שמשון! — האָט דער אלטער ז״ל פלוצלונג אַ געשריי געגעבען — ברענג אַרײַן דעם שופר!..

פערשטעהט זיך, אַז חיים שמשון האָט באַלד אַרײַנגע־בראַכט דעם שופר און דער אַלטער האָט איהם אַװעקגעלעגט אויף זײַן טלית אויפ׳ן טיש, און געזאָגט: — דו קאָנסט שוין איצט זײַן זיכער, אַז קוים געהסטו ניט אַרוים ביז אין דער פריה, מאַכסטו דיר פיל ערגער, און איצט, חיים שמשון, מאַך אויף אַ לופטשיק, דער גאַנצער עולם זאָל אַרויסגײן און נאָכדעם זאָלסטו גוט פערמאַכען די טהיר.

אַזוי ווי גאַנץ סאָכאַטשאָוו האָט געוואוסט פון דער מעשה איז אַ גאַנצע נאַכט זעהר אַ גרויסער עולם געשטאַנען אַרום דעם אַלטען׳ס בית־המדרש, איבריגענס האָט מען סײַ ווי סײַ נישט געקאָנט שלאָפען, ווײַל אַ גאַנצע נאַכט האָט זיך געהערט אַזאַ שטאַרק בילערײַ, פונקט ווי אַלע הינד פון גאַנץ סאָכאַטשאָוו וואָלטען זיך אויף אַמאָל צובילט.

אין דער פריה איז דער אַלטער ז״ל אַוועק אין מקוה, און שפּעטער ווידער גענומען די משמשים און די מקורבים און מיט זיי אַרײַן אין בית־המדרש.

— נו, — האָט דער אַלטער געפרעגט -- דו ווילסט מאַקע נישט אַרויסגעהן, האַ?.. וועל איך דיר ווײַזען, אַז דו וועסט באַלד מוזען אַרויסגעהן. חיים שמשון! מאַך אויף דעם ארון הקודש, און גיב מיר אַהער דעם טלית מיט׳ן שופר!..

חיים שמשון האָט אויפגעמאַכט דעם אָרון הקודש און צוגעגאַנגען צום טיש נעמען דעם טלית מיט׳ן שופר, דאָ איז ער אָבער אַ דערשראָקענער אָפּגעשפּרונגען צוריק, וואָרום ער האָט ניט געפונען דעם שופר, וואָס פלעגט שטענדיג דאָ ליגען. די מקורבים האָבען באַלד אָנגעהויבען זוכען, מ׳האָט איבער־געדרעהט דאָס גאַנצע בית־המדרש, דער שופר איז אָבער נישט

געפונען געװאָרען, פערפאַלען װי אין װאַסער אַרײַן.

— דו זאָלסט אַריבערװאַרפען דעם שופר! —, האָט דער אַלטער אָנגעהויבען שרײַען —, און װעסטו איהם אַריבערװאַרפען מיט גוטען, זאָג איך דיר צו אַ תיקון, קוים ניִשט, שװער איך, אַז דו װעסט קײַן תיקון ניִשט האָבען און דעם שופר װעסטו מוזען צוריקגעבען...

פון דער עזרת נשים איז אָבער קײַן ענטפער ניִשט געקומען.

— צום צװײטען מאָל זאָג איך דיר, אַז דו זאָלסט אַריבערװאַרפען דעם שופר! — האָט דער אַלטער ז״ל װידער אַ געשרײ געגעבען. זײַן פּנים איז זעהר בלאַס געװאָרען, אזוי אַז אפילו די מקורבים און שמשים האָבען געציטערט אויף איהם אַ קוק צו געבען... אָבער װידער איז פון עזרת־נשים קײַן ענטפער ניִשט געקומען. דאָ האָט דער אַלטער ז״ל אַ געשרײ געגעבען: „חיים שמשון! נאַ דיר מײַן גאַרטעל, געה אַרײַן און בינד איהם, און ברענג איהם דאָ אַרײַן”... חיים שמשון האָט גענומען דעם גאַרטעל און װי ער האָט געװאָלט אַרויסגעהן פון בית־המדרש, האָט זיך פּלוצלונג געהערט אַ הײזעריג קול פון אַ „תקיעה”, װאָס איז געקומען פון די אינערליכע חדרים.

באַלד האָט זיך דערהערט אַ זעהר שטאַרקער ביל, דאָס בית־המדרש האָט ממש אויפגעטרײסעלט, עטליכע שויבען זענען געפּלאַצט און צושאָטען זיך אויף שטיקלעך, און ס׳האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ פון אַ מענש, װאָס איז אומגעפאַלען אויף דער ערד...

אַז מ׳האָט גענומען זוכען האָט מען געפונען דעם אַלטען ז״ל׳ס זוהן, װאָס איז דעמאָלט אַלט געװען עלף יאָהר, זיצען אין זײַן חדר מיט׳ן שופר אין האַנד. דער אַלטער ז״ל האָט קײַן װאָרט ניִשט גערעדט, ער האָט שוין פערשטאַנען, אַז דאָס האָט מען פון הימעל ניִשט געװאָלט, אַז ער זאָל דעם דבוק מנצח זײַן, נאָר זײַן זוהן..

ער האָט אויך שוין פערשטאַנען, אַז דאָס האָט מען איהם אַ וואונק געגעבען פון אויבען, אַז דאָס רבנות צוזאַמען מיט זײַן כּח וועט בקרוב איבערגעהן צום זוהן, וואָס האָט איהם זעהר געפרעהט, זעהענדיג בײַ זײַן לעבען דעם גרויסען כּח פון זײַן קלײַנעם זוהן...

פערשטעהט זיך, אַז ר׳ אשר איז אַהײַמגעפאָרען מיט זײַן טאָכטער געזונד און פריש, פונקט ווי קײַן מאָל גאָר נישט, און דער אַלטער ז״ל איז טאַקע אין זעלבען יאָהר נפטר געוואָרען, און דאָס רבנות איז איבערגעגאַנגען צום קלײַנעם עלף־יעהריגען זוהן, וואָס, ווי ס׳איז בעוואוסט אין דער חסידישער וועלט, איז ער פיל ווײַטער אַוועק פון אַלטען ז״ל, דעם פאָטער זײַנעם...

אַפּגעראַטעוועט אַ שטעטל.

כּמעט אַ גאַנצע נאַכט האָט מען געהערט דאָס דונערן פון האַרמאַטן און ביקסען פון יענער זייט שטעטל, וואָס דער שונא האָט דורכאויס געוואָלט בעזעצען.

איך בין דעמאָלט גראָד געווען אין ד. געדאַרפט זיין ביים „אַלטען”! צוליב דער שלעכטער לאַגע אין דער גאַנצער סביבה האָבען זיך אין ד. גראָד דעמאָלס געפונען זעהר אַ גרויסע צאָל יודען פון די אַרומיגע שטעטלעך, און ס׳פערשטעט זיך, אַז כמעט אַלע זענען געווען פערזאַמעלט אין אַלטען׳ס בית המדרש, וואו מ׳האָט אַ גאַנצע נאַכט געזאָגט תהלים, אַז אונזערע זאָלען מנצח זיין,

פאַרטאָגס, כּאור הבוקר, זענען נאָך אָנגעקומען די איבע־ריגע יודען פון שטעטל, וואָס האָבען ביינאַכט מורא געהאַט אַרויסצוגעהן פון זייערע הייזער. דער בית־המדרש איז געוואָרען צו קליין. דער עולם האָט זיך פערזאַמעלט אויפ׳ן הויף, זיך געטיילט אין צוויי כּיתות, איינע אין בית־המדרש און איינע אויפ׳ן הויף. ביידע אָבער האָבען געהאַלטען אין איין זאָגען תהלים אַ קפּיטעל נאָך אַ קאַפּיטעל, אַ יום נאָך אַ יום, גע־האַלטען אין איין בעטען, אַז דער שונא זאָל צושלאָגען ווערן, און אַז אונזערע זאָלען אָבהאַלטען אַ נצחון.

אַזוי האָט עס אָנגעהאַלטען ביז׳ן גרויסען טאָג אַריין. דאָס דונערן און שיסען איז געוואָרען כּסדר אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. טרויעריגע ידיעות זענען אָנגעקומען אין שטעטל. מ׳האָט געהאַלטען אין איין ריידען, אַז אויב אונזערע וועלען

נישט בעקומען נײַע פערשטאַרקונגען װעלען זײ נישט בכח זײַן ביז מיטאָג דאָס שטעטל צו דערהאַלטען. דער שונא איז זעהר שטאַרק, ער האָט זעהר אַ גרױסע איבערװאָג אין מענשען, און רוקט זיך פון מינוט צו מינוט אַלץ נעהנטער צו צום שטעטל.

אַ זײַגער נײַן אין דער פריה, האָבען מיר פּלוצלונג דערזעהן װי אונזער מיליטער הױבט זיך אָן צוריקצוציהען פון שטעטל. ס׳קאָן זיך פאָרשטעלען אונזער שרעק און אימה, אַרײַנצופאַלען צום שונא, הײַסט דאָך אַ זיכערער טױט! דאָס פערהאַלטען זיך פון שונא צו יודען, איז שױן געװען בעקאַנט פון די אַנדערע שטעטלעך, װאָס דעם שונא איז געלונגען אײַנצונעהמען.

מיר זענען אַלע אַרומגעלאָפען װי משוגע, נישט געװאוסט װאָס צו טון: בלײַבען אָדער אװעקלױפען צוזאַמען מיט׳ן מיליטער אין נאָהנטסטען שטעטל אַרײַן.

דאָ איז דער אַלטער אַרױס פון זײַן חדר מיוחד, און אַ געשרײַ געגעבען: יודען אין בית המדרש אַרײַן! דער עולם האָט עפּעס װי אױפגעלעבט, זעהענדיג דעם אַלטען און גלײַך זענען אַלע צוריק אַרײַן אין בית־המדרש.

— טוט אָן די טליתים! — האָט דער אַלטער װײַטער געשריגען. ס׳פערשטעהט זיך אַז עס האָט קײַן מינוט נישט געדױערט און אַלע זענען מיר געשטאַנען אין די טליתים. דאָ האָט דער אַלטער געהײסען עפענען דעם ארון קודש, און אַלײן זיך אװעקגעשטעלט בײַם עמוד.

— דאָס מלכות איז אין געפאַר! — האָט דער אַלטער געזאָגט—, און מיר װעלען מקוים זײַן דעם פסוק: „הוה מתפלל בשלומה של מלכות!״..

ס׳פערשטעהט זיך, אַז דאָס תהלים־זאָגען איז איצט געגאַנגען גאָר אױף אַנ׳אַנדערן דרך. עפּעס איז יעדען לײַכטער געװאָרען אױפ׳ן האַרץ.

דער אַלטער האָט נישט געזאָגט אַ קאַפּיטעל נאָך אַ קאַפּיטעל, נאָר געכאַפּט פֿערשידענע קאַפּיטלעך, פֿערשידענע פּסוקים. ביים פּסוק — „למה ד' תעמוד מרחוק, תעלים לעתות בצרה" האָט יעדער מענש דערפילט ווי אַ שוידער וואָלט איהם דורך דורכ'ן לייב.

מיר האָבען אַזוי אָבגעזאָגט אַ היבש ביסעל קאַפּיטלעך, דער זייגער האָט שוין געקאָנט זיין אַרום האַלב עלף, ווען די שיסעריי האָט פּלוצלונג נאָכגעלאָזען.

מיר האָבען געמיינט, אַז עס איז שוין געקומען די ישועה. דער עולם האָט לייכטער אָבגעאָטעמט, עטליכע האָבען זיך אַרויסגעכאַפּט אויפ'ן גאַס, אַ קוק געבען וואָס הערט זיך. באַלד האָט זיך אַרויסגעוויזען אונזער טעות. די שיסעריי האָט נאָר אויפגעהערט אויף אַ קורצע ווייַלע, און באַלד האָט זי זיך ווידער אָנגעהויבען נאָך מיט אַ פּיל שטאַרקערע קראַפט ווי פריהער. ס'איז געווען קענטיג, אַז דער שונא איז שוין האַרט ביים עק פון שטעטל.

דעם אַלטענ'ס „הויף" איז גראָד געשטאַנען ביים עק שטעטל, וואו אַ שמאָלער טייך טיילט אָב דאָס שטעטל פון וואַלד. דאָס בריקעל אויפ'ן טייך איז שוין נישט געווען, און מיר האָבען פערשטאַנען, אַז דער שונא שטעהט שוין ביים טייך. און אַז אָט איז ער אין שטעטל. די קוילען זענען געפלויגען צו אונז ווי האָגעל. מיר האָבען דייטליך געהערט ווי עטליכע קוילען האָבען זיך אָנגעשלאָגען אין דעם דאַך פון בית המדרש. עס איז געוואָרען צווישען אונז זעהר אַ גרויסע בהלה. די קולות פון די ווייבער, וואָס זענען זיך אַלע צוזאַמענגעלאָפען אין עזרת נשים, זענען געגאַנגען עד לב השמים. מיר האָבען בחוש געזעהן, אַז עס וועט נישט בלייבען פון אונז, ווי אויך פון בית־המדרש און פון גאַנצען הויף קיין שריד ופליט... דערצו האָט זיך נאָך אונזער שרעק פערשטאַרקט צוליב דעם, וואָס צוויי הייזער האַרט ביים הויף האָבען אָנגעהויבען ברענען...

און דער אַלטער שטעהט רוהיג די גאַנצע צייט ביים עמוד, און זאָגט פּסוק נאָך פּסוק: „אם תחנה עלי מחנה לא יירא לבי,

אם תקום עלי מלחמה בזאת אני בוטח!"... און דאַן אַ צווייטען פּסוק — "קומה ד' אל נשא ידך!", "אל תסתר פּניך!" — דאָ האָט אָבער פּלוצלונג געטראָפען אַ קויל אין דעם דאַך פון עזרת נשים און האָט אַ יונגע פרוי אַוועקגעלעגט אויפ'ן אָרט אַ טויטע.

פערשטעהט זיך, אַז די גוואַלדען מיט די געשרייען זענען געוואָרען שרעקליך. דער אַלטער האָט געהייסען אַרויסנעמען די ספרים. דאַן האָט ער געהייסען כּסדר שרייען "שמע ישראל" "ד' הוא האלקים" און צום סוף האָט ער אַליין אַ געשריי געגעבען: רבונו של עולם הושיעה את עמך! מיט אַזאַ כח, אַז נישט בלויז מיר אַלע, נאָר דער גאַנצער בית המדרש האָט זיך ממש גע-טראָגען אין די לופטען...

און דאָ איז באמת געשעהן אַ וואונדער, די שיסערייַ האָט נאָר פּלוצלונג אויפגעהערט, באַלד האָבען מיר אויך דערהערט געשרייען: אונזער מיליטער קומט! עס איז טאַקע אָנגעקומען אַ גרויסע פערשטאַרקונג פון אונזער מיליטער. ס'פערשטעהט זיך, אַז דער גאַנצער עולם איז געוואָרען לעבעדיג, ממש ווי ניי גע-בוירען, מיר זענען אַלע אַרויס אַקעגען דעם מיליטער מיט די ספרים אין די הענד, מיטגעגאַנגען מיט זיי ביז צום טייַך, וואו אונזער מיליטער האָט אָבגעהאַלטען נאָר אַ גרויסען נצחון. און מיר — מיר זענען צוריקגעגאַנגען אַלע מיט געזאַנג און טענץ אין שטעטל אַריין...

— איייביג — האָט דער אַלטער חסיד, וואָס האָט דער-צעהלט די דאָזיגע געשיכטע, פערענדיגט—, וועל איך דעם טאָג געדענקען און דאָס איז דאָך קלאָר אַז ווען נישט דער אַלטער, וואָס האָט אויפגעהאַלטען דעם שונא, וואָלט פון גאַנצען שטעטל זיכער געוואָרען אַ תל עולם!..

ר׳ יעֶקעֶל דעֶר ישוּב׳ניק.

אין דעֶם דאָרף נ., נישט ווייט פון שטעֶטל אַלעֶקסאַנדרעֶר, האָט פון כמה יאָהרעֶן אָן געֶוואוינט אַ יוד מיט׳ן נאָמעֶן ר׳ יעֶקיל. עֶר איז געֶוועֶן אַ פּשוט׳עֶר יוד ווי אַלעֶ דאָרפישעֶ יודעֶן. נישט געֶוועֶן קיין צוגרויסעֶר לעֶרנעֶר, נישט געֶהאַט קיין שטאַרקעֶ ידיעה אין די דראָבנעֶ אותיות׳לעֶך, געֶלעֶבט זיך פראָסט, פּשוט, וואָס עֶר האָט געֶקעֶנט, דאָס האָט עֶר אָבגעֶהיטעֶן, דאָס האָט עֶר געֶהאלטעֶן.

געֶלעֶבט האָט עֶר פון דעֶר פּאַכט, וואָס עֶר האָט געֶהאלטעֶן ביי׳ם דאָרטיגעֶן פּריץ אַ ריי׳ה פון יאָהרעֶן. דעֶר פּריץ איז פון אים צופרידעֶן געֶוועֶן, עֶר פלעֶגט אַמאָל צו איהם אַריינגעֶהן און ר׳ יעֶקיל פלעֶגט אויך אָפט קומעֶן צום פּריץ. איינעֶר איז געֶוועֶן צופרידעֶן פון אַנדעֶרן, אַזוי אַז זיי האָבעֶן געֶלעֶבט צווישעֶן זיך בשלום.

פון קיין חסידים און רביים האָט פעֶרשטעֶהט זיך ר׳ יעֶקיל נישט געֶוואוסט. ווען די דורכפאָרעֶנדעֶ יודעֶן, וואָס פלעֶגעֶן אַמאָל אַריין געֶהן צו איהם זיך אָברוהעֶן, פלעֶגעֶן אַמאָל אָנהויבעֶן רעֶדעֶן וועֶגעֶן חסידים און רביים, פלעֶגט ר׳ יעֶקיל אויפשטעֶלעֶן מויל און אויעֶרעֶן. זיין פּראָסטעֶר מגושים׳דיגעֶר שכל האָט עֶס גאָר נישט געֶקעֶנט משיג זיין וועֶר אין וואָס דעֶר „רבי״ איז אַזעֶלכעֶס? ווי אַזוי עֶר קעֶן טרעֶפעֶן, וואָס שפּעֶטעֶר וועֶט זיין? אַז עֶר זאָל גאָר האָבעֶן אין הימעֶל אַ דעה א. ג. וו. טיף אין הארצעֶן האָט ר׳ יעֶקיל אָבעֶר דעֶרפילט אַ שטאַרקעֶן דרך ארץ, אַ גאָר גרויסעֶר מורא פאַר׳ן „רבין״ און אויך פאַר זיינעֶ חסידים!..

נאָך וואָס צו פאָהרען צו אַ רבי'ן האָט ר' יעקיל נישט געהאַט. אַ ווײַב האָט ער געהאַט אַ געזינטע, קינדערלעך אויך ב"ה געזונד, פרנסה אויפן דאָרף איז פאַרהאַן, ער איז געזונט, הײַנט וואָס-זשע זאָל ער דעם רבי'ן זאָגען? וואָס זאָל ער בײַ איהם בעטען? גלאַט אַזוי צו אַ רבי'ן ווײַטט ער פאָהרט מען נישט. עפּעס מוז מען דאָך איהם בעטען. אײנער בעט קינדער אַ צווײטער פרנסה, אַ דריטער געזונד. ער וועט דאָך נישט פאָה-רען זיך אַוועקשטעלען, אָנקוקען דעם רבי'ן ווי אַ לײמענער גולם?!..

צו זעהען אַ רבי'ן און צו רעדען מיט איהם, דאָס האָט שוין ר' יעקיל פון לאַנג געוואָלט. און עס פערדריסט איהם טאַקע, פאַר וואָס אַלע זענען בײַ איהם געזונד, אַפילו די פערד, און די בהמות זענען אויך געזונד!... וועגען פערד און בהמות איז ער אַפילו נים אַזוי זיכער, צי מען דאָרף פאָהרען צו אַ רבי'ן... אָבער דאָך, טראַכט ער, ווען עס וואָלט זיך איהם געמאַכט עפּעס אַ צופאַל וואָלט ער נישט געקוקט און וואָלט געפאָהרען.

אַז מען בעט—דערבעט מען זיך, זאָגט די וועלט אַ ווערטעל און ר' יעקיל האָט זיך טאַקע אויך דערבעטען. גאָר פּלוצלונג זענען בײַ איהם קראַנק געוואָרען אַ פּאָר פערד, און עטלעכע קוה, אײנע איז שוין אַפילו געהאַט גע'פגר'ט. ר' יעקיל האָט גלײַך אײַנגע-שפּאַנט די בריטשקע, און איז אַריבערגעפאָהרען קײן אַלעקסאַנדער.

דער אַלטער אַלעקסאַנדער ז"ל. דער רבי ר' העניך'ל האָט דעמאָלס זעהר אַ ברײטען נאָמען געהאַט. ר' יעקיל האָט פון איהם פיל געהערט רעדען פון די דורכפאָהרענדע יודען, זיך אָנגעהערט פון איהם פערשידענע מעשיות. אַרײַנקומענ-דיג צום רבי'ן, האָט זיך ר' יעקיל אַזוי דערשראָקען, אַז הענד און פיס האָבען איהם גענומען ציטערען, אַזוי אַז ער האָט קײן וואָרט נישט געקענט אַרויסרעדען...

— נו, וואָס איז דײַן בקשה? — האָט איהם דער רבי ר' העניכ'ל געפרעגט, זעהענדיג אָבער, ווי שטאַרק ער איז דער-

שראָקען, האָט ער מיט אַ שמײכעל צוגעגעבען — אַ זוהן, װען ער װיל עפּעס בעטען בײַם טאַטען — דאַרף ניש אַזױ מורא האָבען.. דאַרף זיך נישט אַזױ שרעקען...

ר׳ יעקעל האָט זיך אַ ביסעל בערוהיגט. און אַ זאָג געגעבען — רבי! הײליגער רבי! בײַ מיר זענען פערד קראַנק, בהימות קראַנק, אײנע איז שױן געגאַנגען.. און איך װײס נישט װאָס מ׳טהוט?..

דער רבי ר׳ העניעכ׳ל האָט זיך אַ ביסעל פערטראַכט, דאַן אַ פרעג געגעבען — װאָס טהוסטו באַלד אין דער פריה?

ר׳ יעקיל האָט זיך װידער שטאַרק דערשראָקען און נישט געענטפערט.

שעהם זיך נישט — האָט איהם דער רבי ר׳ העניעכ׳ל געזאָגט, דערצעהל מיר אַלץ, דײַן גאַנץ פיהרונג, איבערהױפּט טאַקי װי דו ביזט זיך נוהג באַלד אין דער פריה?...

אַזױ װי איך שטעה אױף, האָט ר׳ יעקיל געענטפערט, אַזױ גיב איך גלײַך די פערד און די בהמות צו עסען דאַן װאַש איך מיך, דאַװען, עס אָנבײַסען און פאָהר אַרײַן אין שטעדטעל אַרײַן מיט׳ן מילכיגס, דאַן צום פריץ, שפּעטער אױפ׳ן פעלד...

אַלץ ריכטיג, האָט זיך דער רבי ר׳ העניעכ׳ל צו איהם אָנגערופען. פאַרװאָס אָבער װאַשט דו דיך נישט פריהער, אײדער דו גיסט די פערד און בהמות צו עסען? אַ מענש װען ער שלאָפט, איז ער לױיטע־ טומאה! און טומאה ברענגט קראַנקהײטען, דעם טױט! פערשטעהסט, יעקעל? אַ מענש, װען ער הױבט זיך אױף איז דאָס ערשטע — װאַשען! אָבװאַשען פון זיך די טומאה!.. און אַ צינד פאָהר אַהײם, דײַנע פערד און בהמות װעלען שױן געזונד װערען.

און כך הוה, אַזױ איז געװען. בײַ ר׳ יעקלען זענען מעהר קײן פערד און בהמות נישט קראַנק געװאָרען און די, װעלכע זענען קראַנק געװען, זענען אױך געזונד געװאָרען.

מאכט זיך אמאל א מעשה, און צום פריץ אין הויף קומט אן אנייער פערוואלטער ער איז געווען אגרויסער המן, אצורר יהודים! ער האט ר׳ יעקלען פשוט דעם טויט געמאכט, געהאלטען אויף איהם בײם פריץ אין איין אויסרעדען און דורכאויס געוואלט, אז דער פריץ זאל ביי איהם אוועקנעהמען די פאכט און זי אוועקגעבען צו זײנעם אקרוב. ס׳פערשטעהט זיך, אז ר׳ יעקעל האט זיך נישט געלאזט, האט יעדעס מאל געהעכערט דעם פרייז, געגעבען דעם פריץ אנגעדאפלטען מעשר, געברענגט פאר׳ן פריצ׳ס קינדערלעך שעהנע מתנות פון שטאדט. איז אבער דער פריץ אמאל אוועקגעפאהרען, דא האט דער פערוואלטער געשיקט נאך ר׳ יעקלען און איהם מודיע געווען, אז ער האט די פאכט אנ׳אנדערען פערדונגען און אז אין משך פון זעקס טעג, מוז ער ארויס פון דארף. ווען נישט וועט איהם דער נייער פאכטער מיט שטעקענס ארויסיאגען.

דא איז ר׳ יעקעל ווידער אריבערגעפאהרען צום רבי׳ן ר׳ העניכ׳ל און דערצעהלט איהם די גאנצע מעשה, אז אין זעקס טעג ארום וויל מען איהם ארויסווארפען פון דארף, וואו ער וועט בלייבען אהן פרנסה מיט אווייב און קינדער...

דער רבי ר׳ העניכ׳ל האט זיך אביסעל פערטראכט, דאן האט ער אזאג געגעבען: יעקעל, יעקעל! דו האסט דאך עפעס גאר קיין בטחון נישט! בערעכען נאר, אין זעקס טאג האט גאט ברוך הוא בעשאפען די גאנצע וועלט—,וועט ער נישט קענען אין זעקס טעג שאפען פרנסה פאר איין יוד? פאהר אהיים, און איך בין דיר מבטיח, אז די וועסט אהן פרנסה נישט בלייבען.

אויפ׳ן פינפטען טאג, פארנאכט, ווען דער פערוואלטער איז מיט׳ן פריצ׳ס אמיידעלע אהיימפאהרענדיג פון פעלד פארבייגעריטען פאר ר׳ יעקעל׳ס הייזעל, האט זיך פלוצלינג דאס פערד אויפגעשטעלט אויף די פאדערשטע צוויי פיס און אריבערגעווארפען דעם פערוואלטער מיט אזא קראפט, אז ער האט זיך צוקלאפט דעם גאנצען שארבען און געבליבען ליגען טויט אויפ׳ן ארט.

דאָס מײדעלע איז אויך אַראָבגעפאַלען, האָט זיך אָבער גאָרניט געטהון, נאָר פאַר שרעק איז זי געבליבען ליגען אַ פער'חלש'טע.

ר' יעקעל האָט זי גלײַך אַרײַנגענומען אין שטוב אַרײַן. גלײַך זי אָבגעמונטערט, אַרומגעוואַשען און צוריק אָבגעפיהרט צו דער פריצה אין הויף אַרײַן.

שפּעטער, אַז דער פּריץ איז אַהײמגעקומען און געהערט די גאַנצע מעשה, האָט ער געשיקט נאָך ר' יעקלען, וועלכער האָט איהם ערשט אויפּסנײַ געמוזט דערצעהלען די גאַנצע מעשה פון „א" ביז „ת"...

דער פּריץ האָט גלײַך געהײסען שפּאַנען די ברישקע און ער מיט ר' יעקלען זענען גלײַך אַהינגעפאָהרען צום רבי'ן ר' העשעל'ע, וואו דער פּריץ האָט דעם רבי'ן זעהר געדאַנקט און איהם איבערלאָזט זײַן נײַע זילבערנע טאַבאַק-פּושקעלע, וואָס ער האָט זיך נאָך געקויפט אין אויסלאַנד דערפאַר, וואָס זײַן מײדעלע איז ניצל געוואָרען פון טויט.

ר' יעקעל איז נאָך שפּעטער געוואָרען הויפּט-פאַרוואַלטער איבער'ן גאַנצען הויף און איבער אַלע זײַנע גיטער...

ס'פערשטעהט זיך, אַז די דאָזיגע מעשה האָט געמאַכט אַ רעש אין אַלע אַלעקסאַנדער „שטיבלעך" און נאָך ביז'ן הײַנטיגען טאָג ווערט זי אָפט דערצעהלט דורך די אַלטע „אַלעקסאַנדער" חסידים !...

די מלחמה.

אין פּשעדבאָזשער הויף איז געווען אַן אַלטער מנהג, אַז שבּת צו נאַכט צו די ערשטע סליחות, פלעגט זיך דער גאַנצער עולם צוזאַמענקומען אין רבינ׳ס גרויסען בית־המדרש און דער־צעהלען מעשה׳לעך פון די שטענדיגע מלחמות, וואָס דער אַלטער פלעגט תמיד פיהרען מיט די של״ר (שרים, לצים רוחות) און מיט דער גאַנצע סטרא אחרא ר״ל.

ס׳רוב פלעגען דערצעהלען אַזעלכע מעשה׳לעך די גבאים אָדער שמשים. באַלד נאָך מעריב פלעגט זיך דער גרויסער עולם אַוועק זעצען אַרום די גרויסע טישען, אויף די לאַנגע ווייסע בענק. דער אַלטער אַליין איז גלייך נאָך דער הבדלה אַריין אין זיין חדר מיוחד אָבגעהאַלטען דאָרט התבודדות זיך מכין זיין צו די סליחות... די גבאים און שמשים האָבען צייט געהאַט וואָרום שטערען דעם אַלטען האָט מען נישט געטאָרט קיינער אפילו די נאָהנטסטע מקורבים, זענען דאַן צום רבי׳ן ניט אַריינגעלאָזט געוואָרען.

איינמאָל — דאָס איז געווען אַ וואָך פאַר סליחות — האָט דאָס גאַנצע שטעדטיל געקאָכט מיט׳ן פרישען נצחון, וואָס דער אַלטער האָט אין דער זעלבער וואָך אָבגעהאַלטען איבער אַ גאַנצער חברה פון די של״ר.

און געווען איז דאָס אַזוי:

— דאָס וואַסער פון טייך אַרום פּשעדבאָרזש, איז גאָר פלוצלונג זעהר שטאַרק געזאַלצען און ביטער געוואָרען. אַזוי, אַז עס איז אונמעגליך געווען עס צו נוצען. ביינאַכט האָבען זיך

אויך געהערט פון טײַך קולות און געלעכטערס, דער גאַנצער טײל פון שטאָט, וואָס געהט אַרויס צום טײַך צו, האָט בײַנאַכט נישט געקענט שלאָפען און איבערגעלעבט בכלל זעהר פיל שרעק. דאָס שטעטל האָט דעם אַלטען נישט צו רוה געלאָזט, עס איז אויך געוואָרען אַ שטאַרקער דוחק אין וואַסער. דאָ האָט דער אַלטער געהייסען אויפקאָכען זעקס גרויסע קעסלען וואַסער האָט אין יעדען קעסעל אַרײַנגעשאָטען אַביסעל אַש פון זײַן לולקע... נאָך מנחה מעריב גענומען די שמשים און גבאים און אַרויס צום טײַך און אַלע זעקס קעסלען וואַסער אַרײַנגעגאָסען אײנעם נאָכ'ן אַנדערען אין טײַך אַרײַן, דערבײַ האָט ער אַרײַנגעוואָרפען עטליכע געווירצליך פון זײַן „בשמים־ביקס", איבער וועלכען ער מאַכט הבדלה... באַלד טאַקי איז דאָס וואַסער צוריק גוט געוואָרען און די קולות מיט דעם געלעכטער האָבען זיך שוין מעהר נישט געהערט.

ס'פערשטעהט זיך, אַז מ'האָט די גאַנצע וואָך געהאַלטען אין אײן רעדען פון דעם דאָזיגען נצחון.

שבת צונאַכט, צו די ערשטע סליחות נאָך הבדלה, ווען דער אַלטער איז אַרײַן אין זײַן חדר מיוחד, כדי דאָרט אָבצוהאַלטען זײַן התבודדות פאַר די סליחות אַזוי ווי תמיד, איז אין בית־המדרש ווי שטענדיג דערווײַל אָנגעקומען זעהר אַ גרויסער עולם, און בעת דער עולם האָט זיך געקאָכט וועגען אָט דער מעשה, האָט זיך פלוצלונג אָנגערופען דער אַלטער ר' אהרן הענעך: וואָס חידוש'ט איהר זיך אַזוי? אָט וועל איך אײַך דערצעהלען אַ גרעסערען מופת, וואָס דער אַלטער האָט אַמאָל בעוויזען געגען אָט דער חברה, איך האָב עס אַליין בײַ־געוואוינט, מיט מײַנע אײגענע אויגען געזעהן...

דער עולם איז שטיל געוואָרען, דער אַלטער ר' אהרן הענעך איז געווען דער ערשטער גבאי זינט דער אַלטער האָט איבערגענומען דעם כסא־רבנות און יעדער האָט געוואוסט, אַז ער ווייסט אַ סך, אַז דער אַלטער מאַכט כמעט נישט קײן שריט

אָהן איהם, און אַז דער אַלטער ר׳ אהרן העניך געהט שוין עפּים דערצעלען, אַזוי איז עס שוין אַוודאי זעהר וויכטיג.

ווען דער גאַנצער עולם האָט זיך שוין געהאַט אַרומגעזעצט אַרום די טישען און עס איז געוואָרען שטיל, האָט ר׳ אהרן העניך אָנגעהויבען צו דערצעהלען פאָלגענדע מעשה:

עס איז געוועזען בייַ אונז אַ חסיד משה אָזערקאָווער. (ער איז שוין הייַנט אויף דעם עולם האמת) געוועזען זעהר אַגרויסער למדן, אַ אמת׳ער ירא־שמים, ער איז אָבער געוועזען זעהר אַ גרויסער אָרימאַן. אייַנמאָל דאָס איז געוועזען אַ צוויי וואָכען פאַר די סליחות זאָגט צו איהם דער רבי: שוין צייַט משה זאָלסט ווערען אַביסעל אויפגעריכט. ניט ווייַט פון דיר איז דאָרט דאָ אַ דאָרף, פאָהר גלייַך מאָרגען אַהין צום פריץ און ער וועט דיר פערדינגען אַ קרעטשמע און איך בין דיר מבטיח, אַז פון הייַנט אָן וועסטו האָבען פרנסה בריות. דער רבי האָט איהם נאָך געגעבען אויף הוצאות און באַלד צומאָרגענס איז דער משה אָזערקאָווער אַוועקגעפאָהרען.

קומענדיג צום פריץ, האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז ער האָט טאַקי צו פאַרדינגען אַ קרעטשמע, האַלטען זיך אָבער אויף דאָרטען די חברה של״ר! און הוליען דאָרט גאַנצע נעכט אַזוי, אַז פון די אַלע הייַזער אַרום דער קרעטשמע, זעגען זיך אַלע צולאָפען. לכתחילה איז דער משה געבליבען שטעהן אַ ביסעל צורודערט. ער האָט זיך אָבער גלייַך געכאַפּט, אַז מסתמא, ווען דער רבי האָט איהם אַרויסגעשיקט דינגען די קרעטשמע, דאַרף ער נישט מורא האָבען און זי דינגען, ער האָט דעם פריץ דעריבער גלייַך געזאָגט, אַז ער וויל דינגען די קרעטשמע און אַז ער זאָל איהם זאָגען וויפיל ער וויל פאַר איהר.

דער פריץ האָט זיך זעהר דערפרעהט הערענדיג, אַז ער וויל דינגען די קרעטשמע און איהם ערקלערט, אַז ער איז איהם נאָך גרייט צוצוגעבען פינף הונדערט רענדלעך און איהם שענקען פאַר דריי יאָהר דירה־געלד, אויב ער האָט טאַקי אויף אַן אמת

ברעה צו דינגען די קרעטשמע...

זיי האָבען גלײַך געמאַכט אַ כתב. דער פּריץ האָט איהם געגעבען צוויי הונדערט רענדלעך און צוגעזאָגט, אַז אויב ער וועט אָבוואוינען פיר וואָכען, וועט ער איהם צוגעבען די איבריגע דרײַהונדערט. משה אָזערקאָווער האָט צוגענומען די צוויי הונדערט רענדליך און זיך טאַקי נאָך דעם זעלבען טאָג איבערגעצויגען מיט'ן גאַנצען בני־בית אויפ'ן דאָרף אין דער קרעטשמע אַרײַן.

די ערשטע נאַכט איז אַריבער שטיל מ'האָט קיין זאַך נישט געהערט. אין דער צווייטער נאַכט אָבער איז גלײַך ווי דער זייגער האָט אויסגעשלאָגען צוועלף, אַזוי האָבען זיך אָנגעהויבען צו הערען קולות און געלעכטערס, די בני־בית זענען שוין געשלאָפען, משה אַליין איז נאָך אויפגעווען געזעסען בײַ אַ ליכטעל און אַרײַנגעקוקט אין אַ ספר. ס'פערשטעהט זיך, אַז ער האָט זיך שטאַרק דערשראָקען און גלײַך אָנגעצינדען די לאָמפען, געכאַפּט דעם טלית און זיך אין איהם אײַנגעהילט און אָנגעהויבען זאָגען תהלים... אַ פּאָר מינוט איז געווען שטיל דאַן האָט ער פּלוצלינג דערהערט זעהר אַ הויכען געלעכטער און גלײַך זענען אַלע לאָמפּען פערלאָשען געוואָרען. דאָ האָט זיך משה נאָך מעהר דערשראָקען און געמאַכט אַ געוואַלד, פון וועלכען אַלע האָבען זיך גלײַך אויפגעכאַפּט, און הערענדיג וואָס ס'טוט זיך, זענען אַלע אין דער פינסטער כמעט נאַקעט אַרויס אויף דער גאַס און אַזוי נאַקעטערהייט אַוועקגעלאָפען צום פּריץ, וואָס האָט גראָד געוואוינט נישט ווײַט פון דער קרעטשמע און דאָרט שוין פערבראַכט די גאַנצע נאַכט.

צ[illegible]גענס אין דער פריה, אַז מען איז אַריין אין דער קרעטשמע האָט מען געפונען אַלץ קאַפּויער, די טישען, בענק, שטיהלען, שענק, מיט איין וואָרט אַלץ געווען איבערגעקעהרט, אפילו די קליידער זענען געווען צוואָרפען.

ס'פערשטעהט זיך, אַז משה איז גלײַך נאָך דעם זעלבען

טאָג אַוועק געפֿאָהרען צום רבי׳ן. דער רבי האָט זיך אויסגעלאַכט און איהם נאָך אַמאָל מבטיח געווען, אַז ער וועט פֿון דער קרעטשמע האָבען פּרנסה בריוח.

— פֿאָהר אַהיים — האָט ער צו איהם געזאָגט — איך ווייס פֿון אַלעס... און ער האָט איהם מיט געגעבען זיינס אַנ׳אַלט קאַפּעל, געהייסען האָס צושניידען אויף שטיקלעך און אויף יעדען פענסטער און ביי יעדער טיר אַוועקלעגען אַ שטיקעל קאַפּעל...

משה איז אַהיימגעפֿאָהרען און האָט אַזוי געטון און אַ פּאָר טעג איז שטיל געווען. שבת צונאַכט צו די סליחות, מיר זיצען זיך אַלע אַזוי אַרום די טישען אַזוי ווי איצט, ס׳האָט גראַד אײַנער דערצעהלט אַ מעשה נאָך פֿון גאָר אַלטען ז״ל, איז דער רבי פּלוצלונג אַרויסגעקומען פֿון זיין חדר און אַ געשריי געגעבען צו מיר: אהרן הענעך! זאָל מען גלייך שפּאַנען צוויי ברישקעס. מיר פֿאָהרען אַרוים צו משה אָזערקאָיוער, ער איז מיט זיין בני-בית אין אַ גרויסער סכנה.

געווען איז נאָך בסך-הכל אפשר אַ האַלבע שעה צייט צו די סליחות. ס׳פֿערשטעהט זיך, אַז איך האָב גלייך געהייסען שפּאַנען צוויי ברישקעס, און איך מיט׳ן רבי׳ן און צוויי שמשים האָבען זיך אַרײַנגעזעצט אין איין ברישקע און אַ מנין מקורבים אין די אַנדערע ברישקע, און מיר זענען גלייך אַרויסגעפֿאָהרען.

איך דאַרף דאָך אייך נישט זאָגען, אַז מיר זענען געפֿאָהרען מיט קפיצת הדרך. וואָרום דער וועג אַהין האָט געדאַרפט דויערן אַ צעהן-צוועלף שעה, און מיר זענען אַהין געקומען אין משך פֿון אַ האַלבער שעה... נאָך פֿון דערווייטענס האָבען מיר שוין געהערט שרעקליכע קולות און געלעכטערס, מיר האָבען אויך געהערט די געשרייען פֿון משה׳ס בני-בית און וואָס נעהנטער מיר זענען צוגעקומען צום אָרט, אַלס שוואַכער זענען געוואָרען די קולות מיט די געלעכטערס. ווען מיר האָבען זיך אָבגעשטעלט פֿאַר דער קרעטשמע האָבען מיר שוין במעט

גאָרנישט געהערט, נאָר בלויז די געשרײַען און געוואַלדען פון משה מיטן זײַן הויזגעזינד.

גלײַך האָט דער רבי צו מיר אַ געשרײַ געגעבען: אהרן העניעך! נאַ דיר מײַן שטעקען און גיב אַ קלאַפּ אויף דער טיר, וועט זי זיך גלײַך עפענען...

כך הוה, איך האָב גענומען דעם שטעקען און געגעבען מיט איהם אַ קלאַפּ אויף דער טיר, און גלײַך האָט זיך די טיר געעפענט, און ווי דער רבי איז נאָר אַרײַן אַזוי איז גלײַך ליכטיג געוואָרען, אַזוי האָבען באַלד אַלע לאָמפּען מיט די ליכט וואָס זענען געשטאַנען אויפ'ן אָרט, אָנגעהויבען צו ברענען זעהנדיג דעם רבי'ן מיט'ן עולם האָט זיך משה מיט זײַן משפחה גלײַך בערוהיגט, די נשים זענען אַרײַן אין אַבעזונדערן חדר, און משה האָט דערצעהלט אָט וואָס:

גלײַך נאָך דעם ווי ער האָט געענדיגט די הבדלה, אַזוי האָט זיך פּלוצלינג דערהערט זעהר אַ הויכער געלעכטער, און באַלד דערויף איז עס אין גאַנצען פינסטער געוואָרען. זיי האָבען געוואָלט אַרויס לויפען דורך דער טיר, איז זי אָבער פערהאַקט געוואָרען. האָבען זיי געוואָלט אַרויסלויפען דורך די פענסטער — זענען די פענסטער אויך פערהאַקט געוואָרען. ער האָט דײַטליך געהערט די ווערטער „מיר האָבען נישט קיין מורא פאַר'ן פּושעדבאָרזשער'ס קאַפּעל”... און גלײַך זענען די שטיקלעך קאַפּעל נישט געוואָרען, נישט בײַ די פענסטער און נישט בײַ די טירען. מיר זענען שיער נישט אַלע אָבגעשטאָרבען פאַר אימה, הערענדיג בסדר די קולות מיט די געלעכטערס, און מיר וואָלטען זיכער די נאַכט נישט איבערגעלעבט ווען דער רבי קומט נישט אָן...

דאָ האָט דער רבי אַ שמייכעל געטון און געזאָגט: נו הײַנט וועט שוין זײַן זייער סוף. דאָס איז שוין געווען דאָס לעצטע מאָל...

מיר האָבען זיך אַביסעל אָבגערוהט, פּלוצלונג דערהערען מיר אַ שרעקליך בלאָזען אַזוי ווי פון אַ גרויסען שטורם־ווינד, מיר

האָבען זיך אַלע שטאַרק דערשראָקען. דאָ האָט אָבער דער אַלטער אַ זאָג געגעבען:

עולם! מיר וועלען דאָ זאָגען די סליחות!.. און טאַקע באַלד האָט ער זיך אַליין אָנגעטון דעם טלית און זיך אַוועקגעשטעלט זאָגען „יתגדל"...

אַ ווײַלע איז עס שטיל געוואָרען. מיר האָבען אָפּגעזאָגט דאָס ערשטע קאַפּיטעל און ווידער האָט זיך דערהערט אַ בלאָזען נאָך פיל שטאַרקער ווי פריהער, אַזוי, אַז די שויבען האָבען אָנגעהויבען אַזש צו ציטערען...

דאָ האָט דער אַלטער אַ געשריי געגעבען „איך נפתח פה לפנידו"... איז שטיל געוואָרען בײַ די פענסטער און עס האָבען אָנגעהייבען קלאַפּען אַלע טירען...

דער אַלטער שרײַט ווײַטער „כי על רחמיך הרבים אנו בטוחים". עס ווערט אָבער אַלץ נישט שטיל. נעמט דער אַלטער דעם שטעקען, און גיט אַ געשריי: איך זאָג אײַך איהר זאָלט אַוועקגעהן מיט גוטען!... „יענע" הערען אָבער ניט. שרײַט ער ווײַטער: איך בין אויף אײַך גוזר איהר זאָלט די מינוט אַוועקגעהן!... הערען „זיי" ווײַטער נישט און הויבען גאָר אָן מעקען ווי די קעלבער! ווערט דאָך שוין דער אַלטער אין כעס און וואַרפט דעם שטעקען צו דער טיר. לויפען „זיי" צוריק צום פענסטער און קרעהען אַרײַן ווי די הענער... און מיר הערען דײַטליך אַ קול: מיר פרעגען נישט נאָך דיר, דו פושעדבאָרזשער מאַכער...

דאָ שרײַט דער אַלטער ווײַטער „תפן אלינו ברחמים, ובצל כנפיך נחסה".. ווערט אינגאַנצען פינסטער, און מיר פיהלען ממש, ווי מען שיט אַרײַן גאַנצע קופּעס זאַמד אין שטוב אַרײַן... מיר זענען אַלע שיער נישט געשטאָרבען פאַר פחד, אַ טויט-שרעק האָט אונז אַלע אַרומגענומען, עס האָט אונז ממש געקלאַפּט אַ צאָהן אָן אַ צאָהן. מיר האָבען זיך אָנגעהויבען צוריק צוריקען צו דער טיר פון דעם חדר וואו די נשים זענען געווען, וואָרים דאָרט איז געווען גאַנץ שטיל...

פלוצלינג דערהערען מיר א געשריי פון אלטען אהער געהט אלע!

מיר זענען צוגעגאנגען.

— נאט אייך מיין גארטעל און גארטעלט אייך אלע מיט איהם ארום...

מיר האבען אזוי געטון.

דא האט דער אלטער מיט אלע כחות א געשריי געגעבען ד', ד'! אל רחום וחנון!..

און באלד איז ווידער ליכטיג געווארען אלע לאמפען מיט די ליכט האבען ווייטער אנגעהויבען ברענען דאן האט דער אלטער יעדען פון אונז געגעבען צו ביסלעך טאבאק פון זיין טאבאק פישקעלע און געהייסען אונז דאס ווארפען צו די פענסטער...

מיר האבען אזוי געטון, באלד האבען מיר דערהערט א שרעקליכען קרעהען גלייך ווי טויזענדער הענער וואלטען זיך מיט אמאל צוקרעהט... און אויך א פייפען ווי פון אגעוואלדיגען שטארקען ווינד, און פלוצלינג האט עס ווי א דונער געטון און מיר האבען דייטליך געהערט אקול: דאס מאל פושער-בארזשער האסט דו אונז מנצח געווען!...

און דא איז שוין געווארען אינגאנצען שטיל, מיר האבען שוין דאן רוהיג אבגעזאגט די סליחות, דערנאך האבען מיר אויך דארט אבגעהאלטען די מלוה-מלכה, וועלכע האט געדויערט ביז אין גרויסען טאג אריין.

און דער פריה, אז מיר זענען ארויס האבען מיר געזעהן ליגען אונטערן פענסטער א גאנצע קופע ווייסע און שווארצע קעץ מיט הינערישע פיס...

דער אלטער האט נאך איבערגעלאזט פאר א שמירה זיין רויטע פארטשיילע וועלכע מ'האט ארויפגעלייגט אויפ'ן קוימען, און מיר זענען באלד צוריקגעפאהרען.

וואס זאל איך אייך נאך דא לאנג מעריך זיין

משה איז טאַקי געוואָרען אַנביר עצום. אין דעם דאָרף האָבען זיך צוריק אַלע אַרײַנגעצויגען און דער פריץ דערוויסענדיג זיך פון דער גאַנצער מעשה האָט צוגעשיקט דעם אַלטען גאָר אַ שענע מתנה און משה'ן האָט ער געשענקט נאָך צוויי יאָהר דירה געלד פאַר דער קרעטשמע.

ר׳ פנחס׳ל סענדישאָווער.

אין בראָד האָט אמאָל געוואוינט אגרויסער גביר, וואָס האָט געהאַט זעהר אסך וועלדער, פעלדער און הײַזער, דאָס גאַנצע עשירות איז איהם אָבער נישט אָנגעגאַנגען דערפאַר, ווײַל ער האָט קײן קינדער נישט געהאַט. דאָס ווײַב זײַנס, נאָך גאָר אױנגע, איז געפאָהרען צו די גרעסטע רופאים, צו די גרעסטע רביים און גוטע יודען, עס האָט אָבער אַלץ ניט געהאָלפען און זי איז געבליבען אַן עקרה.

אײַנמאָל זענען זײַ געוואָהר געוואָרען, אַז אין שטעטל סענדישאָוו וואוינט זעהר אַגרויסער גוטער יוד, פּשוט אַ בעל-מופת. ער האָט געהאַט זעהר אַ גרויסען נאָמען, מ׳האָט זיך ממש פון איהם אָנדערצעהלט וואונדער איבער וואונדער. געהײַסען האָט ער ר׳ פנחס׳ל סענדישאָווער, נאָכ׳ן נאָמען פון דער שטאָט. דער גביר מיט׳ן ווײַב זענען דעריבער תיכף געפאָהרען צו ר׳ פנחס׳ל סענדישאָווער.

אויסהערענדיג זײַער בקשה, האָט דער סענדישאָווער געזאָגט צו דער גביר׳טע: גאָט האָט פערשלאָסען דײַן בויך דערפאַר, וואָס דו האָסט פערשלאָסען דײַן הויז פאַר אָרימע לײַט... (זי האָט גע׳שמ׳ט אין דער גאַנצער סביבה פאַר זעהר אַ קאַרגע), אַכט טאָג נאָכאַנאַנד זאָלסטו דרײַ מאָל אין טאָג מאַכען גרויסע סעודות, אָרימע לײַט זאָלען עסען און טרינקען, דײַן הויז זאָל בכלל זײַן טאָג און נאַכט אָפען פאַר אָרימע לײַט בין איך דיר מבטיח, אַז נאָך דאָס יאָהר וועסטו האָבען אַ בן-זכר.

דער גביר מיט׳ן ווײַב זענען אהײמגעפאָהרען, אַ גאַנצע

זואָך כסדר האָט מען דרײַ מאָל אין טאָג געמאַכט גרויסע סעודות, אָרימע לײַט האָבען געגעסען און געטרונקען, מ׳האָט געטון אַלץ וואָס ר׳ פנחס׳ל האָט געהײסען. די גביר׳טע האָט אַפילו געהאַלטען אין אײן קרעכצען. זי האָט אָבער אַלץ מקבל געווען באהבה, דערפאַר וואָס זי האָט געוואוסט, אַז פאַר די אַכט טאָג וועט זי האָבען אַ קינד, דערצו אַ בן זכר!..

אויפ׳ן נײַנטען טאָג, באַלד אין דער פריה, ווען די גביר׳טע איז אַרומגעגאַנגען און געהאַלטען אין אײן שרײַען אויף די דינסטען, אַז זײ זאָלען שוין אַמאָל רײן מאַכען דאָס הויז פון דער בלאָטע, וואָס די אָרימע לײַט האָבען פאַר די גאַנצע אַכט טאָג צוזאַמענגעשלעפּט, און געלויבט גאָט, וואָס זי איז שוין זײערע פטור געוואָרען, איז אַרײַנגעקומען אַנ׳אַלטער אָרימאַן, אַ בלינדער און געבעטען אַ נדבה. דאָ איז אויף איהם די גביר׳טע אָנגעפאַלען און איהר גאַנצען כעס, וואָס האָט זיך בײַ איהר אָנגעזאַמעלט אין משך פון די גאַנצע אַכט טאָג, האָט זי אויסגעלאָזט צו איהם:

— איהר זענט קראַנק געווען נעכטען צו קומען? אַכט טאָג איז אײַך ווענינ געווען? נישטאָ מעהר וואָס צו געבען, געהט!..

— אָבער בעל־הבית׳טע לעבען!—האָט זיך דער אַלטער בלינדער יוד בײַ איהר געבעטען, — איך האָב פון גאָרנישט געוואוסט, איך קום דאָך ערשט הײַנט אין דער פריה אין שטאָט אַרײַן.

— מ׳קען שוין אײַערע תירוצים — האָט זיך די גביר׳טע ווײַטער צושריגען אויף איהם —, גענוג געגעבען אײַך אָנצופרעסען.. נישטאָ מעהר וואָס צו געבען. געהט!..

— גיט כאָטש אַ גלאָז טײ!.. — האָט זיך דער אָרימאַן ווײַטער געבעטען —, איך בין דאָך אינגאַנצען אַדערפרוירענער..

— איהר וועט זיך אַרויסטראָגען פון דאַנען אָדער נײן?— האָט זי אָנגעהויבען שרײַען גאָר אויפ׳ן הויכען קול, געהערט

אַ חוצפּה פון אַשנאָרער! אַכט טאָג זײַ געגעבן צו פרעסען און זויפען, איז זײַ נאָך ווייניג!.. אַרויס, האָב איך אײַך געזאָגט, איהר האָט געהערט?

—אָבער בעל־הבית'טע לעבען! — האָט דער אָרימאַן ווײַטער געוואָלט אָנהויבען רײדען.

דאָ איז אָבער די גביר'טע שוין אַרײַנגעקומען אין גאָר אַ גרויסען כּעס און אָנגעהויבען שרײַען:

— שוין, די מינוט זאָל אײַער פוס דאָ מעהר נישט זײַן, איהר הערט?!..

און געכאַפּט אַ טאָפּ און געוואָלט איהם וואַרפען...

דער אָרימאַן איז צוגעלאָפען צו דער טיר און הויך אויפ'ן קול אַ געשרײַ געגעבען:

— אַ זוהן ווילט איהר האָבען? אַ קאָזשאָל וועט איהר האָבען, נישט קײן זוהן!..

און איז גלײַך דערויף פערשוואונדען.

די גביר'טע איז געבליבען שטעהן דערשראָקען, אויך איהר מאַן, וואָס איז אַרײַנגעקומען אויף די געשרײַען פון ווײַב, איז, הערענדיג די ווערטער פון בּלינדען אָרימאַן, געבליבען שטעהן ווערער אַ דערשראָקענער:

— פון וואַנען ווײסט דער אָרימאַן, אַז זי דאַרף האָבען אַ זוהן?...

בּיידע זענען גלײַך אַרויס אויף דער גאַס, אַרומגעקוקט זיך אויף בּיידע זײַטען, געזוכט און געפרעגט אויף דעם בּלינדען אָרימאַן אין די שכנישע הײַזער, אָבער מ'האָט איהם אין ערגעץ נישט געזעהען, פערפאַלען ווי אין וואַסער אַרײַן...

— וואו האָט ער דאָך געקאָנט אַהינקומען? — האָט די גביר'טע געטראַכט און שוין חרטה געהאַט, וואָס זי האָט זיך אַזוי צושריגען אויף דעם אָרימאַן—, עס קאָן דאָך טאַקע זײַן, אַז ער קומט ערשט צופאָהרען און ווײסט טאַקע נישט, וואָס בּײַ איהר איז אין די גאַנצע אַכט טאָג געווען. בּכלל איז איהר נישט

געפּעלען געווען די גאַנצע האַלטונג פון דעם אָרימאַן...

אויך ער, דער מאַן, האָט מסכּים געווען, אַז דאָס איז עפּעס נישט אַ געוועהנליכער אָרימאַן ווי אַלע אַנדערע אָרימע לײַט. עפּעס דאָס פּנים איז איהם זעהר בעקענט.. אָבער דאָס גרעסטע וואונדער איז בײַ זײַ געווען פון וואַנען ווײַסט דער אָרימאַן, אַז זי דאַרף האָבען אַ זוהן?

אין עטליכע טעג אַרום זענען בײַדע, דער גביר מיט'ן ווײַב, ווידער אַריבערגעפאָהרען צו ר' פּנחס'לען, און מיט טרעהרען אין די אויגען האָט איהם די גביר'טע דערצעהלט די גאַנצע מעשה מיט'ן בלינדען אָרימאַן. ר' פּנחס'ל האָט פריהער געשמײכעלט, דערנאָך האָט ער זיך פערטראַכט, לסוף האָט ער זיך אָנגערופען צו דער גביר'טע:

— איך האָב דאָך אײַך אָנגעזאָגט, אַז אײַער הויז זאָל טאָג און נאַכט זײַן אָפען פאַר אָרימע לײַט, פאַרוואָס האָט איהר שוין אויפ'ן נײַנטען טאָג אַ בלינדען אָרימאַן אַרויסגעטריבען?

— אָבער, הײליגער רבי! — האָט די גביר'טע געוויינט — איך האָב דאָך געמײנט, אַז איהר מײנט דאָס נאָר בלויז אויף די אַכט טאָג. איצט וועל איך שוין אַלץ פאָלגען, גיט מיר אַ תשובה...

— איך קאָן אײַך אַצינד גאָרנישט מעהר העלפען —, האָט ר' פּנחס'ל צו איהר געזאָגט—, פאָהרט אַהײם און פון הײַנט אָן נעמט אויף יעדען אָרימאַן פרײַנדליך, מיט אַ פרעהליך פּנים און גיט איהם עסען און טרינקען, און אויב איהר וועט טאַקע האָבען אַ קאָזשאָל, זאָלט איהר איהם ברענגען צו מיר...

מיט זעהר אַ שווער האַרץ זענען זײַ בײַדע אַהײמגעפאָהרען. די גביר'טע איז טאַקע גלײַך מעוברת געוואָרען, דאָ האָט שוין אָבער דער מאַן איבערגענומען די פיהרונג פון הויז, אָרימע לײַט האָבען זיך מחיה געווען, בעקומען צו עסען און צו טרינקען און דערצו נאָך שעהנע נדבות אויך. עס האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפען און צו דער בעשטימטער צײַט

איז די גביר׳טע געלעגען געװאָרען און געבוירען טאַקע אַ קאָזשאָל...

פערשטעהט זיך, אַז מ׳האָט די זאַך געהאַלטען בסוד סודות און גלײַך אויף מאָרגען נאָכ׳ן געלעגען װערען, איז דער גביר װידער אַריבערגעפאָהרען צו ר׳ פנחס׳לען.

ר׳ פנחס׳ל האָט איהם געהײסען מאַכען אַ זכר און צוגרײטען אַלץ, װאָס מ׳דאַרף האָבען צו אַ ברית.

—אָבער רבי!—, האָט דער גביר אָנגעהויבען צו װײנען, —ס׳איז דאָך אַ אמת׳ער קאָזשאָל מיט פיר פיסלעך, מיט אַ פעלעכעל.. כ׳האָב עס אַלײן געזעהן... װי אַזוי? — — —

—פרעג נישט קײן קשיות, — האָט איהם ר׳ פנחס׳ל איבערגעשלאָגען—, טהו װאָס מ׳הײסט דיך, דו האָסט גאָר נישט געזעהען !..

דער גביר האָט שוין מעהר נישט געפרעגט, איז צוריק אַהײמגעפאָהרען און גענומען אַלץ צוגרײטען װי ר׳ פנחס׳ל האָט געהײסען.

די עטליכע טעג ביז צום ברית איז דער קלײנער קאָזשאָל געלעגען בײַ דער קימפעטאָרין אין בעט, געזױגען פון איהר ברוסט װי אַ געװעהנליך קינד... און אַ חוץ דער הײַבאַם, װאָס איז געװען דעם גביר׳ם אַ לײַבליכע שװעסטער, האָט קײנער ניט געװאוסט פון דעם גרויסען סוד.

— — — — — — — — — — — — — — — —

און װאָס קלערט איהר, ר׳ פנחס׳ל סענדישאָװער האָט נישט געװאוסט װאָס ער רעדט? אויפ׳ן אַכטען טאָג איז נישט געװען קײן ברית װי ס׳דאַרף צו זײן?

זײ האָבען אַלץ געקאָנט.

און דער אַלטער האָט אויסגעפירט...

כידוע, האָט דער אַלטער ז״ל נאָך בימי נעוריו בעשלאָסען אָפּצופּירכטען גלות. די סבה דערפון איז געוועזן דאָס, וואָס ער האָט אַמאָל געזעהען אַ קטרוג, אַז יודען זאָלען אויף אייביג נמסר ווערען צום שר של ישמעאל, ער האָט באַלד דעם זעלבען אין דער פריה, נאָך דעם דאָזיגען חזיון, גענומען טלית ותפילין, געזאָגט דער רבנית „אַ גוטען טאָג" און איז אַוועק...

הגם דער אַלטער ז״ל האָט שוין צו יענער צייט געהאַט אויבען א גרויסען כח, שוין געוועזן דאָרט אַ גרויסער תקיף, איז אָבער דאָך געוועזן דער רצון פון הימעל, אַז ער זאָל בלייבען אין דער היים. דער אַלטער האָט דאָס גאַנץ גוט געוואוסט. ער האָט געזעהן, אַז ער וועט האָבען אויפ'ן וועג גרויסע מניעות, שווערע נסיונות, ער האָט אָבער אויף קיין שום זאַך נישט געקוקט, און פעסט בעשלאָסען אָפּצוהאַלטען דעם גלות.

— זאָל זיין וואָס עס וויל — האָט ער געטראַכט — דער קץ מוז אַמאָל קומען!...

אַזוי זענען פערגאַנגען טעג, וואָכען, חדשים, דער אַלטער געהט אויף זיין גלות-וועג אָנגעטון, פערשטעהט זיך, ווי אַ פּשוט'ער אורח מיט אַ שטעקען אין דער האַנד, אַ טאָרבע ביי דער זייט, געהט אַזוי פון שטאָט צו שטאָט, פון דאָרף צו דאָרף, וואו געטאָגט — ניט גענעכטיגט... וואו געגעסען וואַרעמס — ניט געגעסען קיין וועטשערע, פיל נעכט געשלאָפען אויפ'ן פעלד, תעניתים האָבען אויך נישט געפעהלט, אָפט מאָל טאַקע צו צוויי און צו דריי נאָכאַנאַנד... די כוחות הויבען זיך אָן בים-

לעכווײַז אויסצולאָזען.. און דאָ איז געװאָרען אויבען אַ רעש: ווי לאַנג נאָך? ווי לאַנג נאָך וועט מען איהם אַזוי לאָזען געהן? ער האָט דאָך שוין גאָר קײן חיות ניט.. און אַז דער אַלטער וועט נישט נאָכגעבען — דאָס איז קלאָר ווי דער טאָג!..

אַ הײסער זומער־טאָג. די זון באַקט מורא׳דיג, ברִיהט ממש אַדורך ביז צום לײַב, דער אַלטער אָבער מאַכט זיך ניט וויסען — און געהט, דער וועג איז אַ שווערער, קוים וואָס מ׳קאָן אַרויסשלעפען די פיס פון דעם טרוקענעם און הײסען זאַמד, דער גרויסער שטויב־וואָלקען פערהאַקט דעם אָטעם, אין האַלז איז טרוקען, די לופט איז שווער און שטיקענד, קײן הויז זעהט מען נישט. אַ ביסעל גראָז אָדער אַ בלימעל זעהט מען נישט, אַ פּנים נאָך זעהר ווײַט פון אַ ישוב... פערטיפט ער זיך אין אַ ענין און געהט ווײַטער...

— תניא.. אלמלא יצר הרע — ווען נישט דער יצר הרע, וואָלט משיח שוין לאַנג געקאָנט קומען. ווײסען מיר דאָך אָבער, אַז שבעה שמות ליצר הרע!— אַז זיבען נעמען האָט דער יצר הרע: ערל, טמא, רע, שונא, אבן, מכשול, צפעוני.. און שמונה שמות למשיח און, אַז אַכט נעמען האָט משיח: יגון, צמח, משיח, פלא, יועץ, אל־גבור, אבי־עד, שר־שלום, הײַנט פרעג איך, וואו איז דער יושר, אַז זיבען זאָלען זײַן שטאַרקער ווי אַכט? אַז אל־טמא זאָל בײַקומען דעם אל־גבור?.

צעהן מאָס חכמה האָט כביכול בעשאַפען, נײַן מאָס האָט גענומען ישראל, און אײַן מאָס די גאַנצע וועלט. צעהן מאָס שעהנהײַט האָט כביכול בעשאַפען, נײַן מאָס האָט גענומען ישמ־אל און אײַן מאָס די גאַנצע וועלט. הײַנט פרעג איך וואו איז דער יושר, נעמען דעם שענעם און קלוגען ישראל און איהם מוסר זײַן צום מאוס׳ען און נאַרישען ישמעאל?...

די היץ ווערט שטאַרקער. עס ברענט מורא׳דיג, ממש אַ פײַער געהט פון הימעל. און ער, דער אַלטער ז״ל — גאָר

בּישט, געהט און געהט, גלייך ווי בּיי זיך אין חדר...

ריזיגע גרויסע טראָפּענס שווימען פון אַלע זייטען, ווישט ער מיט דער רויטער פּאַטשיילע — און געהט אַלץ ווייטער — פּלוצלונג — אַ הייזעל!..

איז עס אַבּיסעל פּלא'דיג. ווי קומט עפּעס פּלוצלונג אויף אַזאַ וועג אַ הייזעל? נאָר גיי פרעג קשיות אויפ'ן רבונו של עולם'ס וועלט...

קומט דער אַלטער ז"ל צו צום הייזעל, שטעלט ער זיך אָפּ, קוקט אויף דער טיר, גיט אַ שמייכעל און וואַרט, אַז עס זאָל עמיצער אַרויסקומען.

דויערט עס אַ פּאָר מינוט און קיינער קומט ניט אַרויס, פערטראַכט ער זיך דערווייל: — מה טובו אוהליך יעקב!, זעה', טאַטעניו, ווי גוט און ערליך איז ישראל, אַז אפילו אין מיטען פעלד איז ער אויך מקיים דיינע מצוות!..

— ר' אורח קומט אַריין! — שלאָגט איהם פּלוצלונג אַ קול איבּער די רעיונות —, קומט אַריין, וועט איהר זיך אַבּיסעל אָפּרוהען, טרינקען אַ גלאָז מילך, און אפשר זענט איהר הונגעריג — וועט איהר זיך וואַשען..

הויבּט ער ז"ל אויף די אויגען, די טיר שטעהט אָפען, נעבען דער טיר שטעהט אַ אשה.

— איז נאָך ווער אין שטוב פאַרהאַן?

—ניין, מיין מאַן איז אַוועק אין שטאָט. ער וועט אודאי באַלד צוריקקומען, איהר קאָנט אָבּער דערווייל אַריינגעהן אין שטוב, איהר זענט דאָך אודאי זעהר מיד, דורשטיג, אין דרויסען איז אַזאַ חמימה.. קומט אַריין!

קלערט ער ז"ל אַ ווייל'ע און פרעגט:

— איז נאָך ווייט צום שטעטל?

— פיר מייל..

— און צו אַ דאָרף?

-- ניטאָ קײן דאָרף, ביז צום שטעטל איז דאָס אײנ־ציגע הויז..

פערשטעהט זיך דאָך, אַז ער ז״ל וועט ניט עובר זײַן אויף יחוד, זאָגט ער אַ גוטען טאָג און געהט ווײַטער.

ווערט אָבער פּלוצלונג פערוואָלקענט, דער הימעל ווערט שוואַרץ — ממש חושך מצרים.. און אײדער וואָס ווען, ברעכט אויס אַ געוויטער, און עס פאַלט אַ שלאַגס־רעגען, אַ מבול..

זעהט דער אַלטער ז״ל, אַז עס איז שלעכט, געהן ווײַטער קאָן ער ניט, אַרײַנגעהן אין הײַזעל איז יחוד, ווײסט ער ז״ל ניט וואָס צו טון, נעמט ער אַרויס די רויטע פאַ־טשײלע, שפּרײט זי אויס אויף דער ערד, און לײגט זיך אַוועק מיט׳ן פּנים אַראָפּ... האָט דער רעגען טאַקע גלײַך אויפגעהערט, דער הימעל איז צוריק געוואָרען לויטער און די זון ברענט ווי־דער, גלײַך ווי עס וואָלט גאָר ניט געשעהן.

אַז דער אַלטער האָט זיך צוריק אויפגעשטעלט, איז ער געבליבען שטאַרק פער׳חידוש׳ט, עפּעס איז ער אײנגאַנצען ווי מבולבל געוואָרען, דאָס הײַזעל איז געווען פערשוואונדען, פערטראַכט ער זיך ווידער אויף אַ ווײַלע:

— אַזוי גאָר? איז דאָס ניט מעהר ווי אַ נסיון? אַ מניעה׳לע אין וועג? —, און צושמײכעלט זיך, אַ פּנים, אַז עס טוט איהם הנאה, אדרבא זאָלען זײ אויבען זעהן, אַז מ׳וועט מיט איהם גאָרניט מאַכען...

אָפּגעגאַנגען אַ שעה־צוויי זעהט ער פון ווײַטען ווידער אַ הײַזעל, אַ שטיקעל פעלד, אַ ביסעל גראָז, אַ בוימעל, דערנאָך נאָך אַ הײַזעל און נאָך אַ הײַזעל, פערשטעהט שוין דער אַלטער ז״ל, אַז ער איז אין אַ דאָרף און אין אַ דאָרף וואוינען דאָך יודען אויך, געהט ער פון הײַזעל צו הײַזעל, ביז ער קומט אַרײַן צו אַ יוד, איז די שמחה בײַ׳ם יוד זעהר גרויס. נײַן זענען זײ אין דאָרף. מיט איהם וועט זײַן צעהן, און דאָ איז שוין דאָנערשטאָג, מאָרגען איז פרײַטאָג,

זײַ האָבען אַ ספר, אַ בעל קורא — װעט זײַן אַ מנין!

פערטראַכט זיך דער אַלטער: אַ מנין איז אודאי זעהר אַ גרױסע זאַך, אָבער אַז ער װעט בלײַבען דרײַ מעת־לעת אױף אײן אָרט, װאָס פאַר אַ גלות װעט דאָס זײַן?

זאָגט ער צום יוד:

— השי"ת װעט אײַך צושיקען אַן־אַנדערן אורח, און איך מוז אױף שבת געהן אין שטאָט אַרײַן.

פערשטעהט זיך דאָך, אַז דער יוד לאָזט ניט, רופט צוזאַמען די איבריגע אַכט יודען, אַלע בעטען, אַלע רעדען:

— ר' יוד! װאו איז עולם הבא? שטערען אַ מנין, איז דאָך עפּעס ניט קײן קלײניגקײט.

ערקלערט ער ז"ל, אַז ער װײסט טאַקע װאָס אַ מנין איז, ער קאָן אָבער בשום אופן ניט בלײַבען. כאור הבוקר מוז ער אַװעקגעהן, און מעהר װי איבערנעכטיגען טאָר ער ניט, ער מוז געהן װײַטער. ער האָט זעהר אַגרױסע און שװערע שליחות... עס האַנדעלט זיך װעגען אַ גרעסערע זאַך װי אַ מנין.

זענען אָבער יודען גרױסע עקשנים, װילען זײַ פון גאָר־נישט װיסען, זײַ װעלען איהם בשום אופן ניט אָפּלאָזען, עס װעט איהם גאָרניט העלפען — זאָגען זײַ אַלע װי אײנער —, זײַ װעלען צוליב איהם קײן מנין ניט פערלירען און ער מוז בײַ זײַ בלײַבען אױף איבער שבת.

און אַז זײַ זעהען, אַז זײַ קאָנען מיט איהם גאָרניט מאַכען, נעמען זײַ בײַ איהם אַװעק טלית און תפילין, װאָרום אָהן טלית און תפילין װעט ער דאָך ניט אַװעקגעהן.

כאור הבוקר איז שױן דער אַלטער ז"ל געװעזען אָנגעטון און אָפּגעזאָגענדיג קלײן קריאת שמע, בעט ער בײַ'ם יוד דעם טלית און תפילין.

דער יוד לאַכט און װיל ניט געבען, לאָזט זיך דער אַלטער געהן אָהן טלית און תפילין, ער װעט צושיקען אַן־אורח פון שטעטל, װעט ער שפּעטער אָפּנעמען.

פערשטעלט איהם אָבער דער יוד דעם וועג:

— איהר וועט ביי מיר ניט אַרויסגעהן! איהר וועט מיט מיר גאָר ניט מאַכען — זאָגט ער בייז —, און ווילט איהר ניט בלייבען מיט גוטען, וועט איהר בלייבען מיט בייזען...

זעהט ער ז״ל, אַז עס איז שלעכט, צוויינט ער זיך אויף אַ קול:

—יוד! איהר מאַכט חרוב די וועלט, איהר ווילט אומבּרענגען דעם גאַנצען כלל ישראל!—, און צעהעשעט זיך ווי אַ קינד...

ווערט אויבען ווידער אַ רעש. אַז דער אַלטער וויינט, וויינען מיט אַלע ש״י עולמות, מלאכים און שרפים, ציטערט דער כסא־הכבוד און כביכול פרעגט.

— וואָס איז?

— דער אַלטער וויינט, העשעט ווי אַ קינד —, ענטפערן אַלע אין גרויס עצבות, און עס שוועבט אַ פּחד אין אַלע היכלות, אין אַלע עולמות העליונים.

לאָזט כביכול אַליין אַ טרעהר און רופט אויס:

— גענוג!

און כהרף עין האָט דער אַלטער דערזעהען, אַז ער זיצט גאָר אין מיטען פעלד, נעבען איהם ליגט זיין טלית און תפילין און דאָס גאַנצע דאָרף מיט אַלע הייזער און יורען זענען גאָר געוועזען אַ דמיון, שטויסט ער זיך שוין אָן וואָס דאָס איז געוועזען, טוט עס איהם ווידער הנאה, צושמייכעלט ער זיך:

—אדרבא! זאָלען זיי אויבען איינמאָל פאַר אַלע מאָל זעהן, אַז זיי וועלען ביי איהם גאָרניט קאָנען אויספיהרען.

און דער אַלטער האָט אויסגעפיהרט.

פרייטאָג צונאַכטס, ליגענדיג אויף דער האַרטער באַנק אין בית המדרש, האָט מען איהם מן השמים מודיע געוועזען, אַז ער האָט אָפּגעהאַלטען אַ נצחון איבער דער פּמליא של מעלה.. אַז ער ז״ל האָט אויסגעפיהרט. דער קטרוג איז אויס, און

ישראל װעט ניט נמסר װערען צום שר של ישמעאל.

זונטאָג אין דער פריה איז דער אַלטער גלײַך צוריק אַהײם, אויפ'ן װעג האָט ער געהאַט קפיצת הדרך און אויפ'ן צװײטען שבת, שבת של סליחות, איז ער שוין געװען אין דער הײם.

באַלד נאָך סליחות האָט דער אַלטער ז"ל אַרײַנגערופען צו זיך אין חדר אַלע זײַנע מקורבים און זײ דערצעהלט פון אַלע זײַנע מניעות און נסיונות, װאָס ער האָט געהאַט בעת זײן גלות.

אין דער זעלבער צײַט איז זיך געזעסען דער חוזה אין לובלין און אויך פאַר זײַנע מקורבים דערצעהלט די גאַנצע מעשה.

ראש השנה, בעת דער אַלטער ז"ל איז געװען אין לובלין (דער אַלטער פלעגט נאָך יענע צײַט פאָהרען אויף די ימים נוראים צום „לובלינער"), האָט איהם דער לובלינער זעהר שטאַרק מקרב געװען, דער עולם האָט זיך געהאַלטען אין אײן חידוש'ן װאָס דער גרויסער חוזה איז אַ יונגען רבי אַזױ שטאַרק מקרב.

דעם צװײטען טאָג יום־טוב, נאָך טיש, האָט דער לובלינער געהײסען דעם אַלטען דערצעהלען די גאַנצע מעשה פאַר'ן עולם. בעת דער אַלטער האָט געענדיגט, האָט דער לובלינער געזאָגט מיט צופרידענהײט:

— אָט אַזױ, אלתר משה'לע? נאָר ניט נאָכגעבען, שפּאַרט מען זיך אַמאָל עפּעס אײן, מוז מען עס זעהן אויספיהרען. איך בין מיט דיר שטאַרק צופרידען, דו ביזט שוין זעהר װײט אַװעק!

אינהאלט:

1) וועלוועלע מתנגד.
2) אַ מעשה מיט ציבעלעס.
3) דעם סטריקאָווער'ס ניגון.
4) דער יאַריטשאָווער משיח.
5) ר' יצחק'ל באָלעכאָווער.
6) די בעלכאַטאָווער רביצין.
7) שפּעט אין דער נאַכט.
8) דער געמיראָווער פּרוש.
9) אמאָליגע אידען.
10) דעם ראַדאָשיצער'ס לילקע.
11) מזל טוב.
12) דער ליפּאַווער דאָקטאָר.
13) דער ברית.
14) לייבקע דער וואַסער-טרעגער".
15) צוויי חברים.
16) די חתונה.
17) אַ מעשה מיט אָקסען.
18) דער קאָזלאָווער רב.
19) דער שדוך.
20) דער דבוק.
21) אָפּגעראַטעוועט אַ שטעדטעל.
22) יעקעל דער ישובניק.
23) די מלחמה.
24) ר' פּנחס'ל סענדישאָווער.
25) דער אַלטער האָט אויסגעפיהרט.

פֿאַרלאַג און בוכהאַנדלונג

א. שפּירא, מ. יוסטמאַן

וואַרשאַ, נאָוואָליפּקי 8.

טעלעפאָנען 211-48, 186-94

Konto P. K. O. 4,683

אין אונזער בוכהאַנדלונג איז צו בעקומען אַלערליי ביכער פון אַלע פ ע ר ל אַ ג ע ן: צענטראַל, שטיבעל, אחיאסף, קולטור-ליגע, קלעצקין, כלל-פערלאַג (בערלין), מנורה (וויען) או"וו

אונזער בוכהאַנדלונג צייכענט זיך אויס מיט זיין פּינקטליכקייט און שנעלקייט.

בוכהאַנדלונגען און שולען בעקומען אַ געהעריגען ראַבאַט.

אַ ד ר ע ס:

Wydawnictwo i Księgarnia

A. SZAPIRO

Warszawa, Nowolipki № 8.